STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09921

12TER OYGUST, 1952

Yosef Kerler

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף קערלער / 12טער אויגוסט, 1952

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון

קרן בית הנשיא ע״ש זלמן שזר ז״ל

קרן תל-אביב לספרות ולאמנות

דעם אליעזר פינעס-פאַנד פאַר קולטור און ליטעראַטור

דעם יידישן שרייבער-פאַראַיין אין ישראל

יוסף קערלער

12טער אויגוסט, 1952

הילע פון קינסטלער
לב סירקין

פאַרלאַג ״אייגנס״
ירושלים, תשל״ח — 1978

JOSEF KERLER

12 AUGUST, 1952

יוסף קרלר / 12 באוגוסט, 1952

cover by

Lev Sirkin

כל הזכויות שמורות למחבר
Copyright © 1978 by
Josef Kerler

נדפס בישראל, תשל״ח / 1978
Printed in Israel, 1978

דפוס צור־אות, ירושלים

זכור

12טער אויגוסט 1952

אין דעם דאָזיקן טאָג, אין דעם דאָזיקן טאָג
פאַרשפאַרן מיר שטאַרקער די פיין און די קלאָג,
די פיין — אינעם האַרצן, די קלאָג — צווישן ציין:
בערגעלסאָן,
מאַרקיש,
קוויטקאָ...
האָפשטיין.

זיי זיינען געפאַלן אין מיטן דער נאַכט
און ס׳האָט קיינער קיין טרייסט פאַרן טויט זיי געבראַכט...

און די איינציקע שיין וועלכע האָט זיי געזאַלבט
איז געווען דאָן — דער בליץ פון דעם רוצחישן זאַלפ...

אין דעם דאָזיקן טאָג, אין דעם דאָזיקן טאָג
מיין צעבלוטיקט געזאַנג הייב איך אויף
און איך טראָג —

מיין ליד — אַ מצבה, מיין האַרץ — ווי אַ ליכט,
נאָר איך וועל שוין, ווייזט אויס, ניט דערפילן מיין פליכט —
ס׳איז ניטאָ וווּ צו שטעלן קיין ליכט און קיין שטיין —
בערגעלסאָן,
מאַרקיש,
קוויטקאָ...
האָפשטיין.

אַ הספד איבער צעזייטע קברים

זיי האָבן באַשטימט אָנצוהויבן מיט שלמה מיכאָעלס. נישט קיין ווונדער. מיכאָעלס האָט פאַרקערפּערט מיט זיך די העכסטע דערגרייכונגען פון דער יידישער קולטור אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד. אַ געניאַלער שוישפּילער, וועמענס אייגנאַרטיקע אַנדערשקייט ס'האָט קיינער נישט געקאָנט פאַרבייגיין, אָדער באַשטרייטן.

די רייכקייט פון זיין געשטאַלטן־גאַלעריע איז אומבאַגרייפלעך רחבותדיק: פון אוריאל אַקאָסטאַ ביז טביה דעם מילכיקן! פון בנימין השלישי ביז קעניג ליר! און יעדעס ניי־געשאַפן געשטאַלט איז געווען אַן אמתע אויפטרייסלונג פאַר דער קאַלירפולער און שפּרודלדיקער דאַן טעאַטראַלער מאָסקווע! מיכאָעלס — דער שיין־צעוואַקסענער דעמב, וועמענס מעכטיקע וואָרצלען ס'האָבן אַנגעשלאָגן אין די טיפסטע טיפענישן פון יידישער קולטור און פאָלקס־טראַדיציע, וועמענס קרוין ס'האָט זיך באַהעפט מיט דער מאָדערנער לאַנד־און וועלט־קונסט.

אַ גרויסער אויטאָריטעט אין פראַגן פון קינסטלערישער שעפערישקייט, האָט מען זיך צו אים אפשר מער צוגעהערט ווי צו סטאַניסלאַווסקין, ווייל

דער לעצטער איז שוין דאַן געוואָרן אָפיציעל אַקאַדעמיזירט, קאַזיאָנע קאַנאָניזירט...

זיי האָבן באַשטימט אַנצוהויבן מיט שלמה מיכאָעלסן...

דעם פלאַם־פייערדיקן אָראַטאָר און אומדערמידלעכן אַנטי־פאַשיסט, דעם, וועמען ס׳האָט זיך איינגעגעבן איבערוואַרפן אַ בריק צווישן דעם סאָוועטישן און דעם וועלט־יידנטום, נאָך לאַנגע יאָרן פון געצוווּנגענער אָפּגעזונדערט־קייט. איינער פון די ערשטע האָט ער געוואָרפן זיין צעוויטיקט־אַלאַרמירנדיקן רוף: ״אייניקייט!״ — אייניקייט פון גאַנצן יידישן פאָלק אין אַנבליק פון טאָטאַלער פאַרניכטונג, אייניקייט אין קאַמף מיט דער שרעקלעכסטער מגיפה פון פאַשיזם; אייניקייט פון יידישן פאָלק מיט אַלע פרייהייטס־ליבנדיקע פעלקער!

דער אמת איז, אַז נישט נאָר יידן האָבן נויטיק באַדאַרפט די דאָזיקע אייניקייט. די אייניקייט פון דעם אָמיינסטן געטראָפענעם, און אָמיינסטן איינפלוסרייכן יידישן פאָלק האָט אַרויסגעהאָלפן (און נאָך ווי!) סיי גייסטיק, סיי מאַטעריעל און סיי פיזיש דער סאָוויעטישער אָרדענונג און דעם סאָוויע־טן־לאַנד. וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אין אַ קאַטאַסטראָפאַלן, בלוטנדיקן מלחמה־צושטאַנד מיטן פאַרויסמאַרשירנדיקן היטלער־דייטשלאַנד.

מיכאָעלס איז געשטאַנען אין שפּיץ פון יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָ־מיטעט און האָט געפעסטיקט די דאָזיקע אייניקייט.

צוויי יידן זענען מער פון אַלע אָנגעגריפן געוואָרן דורך דער געבעלס־פראָפּאַגאַנדע: מיכאָעלס און ערענבורג...

טויזנטער יידן פון אַלע עקן וועלט פלעגן שרייבן בריוו מיט פאָלגנדיקן אַדרעס: ״מאָסקווע, מיכאָעלסן״. אין קיעוו, נאָך די גרעסטע בלוט־שחיטות איבער דער יידישער באַפעלקערונג, נאָך באַבי־יאַר, האָבן די דייטשן פאַר־שפרייט פלוג־בלעטלעך מיטן פאָרטרעט פון שלמה מיכאָעלס: ״זוכט אויס און פאַרניכטעט די קרעציקע יידן. אַזוי זעט אויס אַ ייד״.

יאָ, מיכאָעלס האָט צופיל אויסגעזען ווי אַ ייד און די ״יידישע אייניקייט״ האָט מען שוין אויך מער נישט באַדאַרפט אין 1948 יאָר!

צוזאַמען מיטן גרויסן נצחון פון רוסלאַנד איבער היטלער־דייטשלאַנד איז אויך געקומען דער נצחון פון דער פאַשיסטישער אידעאָלאָגיע איבער די סטאַליניסטישע זעלבסט־הערשער, וועלכע האָבן נאָך בעת דער מלחמה זאַרגפעליק געכאַוועט אין זיך די גיפטיקע שלאַנג פון גרויס־רוסישן שאָוויניזם...

איצט, אין 1948, איז די יידישע אייניקייט זיי געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלדז; נישט אייניקן האָבן זיי געדאַרפט, נאָר אָפּזונדערן, אָפּזונדערן, כדי גרינגער צו שעכטן.

און זיי האָבן אָנגעהויבן מיט שלמה מיכאָעלסן...

דער מיניסטאָרן־ראַט פון ווייס־רוסלאַנד האָט אים אַרויסגערופן. אים, דעם גרויסן מומחה, דעם פאָרזיצער פון קאָמיטעט פאַר די סטאַלין־פּרעמיעס, "ער זאָל דאָרט אינספּעקטירן אַ פּאָר טעאַטראַלע פאָרשטעלונגען"... אַרויס־געפאָרן איז ער דעם צוועלפטן יאַנואַר, פאַרנאַכט. אין אַ מעת־לעת אַרום האָט מען שוין געפונען זיין רצחיש־צעהרגעטן קערפּער אויף די חורבות פון מינסקער געטאָ...

— זאָל זיין... אַן אויטאָמאָבילן־קאַטאַסטראָפע!... — האָט באַפוילן סטאַלין, נאָכדעם ווי מען האָט אים ראַפּאָרטירט וועגן דעם אָפּגעטאָענעם שטיקל אַרבעט...

דער מאָסקווער יידישער טעאַטער איז נאָך אַ שטיק צייט געווען טע־טיק... מע האָט אַפילו באַשטימט צוויי מלוכהשע סטיפּענדיעס אויף מיכאָעלסעס נאָמען פאַר דער שטודירנדיקער טעאַטראַלער יוגנט...

אָבער אין געדיכטעניש פון פאָלק האָט מען שוין דאַן אינסטינקטיוו גע־פילט, — מיכאָעלס איז בלויז דער ערשטער קרבן, די ערשטע בלוטיקע פאָר־שפּיל צו די טראַגישע קאַטאַסטראָפאַלע געשעענישן פון די יאָרן 1948—1953.

דאָס פאָרגעפיל פון גרויסן פאָלקס־אומגליק וואָס דאַרף ערשט קומען האָט זיך ממש געטראָגן אין דער לופטן בעת דער גראַנדיעזער לוויה פון מיכאָעלסן, וועלכע האָט זיך אויסגעגאָסן אין אַ סטיכישן מאַסן־פּראָטעסט, טראָץ אַלע באַוואָרענישן פון די מאַכטהאָבער. אַמשטאַרקסטן האָט דאָס פאַרצייכנט דער גרויסער דיכטער פון סאָוויעטישן יידנטום — פּרץ מאַרקיש. ("ש. מיכאָעלסן — אַ נר תמיד ביים ארון").

מען האָט באַדאַרפט האָבן אַ צער־און צאָרנדיק לייבן־האַרץ, כדי דאַן צו ברעכן אַלע צוימען פון פאָרזיכטיקייט און קעגנשטעלן זיך דער אָפיציע־לער סטאַליניסטישער ווערסיע וועגן אַן "אויטאָמאָבילן־קאַטאַסטראָפע".

פאַרדעקט די ווונדן האָט אויף דיין געזיכט דער שניי,
באַרירן זאָל דיך ניט פון פינסטערניש דער שאָטן,
נאָר ס׳ברויזט אין דיינע אויגן, טויטערהייט, דער ווײ

און ס׳שרייט די פּיין פון האָרץ פון דיין צעטראָטנס:
״כ׳וויל קומען, אייביקייט, פאַר דיין געשענדטער שוועל
מיט מאָרד־צייכנס און לעסטער אויפן פּנים,
ווי ס׳גייט אַרום מיין פאָלק אויף פינף זעקסטל וועלט, *

פאַרשטייט זיך, אַז פרץ מאַרקיש האָט נאָר וויטיקלעך געאַנט, פאַרגעפילט די גרויסע בראָך, וואָס דאַרף ערשט קומען, דערפאַר אָבער האָט ער גאַנץ דייטלעך אַרויסגעבראַכט די בלוטיקע פאַרבינדונג צווישן די מערדער פון מיכאָעלסן מיט די פאַשיסטישע רוצחים פון זעקס מיליאָן יידן.

און ס׳שטראָמט דער טרויער, שטומערהייט ער מאָנט,
אַרום דעם האָרץ פון גאַנצן פאָלק דיין בראָך אַדורך איז!
ס׳באַערן אין די קברים דיך מיט אויפשטיין זעקס מיליאָן,
ווי דו האָסט זיי מיט אומפאַלן באַערט אויף מינסקער חורבות.

דער צעשטורעמטער דיכטער האָט געטראָפן אין סאַמע פּינטל. דאָס דערמאָרדן מיכאָעלסן איז געווען אַ המשך פון דער היטלעריסטישער ענדלייזונג־פּאָליטיק. דאָס איז געווען די נקמה פון פאַשיזם איבער דעם גרויסן יידישן קינסטלער, דעם סאַמע אויפריכטיקן און אַנטשלאָסענעם אַנטיפאַשיסט — שלמה מיכאָעלס.

די ווייטערדיקע געשעענישן האָבן גאָר גיך דערוויזן, אַז אָט דער מאָרד איז אויך געווען אַ פאָרשפּיל צו דער ברייט־פאַרמאָסטענער אַקציע פון די קרעמל־הערשער, וועלכע האָבן געשטעלט פאַר זיך אַלס אַ ציל — לאָמיר דאָס איצט זאָגן אָפן און מיטן פולן מויל — די פאַרזעצונג פון דער פאַשיס־טישער יידן־אויסטראָטונג אויף דער טעריטאָריע פון סאָוועטנפאַרבאַנד.

אַלע די, וואָס פּרוּוון זיך קעגנשטעלן דעם דאָזיקן אויסגעוויטיקטן אמת מיט עקלהאַפטער שטאַמלעניש וועגן ״אייניקע פעלערן אין פעריאָד פון פּערזאָנען־קולט״, וואָס האָט גאָר קיין שייכות נישט מיט דעם אַזוי גע־רופענעם ״סאָציאַליסטישן סיסטעם״, אַלע די, זענען אויס נאַקעט און נעבעכ־דיק אין דער שיין פון פאַקטן פון יענער בלוטיקער עפּאָכע.

פאַקטן: 1) די פולשטענדיקע ברוטאַלע ליקווידאַציע פון אַלע יידישע

* ווען מאַרקיש האָט צום ערשטן מאָל געלייענט דאָס ליד האָט די לעצטע שורה געקלונגען: ״ווי ס׳גייט אַרום מיין פאָלק אויף אַלע עקן וועלט״.

קולטור־און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס במשך פון איין יאָר 1948—1949. 2) דאָס פאַרפאַלגן די מערהייט יידישע שרייבער, קולטור־טוער, טעכנישע און וויסנשאַפטלעכע אינטעליגענץ ביזן יאָר 1954. 3) דער גראַנדיעזער בלוט־בלבול וועגן "די מערדער אין ווייסע כאַלאַטן", ד. ה. וועגן די אַנגעזעענע און חשובע יידן־מעדיקער, — פּראָפעסאָרן און אַקאַדעמיקער, וועלכע זענען לויט דער באַשולדיקונגס־ווערסיע "ווערבירט געוואָרן דורך פאַרשידענע אימפּעריאַליסטישע אויסשפּיר־אַגענטורן, דער עיקר — דורך דעם אַלוועלטלעכן ציוניזם, כדי צו פאַרסמען די פירער און די באַפעלקערונג בכלל פון רוסלאַנד".

דער דאָזיקער עלילת־דם האָט לויט זיין פאַרנעם און לויט זיינע פאָלגן באַדאַרפט אַריבערשטייגן אַלע בלוט־בלבולים פון די פאַריקע פינצטערע רעאַקציאָנערע צייטן . . .

אויב רעדן וועגן דאָקומענטן איז נישט נויטיק דווקא אַרויסקריגן די געהיימע אינסטרוקציעס, וואָס מען באַדאַרף ווייטער טאָן "מיט דער דאָזיקער נאַציע" (אַזוי פלעגט מען באַצייכענען אונדזער פאָלק אויף אָפענע פאַרזאַמלונגען און מיטינגען), מען מוז ניט גראַד אַרויסשמוגלען פון די ק. ג. ב.־סייפן די אינקוויזיציע־מאַטעריאַלן, די אַזויגערופענע אויספאַרשונג־פּראָטאָקאָלן איבער די צענדליקער טויזנטער יידישע קרבנות. ס'זענען אַפילו ניט נויטיק איבערצובלעטערן די צענדליקער ביכער, די גבית עדות פון די לעבנגעבליבענע אַרעסטאַנטן און לאַגערניקעס.

די אינקוויזיטאָרס האָבן זיך זעלבסט דעמאַסקירט מיט די טויזנטער שענדלעכסטע אַנטיסעמיטישע פּובליקאַציעס אין דער מעכטיקער פּרעסע פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד. די מיליאָנען העצע־ביכער און בראָשורן פון די סאַפּראָנאָווס, טשעטשאָטקינעס, אַרדאַרמאַטסקיס און אַנדערע פּאָגראָמטשיקעס.

ווער ס'וועט זיך נאָר פאַראינטערעסירן, ווער ס'וועט זיך נישט מיאוסן איבערצובלעטערן די דאָזיקע קוים־פאַרמאַסקירטע נאַציסטישע שוואַרץ־מאַהדיקע שמירעכצן, וועט האָבן פאַר זיך אַ גאַנץ דערווייזלעכן מאַטעריאַל וועגן די פינצטערע כוונות פון די סאָוויעטישע הערשער אין באַצוג צום יידישן פאָלק.

אָבער דאָך וועגן איין זאַך האָט די אַזוי גערופענע סאָוויעטישע עפנטלעכקייט אַנגענומען אַ מויל מיט וואַסער און געשוויגן. דאָס איז די פראַגע וועגן דעם גורל פון די וויכטיקסטע שעפער פון דער יידיש־סאָוויעטישער

קולטור... דאָ וואָלט מען זיך שוין געדאַרפט ווענדן צו גאָר אַן אַנדער מקור — צו דער אַזויגערופענער „פּראָגרעסיוור" פּרעסע פון אויסלאַנד. מען וואָלט געדאַרפט שאַפן אַ „שוואַרצן בוך" וועגן די שוואַרצע מעשים פון די, וועלכע האָבן פרייוויליק, מיטן גוטן ווילן מיטגעהאָלפן פאַרשפּרייטן די סאָוויעטישע דעזאינפאָרמאַציע, כדי באַרואיקן און איינשלעפערן דאָס געוויסן פון דער יידישער און וועלט־עפנטלעכקייט, פון די, וועלכע זענען געקראָכן פון דער הויט לשם „די העכערע אינטערעסן פון קאָמוניזם", שטיצנדיק פאַקטיש די פינצטערע רעאַקציע פון סאָוויעטישן נעאָנאַציזם.

לאָמיר זיך נישט נאַרן און זאָלן זיי אַליין זיך נישט נאַרן — דאָס בלוט פון די סאָוויעטישע שרייבער־קדושים ליגט אויך אויפן געוויסן פון די יידישע פּראָ־סאָוויעטישע קוויסלינג־לייט.

עס וואָלט זיך נישט געלוינט דאָס צו דערמאָנען, ווען די דאָזיקע לייט וואָלטן כאָטש איצט נישט פאַרגעזעצט זייער שענדלעכע פּאָליטיק פון פאַרשווייגן, דעזינפאָרמידן, פון ריינוואַשן די היינטצייטיקע יידנפרעסער אין ראַטנפאַרבאַנד.

— — — — —

— — — — —

די איצטיקע באַגראָבער פון סאָציאַליזם ווייסן די קונץ פון קליידן זיך אין די טראַנטעס פון רעוואָלוציאָנערער פראַזעאָלאָגיע. זיי דערמאָנען אָפט דעם „היסטאָרישן זאַלפּ פון קרייסער „אַווראָראַ", וועלכע האָט „אויפגעבלע־טערט אַ נייע עפּאָכע פון דער מענטשלעכער געשיכטע", גלייך דער דאָ־זיקער לאַנג פאַרשטיקטער זאַלפּ וואָלט בכוח געווען צו פאַרהילכן די עט־לעכע צענדליק יאָר אומאויפהערלעכע וואַנדאַליש־וואַנדעאישע זאַלפּן אין די ברוסטן פון הונדערטער טויזנטער רעוואָלוציאָנערן, סאָציאַליסטן, קאָ־מוניסטן און סתם אומשולדיקע בירגער פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד.

מיר יידן, מערקן איצט אָפּ נאָך איין זאַלפּ, וועלכער איז באמת אַ טראַגיש־היסטאָרישער ווענד־צייכן פאַרן גורל פון סאָוויעטישן יידנטום. דער דאָ־זיקער זאַלפּ האָט אָפּגעהילכט אין די חושכדיקע קאַזעמאַטן פון ק. ג. ב. דעם 12טן אויגוסט 1952־טן יאָר.

— — — — —

— — — — —

✶

עס איז דאָן געפֿאַלן דוד בער־געלסאָן, איינער פֿון די סאַמע פּרעציזיע פּראָזע־מייסטערס אין דער וועלט. אַ גרויסער קינסט־לער פֿון פּסיכאָלאָגיש־אימפּרע־סיאָניסטישער שיין־און־שאָטן שפּיל. אַ שרייבער, וועלכער פֿאַר־גאַנצט און פֿאַרפּולקאָמט די יידישע ליטעראַטור־קלאַסיק מיט זאַפּטיקע, אייגנאַרטיקע געש־טאַלטן פֿון ״אַרום וואָקזאַל״, ״אין אַ פֿאַרגרעבטער שטאָט״, ״נאָך אַלעמען״, ווי אויך פֿון די דער־ציילונגען אין וועלכע ער פֿאַר־הערלעכט און באַרעכטיקט די גרויזאַמע אויספּילער פֿון רע־וואָלוציאָנערן ״מידת הדין״...

ציפּע ז״ל, זיין לעבנס־באַג־לייטערין, האָט מיט פֿיל יאָרן נאָך דער בראָך דערציילט:

אויף דער חתונה ביי זיי אין 1918, איז צווישן די חשובע געסט דער חשובסטער געווען חיים־נחמן ביאַליק. דער געניאַלער דיכטער האָט בעת דער שמחה אָפּגערופֿן די כלה אין אַ ווינקל און געזאָגט:

— ״ציפּעלע־קרוין, דיין דוד איז אַ גרויסער שרייבער ביי יידן, אַ זעלטענע צירונג פֿאַר אונדזער פֿאָלק. היט אים, ציפּעלע, ער זאָל קיינמאָל נישט אַוועק אין אַ זייט פֿון זיין באַרוף און טאָמער וועט אים אַ צי טאָן... צו די באָסיאַקעס צו די באָלשעוויקלעך — זאָלסטו אויסשפּרייטן דיינע שיינע האָר איבער דער שוועל און נישט לאָזן!...״

צום גרויסן ווייטיק האָט אויך בערגעלסאָן נישט אויסגעמיטן דעם גיפֿטיקן היפּנאָז פֿון אָנגעצווונגענע סאָציאָלאָגיש־וווּלגאַרישע דאָגמעס, גע־מישט מיט פּחד פֿאַרן סטאַליניסטישן טעראָר. דאָס שפּירט זיך גאַנץ דייט־לעך אין אייניקע זיינע ווערק, באַזונדערס — אין ראָמאַן ״ביים דניעפּער״. דערפֿאַר אָבער האָט אויפֿגעטויכט אין אים דער גרויסער נאַציאָנאַלער

שרייבער אין די יאָרן פונעם צווייטן וועלט־קריג; אין זיינע לעצטע דער־ציילונגען און דער עיקר — אין דער וווּנדערלעכער, אויסגעהאַמערטער אין ווייסע פּערזן, היסטאָרישער דראַמע — "דוד ראובני"...

מיכאָעלס האָט די דאָזיקע דראַמע געניאַל אויסגערעזשיסירט און באַוויזן זי אויף אַ גענעראַל־פּראָבע... צום ערשטן און צום לעצטן מאָל... מען האָט זי תיכף פאַרווערט...



עס איז געפאַלן דאַן דוד האָפשטיין.

אויב עמעצער פון די יידישע דיכטער האָט באמת גע־ירשנט דוד המלכס פידעלע איז דאָס געווען האָפשטיין. געוואָלט האָב איך זאָגן: "דאָס סטראַדיוואַר־יוס־פידעלע פון דער יידישער ליריק" און גלייך אָבער האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דוד המלך איז דאָ חשובער פון סטראַדיוואַר־יוסן... דאָס איז געווען אַן עניוותדיקער און אַ נשמהדיקער ייד, אַן אימפּולסיווער און אַ ניי־געריקער ווי אַ קינד מיט עט־וואָס פאַרחידושטע איילבירט־אויגן, פון וועלכע עס האָט אַ־רויסגעשטראַלט פאַרלעגנהייט און שטילער אומעט. עפּעס האָט ער דאָס גאַנצע לעבן געוואָלט באַזיניקן... און עפּעס האָט זיך נישט געלאָזט באַזיניקן...

איך ווייס נישט קיין אַנדער מייסטער, פון דער רוסישער ליטעראַטור אפילו, וועלכער האָט מיט אַזאַ כמעט רעליגיעזן עקסטאַז באַגעגנט און באַזונגען די רעוואָלוציאָנערע "פּראָצעסיע" און דעם "אָקטאָבער". אַלע פון די געפאַלענע קדושים, און ער אפשר מער פון אַלעמען, האָט געגלויבט באמונה שלמה אין דער גערעכטיקייט פון דער רעוואָלוציע:

...ס'האָט קיינמאָל אַזוי גלויביק

נישט געהויבן זיך קיין האַנט...

און גלייך — די אויפטרייסלענדיקע דורך דער פּאָגראָם־כוואַליע אויף אוקראַינע, געזאָנגען פול מיט נאַציאָנאַלן ווײ־געשריי און נאַציאָנאַלער ווירדע "טריסטיא", "אוקראַינע", "די ליד פון מיין גלייכגילט". "טרויער"...

ער האָט געהאַט אין דער היים אַ וואַרשטאַטל מיט פאַרשיידענע אינס־טרומענטן, ער האָט ליב געהאַט צו מייסטרעווען...

מיט זיינע גאָלדענע הענט האָט זיך אים איינגעגעבן אויסצופורעמען אַן איינהייטלעכע האַרמאָנישע וועלט צווישן זיינע באַגייסטערטע אורבאַניס־טישע געזאַנגען ("שטאָט") מיט ביז אַהער נישט געהערטע אין דער יידישער דיכטונג, לירישע און פילאָזאָפיש־פּאַרטיפטע נאַטור־שילדערונגען פון דאָרף, וואַלד, פעלד; ער איז געווען נישט קיין קלענערער באַזינגער פון דער רוסישער לאַנדשאַפט ווי לעוויטאַן און פּאָליענאָוו.

אים האָט זיך איינגעגעבן באַהעפטן די "ווינטער־פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער" מיט אויסגאַנגלאָזיקער יידישער עלנטקייט. ער האָט געוואָלט באַהעפטן, צונויפקלעפּן רעוואָלוציע, דעם "אייביק, אייביק וועלן פאָכען שווערדן" מיט דעם אַלטן יידישן "וויין פון פלאַמיקן גערעכט" און... עפּעס האָט זיך געבראָכן און געברעקלט צווישן די פינגער...

ער האָט אויפריכטיק דאָס גאַנצע לעבן זיך געסטאַרעט פאַרגלעטן דעם כלומרשטן חטא פון די פּאָר שורות "אויף אַלע שטרעקעס... שאַטנט זיך דיין שאַנד, אוקראַינע!", וועלכע מען האָט אים קיינמאָל, אייגנטלעך, נישט מוחל געווען, כאָטש ווער איז נאָך אַזוי געווען געקניפּט און געבונדן מיט אוקראַינע, מיט איר קולטור און לאַנדשאַפט?

ער האָט געפּרוווט מיטן גאַנצן האַרצן אויפריכטיק דינען די פּאַרטיי־אינטערעסן, וועלכע עס האָבן דיקטירט די יעווסעקישע משרתים, שינדן פון זיך די הויט, באַפרייען זיך פון דעם יאָך, פון דעם זיידנס ירושה, אַראָפּשלעפּן פון זיך דעם "זיידנס מיטוואָך" און עס האָט זיך ווידער באַקומען אָדער אַ פּאָר שוואַכע שורות ווי: "מונטער קלינגט ער, אונדזער טראָט, / איבער אונדזער ראַטן־שטאָט..."

"דער ביאַליק, דער ביאַליק וואָס... כ'בין איצט נישט גאַליק"... אָדער גאָר דער טראַציקער "מיר שטאַמען פון פעלדזן" און דער תמעוואַטער "פאַרשטיי מיך ווי דו ווילסט" אין אַזעלכע קלאַסישע שורות.

"פון וואָלגע ביז ירדן איז פאַלג מיך אַ גאַנג"...

און אַזוי ביז צום נאָכמלחמהדיקן אני מאמין — "איך גלויב".

יאָ, עפּעס האָט זיך נישט געלאָזט באַזיניקן און אַזוי טאַקע, מיט זיינע קינדערישע איילבירט־אויגן, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעשטראַלט פאַר־לעגנהייט און שטילער אומעט, האָט ער מסתמא אויך באַגעגנט דעם זאַלפּ פון 12־טן אויגוסט...



... און געפאַלן איז לייב קוויט־קאָ, אָט דער פאַרוואָרצלטער, אָט דער איינגעפּונדעוועטער, דער געקומענער פון שווערע פּראָצע, פון ערגעץ אַ גאַרבעריי, דער, פון וועמען ס'האָט אַרויסגעשפּאַרט די שטומע טענה ווען באַנטשע־שווייג האָט זיך צע־בונטעוועט, באַקומען לשון.

מען דערציילט, אַז ווען בער־געלסאָן האָט נאָר דערהערט זיינע ערשטע האַמעטנע פערזן האָט ער אַ זאָג געטאָן: "ס'האָט אָנ־געהויבן צו רעדן אַ וואַנט... אפשר אַ באַרג". ער, דער צו־געבונדענער "צום גרויסן היינט", דער הייס־צאַפּלענדיקער אויף די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע וועלט־מרידות פון "רויטן שטורעם", דער "צעקריגטער מיט די טאַטעס", האָט ער מיט זיין גאַנצן וועזן דער ערשטער זיך אַ צי געטאָן מיט בענטשונג און שלום־פריינטשאַפט "צום ברודער עשו" און ער טאַקע האָט אויך, אפשר פון די ערשטע, דערפילט די גרויסע בראָך און אנטוישונג פון פאַגראָמירטן יידישן פאָלק:

"וואוהין זאָלן מיר לויפן?...

— — — — — — —

אַז דער צוזאָג ווערט אין אונדז דערוואָרגן?"

לייב קוויטקאָ האָט מוטיק און פאַרעקשנט דורכגעמאַכט זיין האַרטנעקיקן וועג צוריק צום שורש, צו די טאַטעס, מיט וועלכע ער האָט זיך אַזוי שקציש און גראָב־יונגעריש צעקריגט. אויפן וועג האָבן אים געפייניקט און גע־

פיקט מיט זייערע שנאָבלען פאַרשידענע יעווסעקיש־פּראָלעטאַרישע "שטינק־פויגל". געוועז אַ צייט, ווען איבער זיין קאָפּ האָבן געלויערט שוואַרצע דראָענדיקע כמאַרעס און עס איז שווער צו וויסן, פאַרוואָס די דאָזיקע פינצ־טערע כמאַרעס האָבן אים נישט איינגעשלונגען צוזאַמען מיט די ערשטע קדושים, גרויסע יידישע שריפטשטעלער נאָך אין די יאָרן 1937—1939...
אפשר דערפאַר ווייל ער האָט מצליח געווען מיט זיינע לידער פול מיט אגדה־און גמרא־חכמה, פול מיט עכט יידישן שטייגער און פאָלקס־חן און פריער פון אַלץ, מיט די פּרעכטיק־תמימותדיקע קינדער־לידער. ער איז מצליח געווען דווקא אויף דעם ברייטן טראַקט פון דער רוסלענדישער ליטע־ראַטור... זיינע פּאָעטישע ווערק זענען כמעט אַדעקוואַט אין רוסישער איבערזעצונג, זענען ברייט באַקאַנט און באַליבט ביי מיליאָנען און מיליאָנען רוסישע לייענער — קינדער און דערוואַקסענע — און זענען איבערגעזעצט אויף אַלע לשונות פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.
ער האָט געאַרבעט אַלס ליטעראַרישער רעדאַקטאָר אין יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט. דורך זיינע הענט זענען אַדורך טויזנטער בריוו און דאָקומענטן וועגן היטלעריסטישן מאַסן־מאָרד איבער די יידן אין אייראָפּע, וועגן עלנט, פאַרשטויסנקייט און באַעוולטקייט פון די פאַרבליבענע, אָדער צוריקגעקומענע אויף די אָפּגעבערענטע נעסטן. צו אים איז דערגאַנגען דאָס וויי־געשריי פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד, וועגן דער געדיכטער, צום דערשטיקט ווערן, פּאָגראָם־אַטמאָספער... איך האָב זיך דאַן אָפט גע־טראָפן מיט אַט דעם גוטן, האַרציקן פאָלקס־מענטש. נאָך אַ טאָג אַרבעט פלעגט ער אַרויס אַ צעבראָכענער פון הילפלאָזיקייט, פון ווייטיק און פון צאָרן. אַמאָל האָט ער אַ זאָג געטאָן:
— וואָס טוט מען? וואָס טוט מען, אַז אַלע — פון אויבן ביז אַראָפּ...
איך האָב אים נישט געלאָזט פאַרענדיקן דעם געדאַנק. ער איז שרעקלעך געווען פאַר אונדזביידן...
דאַכט זיך, האַרבסט 1948, ווען די מאָרד־מאַשין איז שוין געהאַט געלאָזט געוואָרן אין פולן גאַנג האָט עמעצער פון אויבן פאַראָרדנט אָפּצייכענען זיינעם אַ יובילײ... דעם אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט האָט מען שוין גע־האָט ליקווידירט, מען האָט פאַרמאַכט די צייטונג "אייניקייט" און דעם פאַרלאַג "אמת". ס'איז שוין געהאַט באַוווסט געוואָרן, אַז מיכאָעלס איז געווען איינער פון די געפערלעכסטע "שונאים פון פאָלק". האָפּשטיין איז שוין אַרעסטירט געווען פון לאַנג, מאַרקישן האָט מען ערשט צוגענומען...

איך בין געזעסן אין ליטעראַטן־הויז נאָענט צום איינגעשרומפּענעם און פאַרחושטן איציק פעפער. ביים פּרעזידיום־טיש איז געזעסן אַ טויט־בלייכער דער בעל־יובל און צוגעהערט מיט אַ טרויעריק־צעקרימטן שמייכל די שבחים פון קאַרניי טשוקאָווסקי, וועלכער האָט, אגב זייער פיין דורכגע־לייענט זיינע לידער אין יידיש; ער האָט זיך צוגעהערט צו די קאָזיאָנע־פייערלעכע באַגריסונג־טעלעגראַמעס פון "פּראַוודאַ", פון צ. ק., פון קאָמיוג, פון בילדונגס־און קולטור־מיניסטעריום א.אַ.וו.

— איר ווייסט נישט וואָס הערט זיך ביי זוסקינען? — האָט מיר אַריינ־געשעפּטשעט אין אויער איציק פעפער. ניין, איך האָב נישט געוווּסט, אַז די נאַכט האָט מען צוגענומען דעם וווּנדערלעכן פאָלקס־אַרטיסט בנימין זוסקין — אַרויסגעשלעפּט אַ קראַנקן פון שפּיטאָל־בעט...

אין אַ צען טעג אַרום נאָך יענעם ציניש ספּעקטאַקל איז מען געקומען ביינאַכט צו קוויטקאָ אין זיין הויז אויף מאַראָסייקאַ...

ווער קען וויסן ווי לייב קוויטקאָ האָט באַגעגנט זיין לעצטן 12־טן אוי־גוסט? אפשר זענען אים געקומען אין זין שורות פון זיינע פריע לידער:

רוסלענדישער טויט
איז טויט פון אַלע טויטן.
רוסלענדישע פּיין
איז פּיין פון אַלע פּיינען..

און ווייטערדיקע פינצטערע נביאות:

אַן אומגליקלעך פאַרבליבענער
וועט איבערציילן די הרוגים —
— — — — — —
זאָל ער כאָטש דערמאָנען דאָרט,
אַז בלוטיק יונג מיין האַרץ געווען,
אַז שטאַרק ווי שרעק, געווען מיין ווילן לעבן,
שטאַרק און משוגע
ווי מיין לעצטער טאָג. — — —
— — — — — —

און פּרץ מאַרקיש! שווערער פון אַלץ איז פאַרצושטעלן זיך מאַרקישן אין די ענגע קאַזע־מאַטן־ווענט פון דער סטאַליניס־טישער אינקוויזיציע. זיין אויג־אויף־אויג מיט אַ גאַנצער טשאַ־טע צעיושעטע קאַרליקעס — תליונים. קאָן מען דען אַריינ־שפּאַרן אין קאַרצער אַ צעשטו־רעמטן ים? אומבאַגרייפלעך! געדיכטעט האָט ער מעסטנדיק גאַסן, פּלעצער, שטרעקעס און וואָקזאַלן פון קיעוו, וואַרשע, פּאַריז, מאָסקווע. געפורעמט האָט ער זיי די לידער, פּאָעמעס, עפּאָ־פייעס, שטייענדיק ווי ביי אַ באַלעמער, לעבן עפּעס אַ מין הויכן פּיופּיטער. ווען כ׳האָב אַ־מאָל באַוווּנדערט זיין אופן פון

אַרבעט, האָט ער פאַרחידושט און בייזלעך אַ ברי געטאָן מיך מיט די בלויע פייערן פון זיינע שיינע אויגן: ״מע קאָן דען אייבזיצן?״

נעבעכדיק זעט מיר אויס לערמאָנטאָווס דעמאָן אַנטקעגן דעם פּאָעט פּרץ מאַרקיש, וועלכער האָט מיט אַ געטלעכער קראַפט אַנגעשליידערט כאַאָטישע בערג מיט אַלדאָס גוטס און מיט — כ׳ווייס אַליין נישט מיט נאָך וואָס...

אים האָט אויסגעפעלט די פאַרפונדעוועטקייט פון קוויטקאָ. ווען יענער האָט דערקלערט זיין צוגעבונדנקייט צום גרויסן היינט, האָט מאַרקיש אויס־געשריען: ״כ׳בין דיינער נישטיקער אַצינד, בלינד!״ נאָר איבער אַלע זיינע וואַגלעבישן האָט ער מיטגעשלעפּט מיט זיך זיין וואַלין ווי שאַגאַל — זיין וויטעבסק.

ער האָט נישט פאַרמאָגט די דורכזיכטיקע פּאַרטיפקייט פון האָפּשטיינס קלאַסישן פּערז, די געשליפענע און שלימותדיקע קינסטלערישע סטראָפן פון שמואל האַלקינען, די ווייטיקלעך־געצוימטע ליריק פון אהרן קושני־

ראָוו... אָבער אין באַזונדערע לידער און סטראָפן זיינע האָט דאָס אַלץ זעלטן אַרויסגעבליצט מיט אַ באַזונדער קראַפט, ווי די טייערסטע איידל־שטיינער, אַריינגעפּאַסטע אין גאָר אַן אַנדער לעבנס־קאָנסטרוקציע, כדי צו פאַרלייכטערן דעם אַרויפגאַנג צו די פאַרשנייטע הייכן פון זיין פאָלקס־עפּאָפּיי.

פּרץ מאַרקיש האָט אויפגענומען די רעוואָלוציע ווי עס פּאַסט פאַר זיין סטיכישער בונטאַרישקייט. אויף די חורבות פון פאַרהאַסטן צאַריזם האָט ער געאַנט אַ נייע פרייע וועלט פון גערעכטיקייט און יושר. ערגעץ ווייט, פון אונטן זענען פאַרבליבן זיין וואָלין און פּאָדאָליע, מיט פאַרדאגטע טאַטעס ביי וואַכעדיקע רונדוקעס און פאַריתומטע מאַמעס ביים שבתדיקן ליכט־בענטשן און ער איז אַ צעכראַסטעטער געפלויגן מיטן ווינט איבער „פייער־פלאַמיקער אומענדלעכקייט":

מיין גוף איז שוים
און ס'שמעקט פון אים מיט ווינט
מיין נאָמען איז: „אַצינד"...
צעוואָרף איך מיינע הענט,
דערלאַנגען זיי די וועלט פון איין עק ביזן צווייטן...
די אויגן כ'לאָז געווענדט,
פאַרטרינקען זיי די וועלט פון אויבן ביז אַרויף!

אָבער ס'איז אַלץ נישט אַזוי פּשוט. זיין אָדלערישער בליק פון אויבן האָט עפּעס דערזען און האָט זיך אָנגעגאָסן מיט פאַרצווייפלונג:

האָסט אַ שטיקל האַרץ? פאַרשווייג עס!
ווילט זיך שווייגן? שריי צום טויט!
ערגעץ גרימפּלען באַלאַלייקעס
אויף אַ שטיין צעזעצטערהייט!...

פיל גילגולים האָט מאַרקישעס פּאָעזיע דורכגעמאַכט שוין פון די ערשטע יאָרן. יעדער גלגול איז אַ וועלט פאַר זיך, אָבער די אָדלער־פליגל זענען צום ערשטן מאָל אָפּגעסמאָליעט געוואָרן דורך די פּאָגראָם־שריפות אויף אוקראַאינע און באַשווערט זענען זיי צום ערשטן מאָל געוואָרן מיטן געשענ־דעטן בלוט פון דער גרויסער קופּע הרוגים.

אָוודאי רופט זיך איבער זיין „קופּע" מיט דער שניידנדיקער צער־און־

צאַרנדיקער "שחיטה־שטאָט" פון חיים נחמן ביאַליק. אָבער ביאַליק איז אַראָפּגעקומען "פון גאָט געשיקט" און ווי אַ נביא מיט שטראָף־רייד ווי מיט פייערדיקע ריטער געשמיסן סיי טויט סיי לעבעדיק, כדי צו וועקן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און די פאָלקס־ווירדע. מאַרקיש האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַרויף צום רוח הקדוש און אין נאָמען פון די הרוגים געשליידערט זיין אויסגעפייניקטע לעסטערונג:

אַ, סיני־באַרג! אין איבערגעקערטער שאָל פון הימל —
לעק די בלאָווע בלאָטע!...
און נכנע, נכנע ווי אַ קאָץ אין האַלבנאַכטיקער תפילה,
— די מלכה־קופּע שפּייט אין פּנים צוריק דיר אָפּ די צען
געבאָטן!...

אַזעלכע ווערטער קענען אַרויסגעבראַכט ווערן בלויז אין גערא־נגל פון דיכטער מיטן אַלמעכטיקן אַליין און, פּונקט ווי אַמאָל יעקב אבינו, איז דער דיכטער אַרויס פון אָט דעם געראַנגל אַן אויסגעלענקטער, אַן אָפּגעצייכנטער אויף שטענדיק; און אין וועלכע אספּעקטן ער זאָל נישט געווען שאַפן און פורמען זיין ווייטערדיקע דיכטונג, האָט אים תמיד, אַמאָל מער אַמאָל ווייניקער, נישט אויפגעהערט צו פאַרפאָלגן און פּייניקן דער טראַגישער און העלדישער גורל פון פאָלק ישראל. טוט אַ בלעטער זיינע "וואָלין", "ברידער", "ביט געדאַגהט", "אויפגאַנג אויפן דניעפּער", "דור־אויס־ דור־איין". געווען פאַרשטייט זיך אויך ביי מאַרקישן די היפּערבאַליזירטע אויף זיין שטייגער אָדע־געזאַנגען צום קרעמל־רעזשים און צום אכזריותדיקן סטאַלין־געץ...

און דאָך, נישט קיין אַנדערער, נאָר דווקא מאַרקיש האָט דער ערשטער אויסגעוויטיקט זיין אנטיפאַשיסטישע, טיף־נאַציאָנאַלע פּאָעמע "צו אַ יידישער טענצערין", זי איז געשריבן געוואָרן אין די צייטן פון דעם פאַררעטערישן פריינטשאַפטס־פּאַקט פון סטאַלין־היטלער, דאָן ווען די סאָוועטישע בלעטער זענען פול געווען מיט לויב פאַר דעם "זיגרייכן גערמאַנישן וואָפן", ווען די סאָוועטישע "עפנטלעכקייט" האָט אַנגענומען אַ פול מויל מיט שטום־שווייגעניש וועגן מאַסן־מאָרד פון יידישן פאָלק אין דייטשלאַנד און אין די אָקופּירטע דורך אים טעריטאָריעס. יעדער אות פון דער "טענצערין" איז דאָן געווען טריף־פּסול און פאַר יעדן זאָץ וואָלט מען אים געקאָנט פאַרקאָטעווען ביזן טויט אין די געסטאַפּאָ־קעלערן פון לוביאַנקע.

אין דער דאָזיקער פּאָעמע האָבן מיר שוין דעם פּרווו פון חשבון הנפש צווישן ייד און וועלט, צווישן ייד און לאַנד, דעם זעלבן חשבון הנפש, וועלכן עס האָבן שוין געמאַכט פאַר זיך ענדגילטיק הונדערטער טויזנטער יידן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַריינגערעכנט אויך די מאַרקיש־משפחה וואָס האָט מוטיק אויסגעקעמפט איר פרייע עליה קיין ישראל.

הערט זיך איין אין פרץ מאַרקישעס רייד:

נעם אים אַרום דעם טרויער, ביי דיין שוועל,
פיר ווי אַ בלינדן פאַר דער האַנט אים, דער פאַרשעמטער, —
ער קער אַן אייגענער זיך אַן דער גאַנצער וועלט
און יעדן איינציקן באַזונדער ז׳ער אַ פרעמדער.

און ווייטער:

אין יעדן לאַנד איז ער אַדורכגעגאַנגען מיט אַקער,
אין יעדן לאַנד האָט מען געשניטן זיין פּאַרזיי...
— — — — — — — —
אין יעדן לאַנד וועלן דערקענען אים די שטערן,
און בערגלעך אַש, ווו ער האָט לעבעדיק געברענט.

און עס וועט אים נאָכגיין און פייניקן:

אַ שפּרוך וועגן אַ היים, אַ חלום פון אַ היים
ס׳זאָל מער נישט זיין פון ווו געיאָגט צו ווערן;
מיט לייב מיינעם פאַר איר געקנאָטן כ׳האָב די ליים
און אָנגעזאָפּט די ליים מיט ליכטיקייט פון שטערן.

פרץ מאַרקיש! ער פלעגט באַהערשן אונדזערע צעטומלטע הערצער מיט בליץ און דונער פון זיינע געטלעך־געוואַגטע "שטערנשאַפּטן", — קאָסמאָ־גאָנישע היפּערבאָליזמען. די שטורמישע איבערפאַרפלייצונג פון בילדער און געשיכטלעכע אַסאָציאַציעס האָבן צומאָל געבראַכן אַלע צוימען פון ריטם און פאָרם. וועלנדיק מיט צוואַנג און טעמפּעראַמענט אַריינשפּאַרן אין וועלכע עס איז נישט גרענעצן אָט די איבערפאַרפלייצונג, פלעגט ער צומאָל ממש פאַרגוואַלדיקן די שפּראַך. און דאָך איז מאַרקיש איינער פון די געניאַלסטע וואָרטמייסטערס אונדזערע, און דאָך איז מאַרקיש "אויב נישט נאָך העכער"!

לאָמיר עס נאָכאַמאָל פאַרקריצן אויף קיינמאָל נישט מוחל זיין: אויך ער איז געפאַלן אַ דערמאָרדעטער דעם 12־טן אויגוסט 1952.

״האַנט ביי האַנט און אַקסל צו אַקסל״ מיט מאַרקישן איז דאַן אויך געפאַלן זיין שטענדיקער קעגנער און אַנטיפּאָד — דער דיכטער איציק פעפער... פעפער איז געווען דער יינגסטער צווישן די אומגעבראַכטע. געקומען איז ער אין דער יידישער פּאָעזיע פון בירגער־קריג און עס האָט גלייך פאַרשמעקט מיט ״פּראַנט״, ״מיט בלוטיקע קאַיאָרן, מיט גראָווע שינעלן״, ״מיט סטאַנציעס פאַרלוירענע, פעלדער דערפרווירענע״. אָן שום ספקות האָט ער זיך גלייך פון די ערשטע טריט געשטעלט אויף דער זייט פון ״רעוואָלוציאָנערן דעקרעט״.

מיר האָבן קיין צייט נישט צו פרעגן
מיר דאַרפן נישט וויסן, —
מיר האָבן ערשט געכטן אַן אַנפלי פאַרוואָסן
צעשאָסן,
צעריסן!...

די דאָזיקע קלאַסישע שורות זענען פיל מאָל ציטירט געוואָרן און זיי זענען נאַטירלעך פאַר פעפערס עפּאָכע, אומנאַטירלעך און ווילד זעען בלויז אויס די יעניקע פון אונדזער עפּאָכע, וועלכע פאַרשטאָפּן די אויערן ביז היינט און ווילן נישט הערן קיין ברעקל אמת, לשם וואָס? לשם דעם, אַז אויך זייער ריי זאָל קומען, מע זאָל זיי ״צערייסן און צעשיסן״ ווי דעם מחבר פון יענע קלאַסישע שורות?

יאָ, פעפער האָט קיינמאָל אין גאָרנישט נישט געצווייפלט, ער האָט זיך נישט געראַנגלט מיט קיין שום ״טאַטנס ירושה״:

איך האָב קיינמאָל נישט געבלאָנדזשעט
אין מיין קורצן שמייכלדיקן לעבן,

לאַכט אין מיר מיין האַרץ, ווען איך דערמאָן זיך,
אַז איך טראָג אַ נאָמען נאָך אַ רבין.

ער האָט פּראָקלאַמירט אין דער דיכטונג: "איך האָב ליב ווען ווערטער זענען באַרוועס, איך האָב ליב ווען ווערטער זענען פּראָסט". אַלץ דאַרף זיין קלאָר און צילגעווענדט ווי די "טענדענץ פון דער פּאַרטיי".

ער איז געבענטשט געווען מיט טאַלאַנט, איציק פעפער, מיט אַ פאָלקס־טימלעכן שמייכל, מיט שטיפערישקייט און יוגנטלעך־פריידיקן אָפּטימיזם. און ער האָט מיטגעריסן מיט זיך גרויסע שיכטן פון דער סאָוועטיש־יידישער יוגנט:

סיביר, אוראַל, קאַלוגאַ און טריפּאָליע
מיט הייסן בלוט אין הייסן לייב צעגליט,
כ׳בין אומעטום אַ הייסער קאָמסאָמאָליעץ
מיט יונגע זינגענדיקע טריט.

אפילו אין די חרוב־ווערנדיקע, פּאָגראָמירטע שטעטלעך האָט ער דערזען אַ ביסל אַלטן לעבערלעכן "טשאַלנט־שטייגער" און... "בליענדיקע מיסטן":

ס׳איז יעדער שטיבל גרייט פאַר נייע לידער,
פאַר נייעם גליק איז גרייט דאָ יעדער שטיין...

ער איז געווען אַן אידעאַלער סאָוועטישער פּאָעט. ער איז געווען גלייביק און פּאַרטייאיש אויסגעהאַלטן, און אויב ער האָט זיך אַמאָל "געוואַקלט" איז נאָר צוזאַמען מיט די אומאויפהערלעכע וואַקלענישן פון דער "גענעראַלער ליניע"...

"בליענדיקע מיסטן", "וועגן זיך און אַזוינע ווי איך", "די געזאַנגען וועגן דניעפּער־בוי" און "יידישע קאָלווירטן", "לעבן זאָל דאָס לעבן" — דאָס אַלץ זענען וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור, וועלכע וואַרטן אויף זייער פאָרשער.

גאָר אַנדערע טענער האָבן אַ קלונג געטאָן אין זיינע לידער בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין די "מלחמה־באַלאַדן" און באַזונדערס אין דעם ליד "איך בין אַ ייד", מערקן זיך טיפע סימנים פון פאָלקס־ווייי און פון נאַציאָנאַלער אויפוואַכונג, הגם מיט צופיל באַוואָרענישן קעגן "אַ גוטן אויג" פון צענזאָר.

מען דאַרף אים פיל מוחל זיין, אונדזער פעפערן, דער רוצחישער זאָלפּ האָט אַראָפּגעשווענקט פון אונדזער זכרון זיינע "פלאַקאַטן אויף בראַנדזע" און אַנדערע פּאַרטייאישע לידער "אויף פּלויטן". און פאַרהייליקט זאָל זיין נאָמען זיין צווישן די נעמען פון אַלע שרייבער־קדושים. און פאַרהייליקט זאָלן ווערן די ווערטער פון דיכטער צו זיין פאָטער:

"און בלויז דער ווינט, די טויבע נאַכט געהערט האָבן
זיין שטילן וידוי,
וואָס איז געפאַלן אויף דער ערד פאַרלאָזט,
פאַרצווייפלט און צעבראָכן,
ווען ס'האָט די גיפט פון האַקנקרייץ זיין לעצטן אָטעם
דורכגעשטאָכן"...

✶

די בלוטיקע ליסטע פון די געפאַלענע יידישע דיכטער און קולטור־טוער האָט זיך נישט אָנגעהויבן און נישט פאַרענדיקט מיט דער דאַטע פון 12־טן אויגוסט 1952. אָבער דאָס איז די איינציקע דאַטע, וועלכע ס'האָבן אַליין אָנגעגעבן די מערדער. דאַרף מען טאַקע אין דעם דאָזיקן טאָג אויך נאָכאַמאָל דערמאָנען כאָטש אייניקע פון די וויכטיקע שרייבער און וווּנדערלעכע יידישע דיכטער, אומגעבראַכטע אין די דרייסיקער יאָרן, די וועלכע זענען שפּעטער פאַרקאַטעוועט געוואָרן אין די טורמעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, ווי אויך יענע, וועמענס טראַגישער, פאַרפייניקטע הערצער ס'האָבן געפּלאַצט פריער צי שפּעטער — נאָך דער "באַפרייאונג":

משה קולבאַק, איזי כאַריק, זעליק אַקסעלראָד... מאַקס עריק, דער נסתר... נוסינאָוו און דאָברושין, אהרן קושניראָוו און שמואל האַלקין... שמואל פּערסאָוו, בער סלוצקי, שניער־אָקון, משה בראָדערזאָן... בנימין זוסקין און נאָך...

מען האָט זיי "רעהאַביליטירט" נאָכן טויט. די לעבנגעבליבענע קרובים געזאָגט, אַז ס'איז געשען אַ "פאַרדריסלעכער טעות", די אלמנות "פאַר־גיטיקט" מיט אַ צוויי־חודשלעכן געהאַלט... די יידיש־סאָוועטישע קולטור איז אָבער פאַרבליבן נישט רעהאַביליטירט ביז צום היינטיקן טאָג! העכער אַ האַלבער מיליאָן יידיש־פאַרברויכער פאַרמאָגן נישט קיין יידישע צייטונג, קיין טעאַטער, קיין פאַרלאַג־וועזן. חוץ איינצלנע אויסנאַמען פאַר

צענדליקער יאָרן זענען פּאַקטיש פאַרוועדט וועלכע נישט איז ליטעראַריש־קינסטלערישע אָוונטן אויף יידיש. אין 1961 יאָר האָט אָנגעהויבן דערשיינען דער זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד". דאָס דאָזיקע מאָדנע באַשעפעניש איז געבוירן געוואָרן אַדאַנק דעם קאָלאָסאַלן דרוק פון דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג אין אויסלאַנד, אַדאַנק דעם הילכיקן פּראָטעסט פון דער אַנטי־סאָוועטישער פּרעסע און אַדאַנק דער שטילער שתדלונות פון וויכטיקע פּראָ־סאָוועטישע און קאָמוניסטישע קרייזן פון גאָר דער וועלט... מען האָט געמוזט נאָכגעבן. און קוים האָט מען נאָכגעגעבן — האָט מען שוין געגעבן "פון דער פולער האַנט" — אַ פּרעכטיקע גערוימע געביידע אין סאַמע צענטער פון מאָסקווע, אויף קיראָוואַ 17, נישט ווייט פון דער באַרימטער לוביאַנקאַ... וועגן אַזעלכע אַפּאַרטאַמענטן האָט אפילו נישט געחלומט קיין איין יידישער אַנשטאַלט אין די שענסטע בלי־יאָרן פון יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד! די וויכטיקסטע פונקציע פון אָט די שיינע קאַזיאָנע אַפּאַרטאַמענטן איז אויפצונעמען אויסלענדישע געסט און דעלעגאַציעס און זיי צעטומלען מיט דער רחבותדיקייט, וואָס ס'קאָן זיך פאַרגינען אַ יידישע רעדאַקציע אין ראַטנפאַרבאַנד און איבערצייגן מיט "וואָגיקע פאַקטן"...

די געביידע אויף קיראָוואַ 17 פילט אויס נאָך איין זייער וויכטיקע פונקציע: אַנטי־יידישע מאַניפעסטאַציעס פון אַ ריי אָנגעזעענע קאַזיאָנע יידן, וועלכע באַוואָרפן מיט שמוץ מדינת ישראל, וואָשן ריין די צוואַנגס־אַסימילאַציע, לייקענען שטיין אוןביין אין דער עקזיסטענץ פון וועלכער נישט איז "יידן־פראַגע" אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און באַרעכטיקן די רדיפות קעגן יידן.

דער זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד" האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַן אוואַנטוריסטישן טיראַזש פון 25 טויזנט עקזעמפּלאַרן. ביים היינטיקן טאָג איז דער זשורנאַל אפשר די איינציקע אויסגאַבע אין ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע גיט נישט אַן אויף דער לעצטער זייט איר טיראַזש... די אַוואַנטורע האָט געפּלאַצט. ביי 90 פּראָצענט יידישע שרייבער זענען פאַרפאַלגט געווען אין די פינצטערע יאָרן. מיט קיין איין וואָרט ווערט אָבער וועגן דעם נישט דערמאָנט. עס ווערט עקשנותדיק פאַרשוויגן אַלץ וואָס האָט וועלכע עס איז נישט שייכות מיטן "פּעריאָד פון סטאַלין־קולט", מיטן פּעריאָד פון אויסראָטן די וויכטיקסטע יידישע קולטור־שעפער... "אַלץ מוז פאַרגעסן ווערן!" — אַזוי איז, ווייזט אויס, די געהיימע פּאַרטיי־אינסטרוקציע, און די היינט־

צייטיקע יודנראַטלער טוען אַלץ, כדי מיר זאָלן פאַרגעסן... מוחל זיין!

דאָס יידישע פאָלק וועט אָבער קיינמאָל נישט מוחל זיין און קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

די יידישע מאַסן פון סאָוועטן-פאַרבאַנד האָבן שוין לאַנג אַראָפּגעשליידערט פון זיך די פּענטעס פון טאָטאַלן שקר און טאָטאַלן פּחד. דאָס וואָרט האָט באַקומען, אין דער ערשטער ריי, די יידישע יוגנט, וועלכע שלאָגט זיך מוטיק פאַר אַ פרייער עליה צום איינציק יידישן היימלאַנד, ישראל.

אומזיסט ווערט אויסגערעכנט אויף אונדזער קורצן זכרון. די הייטצײטיקע סאָוועטישע פּרעסע, אַריינגערעכנט אויך "סאָוועטיש היימלאַנד", איז פול מיט די זעלבע "אַנטי-ציוניסטישע" פּאַקטיש אַנטי-יידישע בלבולים, וואָס אין די טראַגישע צייטן פון דאָקטוירים-פּראָצעס, פון פאַרשאַרפטן קאַמף מיט די "קאָסמאָפּאָליטן" און "בורזשואזע נאַציאָנאַליסטן"... אויב די "וויסנשאַפטלעכע" גריבלעגישן פון טראָפים קיטשקאָ זענען אומפאַרשעמט באַהויכט דורך די "אידייען" פון געבעלס-שטרייכער, קאָן מען געפינען אין די שמירעכצער פון יורי איוואַנאָוו גאַנצע זייטן פּראָסט-פּשוטן פּלאַגיאַט פון דער צאַרישער שוואַץ-מאַהדיקער פּרעסע. דאָס האָט שוין דערוויזן אין זיין ביז גאַר באַלערנדיקער פאַרש-אַרבעט, וועלכע, איך האָף, עס וועט נאָך אַמאָל דערשיינען — דער רוסיש-יידישער שרייבער — וויטאָלד קאַפּשיצער. דאָס אַלץ, ווי אויך די אַנטיסעמיטישע רדיפות און אינסעצעניזירטע פּראָצעסן איבער יוגנטלעכע, וואָס ווילן זיך אַרויסרייסן קיין ישראל, דערווייזט אַז מיר זענען נאָך ווייט פון יענער צייט, ווען מען וועט אין רוסלאַנד אָנכאַפּן פאַר די בלוט-באַפלעקטע לאַצן די מערדער פון בערגעלסאָן, מאַרקיש, קוויטקאָ, האָפשטיין, פעפער... אָנכאַפּן די מערדער און אָוועקזעצן זיי אויף דער באַשולדיקונגס-באַנק, אַזוי ווי עס איז געשען אין נירענבערג. די מערדער זיצן, ליידער, גאָר אויף אַנדערע בענק און בענקלעך...

נישטאָ קיין אָנדענק-שטיין
— אויף באַבי-יאַר

האָט אַמאָל פאַרצייכנט יעווטושענקאָ. עס איז פאַראַן דער שענדלעך פאַרלאָזטער, מיט ווילדגראָז באַוואַקסענער מאַסן-קבר פון די קיעווער יידן. און טראָץ אַלע פאַרבאָטן, באַוואָרענישן און פּאָליציי-רעפּרעסיעס קלייבן

זיך צונויף ביי אַט דעם מאַסן־קבר די קיעווער יידן, יינגלעך און מיידלעך, ווי אויך אַ צאָל פון די ליבעראַל־געשטימטע רוסישע און אוקראַינישע אינ־טעליגענץ. יעדן יאָר מאַניפעסטירט מען, נישט נאָר דעם ווילן פון קיינמאָל נישט פאַרגעסן די הייליקע קדושים, זיי מאַניפעסטירן אויך זייער שאַרפן פּראָטעסט קעגן היינטצייטיקן נעאָ־נאַציזם, אַנטיסעמיטיזם און צעיושעטן גרויס־רוסישן שאָוויניזם.

— — — — —

קיינער ווייסט נישט, ווו עס געפינען זיך די קברים פון בערגעלסאָן, מאַרקיש, קוויטקאָ, האָפשטיין און אַנדערע געפאַלענע יידישע דיכטער — „עס איז נישטאָ ווו צו שטעלן קיין ליכט און קיין שטיין״...

דער סימבאָלישער שטיין דאַרף און מוז אַוועקגעשטעלט ווערן דווקא אין ישראל און דווקא אין ירושלים! דאָ וועלן מיר שטעלן ליכט און זאָגן יזכור. מיר, די געקומענע פון רוסלאַנד דאַרפן וועגן דעם זאָרגן מער ווי אַלע, ווייל דאָס אַש פון די גרויסע יידישע דיכטער קלאַפּט אין אונדזערע הערצער שטאַרקער ווי ביי אַלעמען:

— מיר וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן און מיר וועלן קיינמאָל נישט מוחל זיין!

ירושלים, 1971

★

איזי כאַריק

געבוירן אין יאָר 1898, אומגע־בראַכט אין צוואַנגס־לאַגער אין 1937טן יאָר.

משה קולבאַק

געבוירן אין יאָר 1896, אומגע־בראַכט אין יאָר 1940.

בײַם אָנהייב פֿונעם סוף

1. אין רעסטאָראַן "ביראָבידזשאַן".

מען האָט געקאָנט זיכער זיין, אַז ער איז אַ ייד, דער דאָזיקער מאַיאָר ס... זיינע טונקעלע איילבערט־אויגן אונטער געדיכטע, עטוואָס באַ־פּראָסטיקטע ברעמען, האָבן געוואָרפֿן אַן אומעטיקן שאָטן אויף זיין יידיש־לעך־געהויקערטער נאָז, אויפֿן גאַנצן אויסגעצויגענעם געזיכט — פֿון די פֿליישיקע ליפּן, ביז צום קנאָפּ פֿון גאָרגל. גערעדט האָט ער יידיש כמעט ריכטיק, פֿליסיקער פֿון אַ סך יידן, קולטור־טוער אין דער אַזויגערופֿענער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. ער פֿלעגט באַזוכן יידישע ליטעראַרישע אָוונטן און טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען.

איך האָב אים געקענט פֿון דער וויטנס, אָבער אונדזער ערשטע און לעצטע אמתע באַגעגעניש איז פֿאָרגעקומען, ווען איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון מיין האָטעל־צימער און אַריין עפּעס איבערכאַפּן אין דערביייקן רעסטאָראַן. עס האָט דאָרט געהערשט אַ מוראדיקער טומל — אַ געמיש פֿון שיכורלעכע געשרייען, געלעכטער, זידלעריי און הייזעריקע קלאַנגען פֿון פּאָפּולערע סאָוויעטישע פֿילם־מעלאָדיעס, וועלכע האָבן זיך געטראָגן פֿון דער עסטראַדע. פֿרישע קנוילן פּראַסט האָבן זיך אַריינגעריסן יעדעס מאָל, ווען עמעצער פֿלעגט אַריין אָדער אַרויס. די לופֿט איז פֿול געווען מיט די ריחות פֿון בראָנפֿן, איבערגעפּרעגלט פֿעטס און קרויט־זויערקייט. אַזוי האָט אויס־געזען דאָס פֿריילעכע ווינקל, וואָס רופֿט זיך: רעסטאָראַן ביים צענטראַלן האָטעל "ביראָבידזשאַן".

מיינע צעטומלטע חושים האָבן נאָך נישט באַוויזן זיך צוגעוווינען צו אָט דעם מישמאַש, ווען כ'האָב דערהערט ווי עמעצער ווענדט זיך דירעקט צו מיר, נישט צו הויך, אָבער אויף אַזוי פֿיל אַנטשלאָסן, שאַרף און דייטלעך, אַז דורך דעם גאַנצן רעש האָט זיך צו מיר דורכגעריסן דאָס קול. אין אַ ווינקל, פֿאַרשטעקט הינטער אַ גרויסער פֿיקוס־וואַזע, איז דער מאַיאָר

געזעסן איינער אַליין ביי אַ טישל, האַרט ביי די פּליושענע, רויטע גאַר־דינען, וואָס איבערן פענצטער. ער איז געווען אָנגעטאָן ציוויל און דאָס האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן דעם יידישן אויסזען פון אַט דעם עכטן אוקראַינער.

— זיץ! — האָט ער גלייך אָנגעהויבן אויף „דו" אין רוסיש — נעם אַ מויל בראָנפן, — האָט ער צוגעגעבן אויף ריין יידיש.

ער האָט אָנגעוויזן אויפן טישל, ווו ס'איז געשטאַנען דאָס האַלב־אויס־געליידיקטע פלעשל, אַרומגעשטעלט מיט געוויינלעכע, אָבער זעלטענע פאַר יענער צייט, צובייסעכצן: אָנגעשניטענע דינע רעפטלעך טרוקענער ווורשט, הערינג, שיין צוגעפּראַוועט מיט אַ ציבעלקע און זויערע אוגער־קעלעך.

ער האָט אָנגעגאָסן מיין גלעזל און מיר האָבן שווייגנדיק לאַנג און דורכדרינגלעך געקוקט איינער אויפן אַנדערן.

— לחיים, יאָסיף באַריסאָוויטש! — האָט ער ענדלעך אַרויסגעשעפּטשעט „אַריינשיסנדיק" מיט איין זופּ זיין גלעזל בראָנפן.

אויסדרייענדיק פון מיר דאָס פּנים, גלייך ווי ער וואָלט זיך געווענדט נישט צו מיר, נאָר צו די פאַרשטויבטע, רויטע רעסטאָראַן־גאַרדינען, האָט ער פאַרגעזעצט מיט אַן אָפּגעהאַקטן אָטעם:

— איך קען אייך, באַריסאָוויטש. איך ווייס וועגן אייך מער, ווי ס'וואָלט זיך וועלן וויסן... געהערט אייך אַרויסטרעטן... כ'לייען יידישע ליטעראַ־טור... אַזאַ איז מיין אמת... איך ווייס, איר האָט ליב אונדזער לאַנד און בלוט האָט איר פאַרגאָסן פאַר אונדזער ערד — האָט ער אונטערגעשטראָכן דעם „אונדזער" — אָבער דאָס איז גאַרנישט שבגאַרנישט אין פאַרגלייך מיטן גרויסן חטא אייערן: איר ווילט נישט ווערן אויס ייד. דערפאַר האָב איך אייך אפשר ליב און כ'באַדויער אייך. צו וואָס רחמנות, טשאָרט פּאָבערי?! פאַר אונדזערע לייט איז אַזאַ געפיל שטרענג פאַרבאָטן. מאַקסים גאָרקי האָט געוואָרנט: „רחמנות דערנידעריקט דעם מענטשן", — האָט ער מיט אַ קרומען שמייכל ציטירט, — דער דאָזיקער „צדיק" האָט געהאַט נאָך איין וויכטיקע פאָרמולע: „ווען דער שונא גיט זיך נישט אונטער, פאַרניכטעט מען אים"...

— הערט — איז ער פּלוצעם געוואָרן זייער ערנסט, און דערביי אונטער־געשטראָכן יעדעס וואָרט — איר קענט מיך נישט. איר האָט מיך קיין מאָל נישט געזען און איך האָב אייך קיין זאַך נישט געזאָגט... — און דאַן

אין אַ באַפּעלערישן טאָן צוגעגעבן: — טראָגט זיך אָפּ פון ביראָבידזשאַן, וואָס גיכער, אַלץ בעסער. ערגעץ אין אַ וויסטן העק, ווו קיינער קען אייך נישט... אפשר וועט אייך אויסמיידן די גרויסע בלוטבאָד, צו אַלדע רוחות!

— יאָסיף באָריסאָוויטש, איר האָט קיין מאָל זיך מיט מיר נישט באַגעגנט.

— האָט ער מיך צום לעצטן מאָל געוואָרנט, ווען כ׳האָב זיך אויפגעהויבן פון מיין שטול.

אַ שטאַרק צעטומלטער, בין איך אַרויס אויף דער פּראַקטיקער גאַס. אייגנטלעך האָב איך שוין פון פריער געהאַט באַשטימט צו פאַרלאָזן ביראָבידזשאַן, אָבער צוליב גאָר אַנדערע מאָטיוון און נישט אין קיין ווייטן העק, נאָר דווקא צוריק קיין מאָסקווע. צעטומלט בין איך אָבער געוואָרן צוליב דעם סודותפולן מאַיאָר. צי האָט ער מיך פּשוט פּראָוואָצירט, געוואָלט אויף מיר אַניאָגן אַ פּחד, אָדער ס׳איז אויף אים אָנגעקומען אַ מינוט פון אויפריכטיקייט און ער האָט מיך געוואָרנט פאַר דער גרויסער סכנה, וואָס לויערט נישט נאָר אויף מיר אַליין? ער האָט דאָך בפירוש געזאָגט: ״אַ גרויסע בלוט־באָד״.

ביראָבידזשאַן איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, אַ באַזונדער קאַפּיטל וועגן דעם, ווי ס׳איז ברוטאַל צעטראָטן געוואָרן דער לעצטער פונק, די מינדסטע האָפענונג ביי טויזנטער צעבראָכענע יידישע משפחות, וועלכע האָבן נאָך דער מלחמה פאַרצווייפלטע געזוכט פאַר זיך אַ מקום מקלט, זאָל זיין אויפן פאַרוואָרפענעם ווייטן מזרח פון דער סאָוויעטן־אימפּעריע, אַבי אוועק פון די פאַרפעסטעטע, דורך די נאַציס, אַמאָליקע היימען אין דער אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד.

די צייט, וואָס איך פּרוביר דאָ שילדערן, איז שוין נאָך ביראָבידזשאַן. ווידער בין איך אין מאָסקווע, וועלכע ווייזט זיך מיר אויס צו זיין פיל וואָרהאַפטיקער און היימישער, ווי דאָס פאַרוואָרפענע פּראָווינציעלע ווינקל — די ״יידישע אויטאָנאָמע געגנט״, וואָס האָט אונדז אָפּגעקאָסט אַזוי פיל יידישע לעבנס.

2. און ווידער אין מאָסקווע

אַוודאי ווייס איך, אַז אַלע אומגליקן קומען דווקא פון מאָסקווע. איך ווייס אָבער אויך, אַז טיכטיקע משרתים ערגעץ אין אַ ווייטן העק זענען צו מאָל געפערלעכער פונעם ערגסטן בעל־הבית דאָ, אין דער קרויזנשטאָט.

בין איך הייסט עס ווידער אין מאָסקווע. אויפן שיינעם, שטיין־געפלאָס־

טערטן רויטן פּלאַץ — די אַלטע פעסטע קרעמל־ווענט. קיינער ווייסט נישט און וואַגט נישט צו וויסן, וואָס עס טוט זיך פון יענער זייט ווענט, וועלכע רינגלען אַרום און פאַרשליסן אין זיך דעם קרעמל. בלויז די טורעמס און גילדענע קלויסטערשפּיצן שטאַרצן קאַפּויער ווי שפּיזן, וואָס זענען אַ שוץ אויף קעגן די הימלען. קיינער ווייסט נישט, וואָס דאָרטן טוט זיך, אָבער זיי, די ווענט — אַזוי דאַכט זיך — ווייסן אַלץ וועגן יעדן איינעם, וואָס וויל זיך פאַרלירן אויף די ענדלאָזע מרחקים פון ריזיקן לאַנד. די ווענט שטומען, נאָר זיי האָבן וואַכע אויגן און אויערן. פון אינעווייניק און פון דרויסן.

דער לענין־מאַוזאָליי טוליעט זיך נאָענט צו דער בכבודיקסטער קרעמל־וואַנט. די קוביש־געטעסעטע, גלאַנציקע מירמל־פּליטעס פון מאַוזאָליי וואַרפן אַ שאַרלאַך־רויטן אָפּשיין אויפן ערשט־געפאַלענעם שניי, אויף די פּאַרהלשטע, אונטער דער שניימאַסע, צווייגן פון גלייכע טונקעלע יאַדלעס. זיי שטייען אַזוי אומבאַוועגלעך, די דאָזיקע יאַדלעס — דאַכט זיך קיין שטורעם און ווינט האָבן איבער זיי נישט קיין שליטה. פּונקט אַזוי אומבאַוועגלעך איז דער מיליטערישער קאַראָול ביי די שווערע טירן פון מאַוזאָליי. אַצינד זענען די טירן צעשפּאַרט. די עפענונג, וועלכע זעט אויס, ווי דאָס פייערדיקע מויל פון לעגענדאַרן מולך — שלינגט איין און שפּייט אויס דורך דער היגטערטיר די לאַנגע, גוט־אָרגאַניזירטע און מוסטערהאַפט־דיסציפּלינירטע מענטשן־ריי.

פון אַלע עקן לאַנד קומען מענטשן קיין מאָסקווע: וועמען מען שיקט פון די ערטער, וועמען דער צענטער רופט אַרויס; ווער ס׳קומט איינקויפן דאָס נייטיקסטע צום לעבן, ווער ס׳קומט אויסקויפן דאָס לעבן גופא; וועמען ס׳יאָגט אַהער די גלוסטונג צו מאַכט, צו אַ קאַריערע. און מיינסטנס, וועמען ס׳יאָגן אַהער די צרות; די נויט, וואָס איז איבערן האַלדז, אָדער עמעצער פון די נאָענטסטע „זיצט" — קיינער ווייסט נישט פאַר ווען און פאַר וואָס; צי גאָר — די אַרטיקע „נאַטשאַלסטווע" באַעוולהט שוין אַזוי ביטער, אַז ס׳איז געבליבן נישט מער ווי די האָפענונג זיך צו דערשלאָגן אַ ביסל יושר ביי מאָסקווע.

און פיל פון די, וואָס קומען קיין מאָסקווע, זוכן אויס אַ פרייע רגע און שטעלן זיך אַוועק אין ריי צום לענין־מאַוזאָליי, כדי אַ קוק טאָן אויף דער פאַרהייליקטער מומיע... אָט מיט אַזעלכע אויגן האָב איך דאַן, אין פעברואַר 1948, דערזען דעם רויטן פּלאַץ און מאָסקווע בכלל.

און דאָך איז פּאַרט מאָסקווע פאַרבליבן ביי מיר ליב און היימיש, ווייל דאָ זענען פאַרבייגעפלויגן מיינע שיינע יוגנט־יאָרן. יאָרן הונגעריקע ביז צו בויך־גרימעניש און יאָרן ברויזנדיק־פריידיקע, וועלכע זענען מסוגל גע־ווען אַרויסרופן אַ גליקלעכן שמייכל אַפילו אין די סאַמע פינצטערע, פּיינ־פולע צייטן פון מיינע וויטערדיקע וואָגלענישן.

דאָ, אין דער יידישער טעאַטער־סטודיע, אויפן רעשיקן סטאָלעשניקאָוו־געסל, און אין די קאַלטע קאָרפּוסן פון סטודענטישן שטעטל "טריפאָנאָווקע" מיט זיינע אָרעמע און שמוציקע צימערן, האָב איך דערוואָרבן די בעסטע געטרייסטע פריינד אויפן גאַנצן לעבן. דאָ, אין מאָסקווע, האָב איך צום ערשטן מאָל דערשפּירט איבער זיך די בענטשנדיקע הענט פון מיין גרויסן מורה־דרך — שלמה מיכאָעלס; די פּאַטערלעכע נאָענטקייט פון בנימין זוסקין, פּרץ מאַרקיש, שמואל האַלקין, אליהו פאַלקאָוויטש, יחזקאל דאָב־רושין... מיט איין וואָרט — מיינע סטודענטישע יאָרן. יאָרן —

...ווען די וועלט געווען איז טיף
און טיפער נאָך דער אָטעם,
ווען די זון האָט פול מיט פרייד
געזוכט אַ שטיקל שאָטן,

ווען געזונגען האָבן מיר
פון אומעט און פון בענקשאַפט,
ווען דער וועלט האָט אויסגעפּעלט
אַן אָרט פאַר אונדזער ענגשאַפט.

טאָקע פון דאַנען, פון מאָסקווע, זענען מיר, אַ פּאָר צענדליק אַבסאָלווענטן פון דער יידישער טעאַטער־שול, גלייך פון אָנהייב מלחמה, פרייוויליק אָוועק אויף די פראָנטן קעגן די דייטשיש־פאַשיסטישע רוצחים. אָנשטאָט צו פאַרווירקלעכן אונדזער ערשטע זעלבשטענדיקע טעאַטער־פאָרשטעלונג, האָבן מיר גאָר געמוזט זיך באַטייליקן אין מלחמה־אַקציעס, וועלכע האָבן זיך פונאַנדערגעוויקלט אויף צענדליקער טויזנטער קילאָמעטער — פון באַלטישן ים, ביז צום שטילן אָקעאַן; פון די וואַרעמע אוקראַאינישע סטעפּעס ביז די אייזבערג פון דער אַרקטיקע. זייער ווייניק פון מיינע יוגנט־חברים האָבן צוריק זיך אומגעקערט פון די שלאַכטפעלדער.

מיר איז גראָד באַשערט געווען צו זיין צווישן די פאַרטיידיקער פון מאָסקווע — געווען אַ פוסגייער־זעלנער, שפּעטער געדינט אין אַרטילעריע־

אויסשפּיר פון באַזונדערן גוואַרדייישן "קאַטיושע"־דיוויזיאַן. אין זכרון שווימען אויף נעמען פון שטעט און שטעטלעך אַרום מאָסקווע — וויאַזמע, גזשאַטסק, רזשעוו, זוועניגאָראַד, טוטשקאָווא, קובינקאַ, סאָלניעטשנאָגאָרסק און נאָך ברענענדיקע דערפער און ישובים; צעפּאָרענע בלאָטיקע וועגן, פאַרשטאָפּטע מיט שווערע לאַסטמאַשינעס, טאַנקן, האַרמאַטן, "קאַטיושעס", זינקענדיקע אין בלאָטע, דווקא דאַן — ווען ס'פּיקירן מיט אומדערטרעגלעכן געוואַי און שאַרפער גרילצעריי פּלוצעם־אַנגעפלויגענע "מעסערשמידטס" און "יונקערס"...

פאַר די אויגן — פאַרקוילטע וועלדער, פאַרשנייטע טראַנשייען, טויזנטער לעבעדיקע און מער נאָך טויטע פריינד און שונאים — הער איך נאָך אַלץ דאָס געשריי פון רויטע בלוטפלעקן אויף ווייסן שניי הינטער מאָסקווע.

יאָ, מאָסקווע איז געווען מיר ליב און היימיש און כ'האָב נישט קיין גרונט זיך אָפּצוזאָגן פון מיינע פראָנטלידער, געווידמעט מאָסקווע:

ס'וועלן מעשיות — וואַנדערער אין פאָלק פון מויל צו מויל,
דערציילן, ווי ס'איז אומרויק אין ביקס געווען די קויל,
ווי דער פראָסט האָט נישט באַוויזן טריקענען די שווייסן,
ווי דאָס לשון פלעגט זיך לעשן מיט אַ וואָרט אַ הייסן.
שטעגלעך שניי פאַרשמיסענע, פון וווּאַדן אַ פאַרפלייצונג —
מאָסקווע האָט געאָטעמט אונדז אין די פאַרשנייטע פּלייצעס...
אויסגעשטאַנען זענען מיר די שטאָט אין שלאַכטן שווערע,
ביז צו קאָרבן האַרבע אויף נאָך פרישע שטערנס,
ביז צו פּאַסן זילבער אויף די האָר — נאָך שוואַרצע,
מאָסקווע מיינע, לידערלאַנד, שטראָמען בלוט פון האַרצן.

אַצינד בין איך ווידער אין מיין מאָסקווע. הינטער די פּלייצעס — יוגנט, שלאַכטפעלדער, מיליטערישע שפּיטאָלן און אָט ערשט נישט לאַנג ביראָ־בידזשאַן און דער וועג אויף צוריק. וואָס נאָך שטייט מיר פאָר? שפּעטער וועל איך שוין וויסן "וואָס", נאָר דערווייל בין איך אַן אַריינגייער אינעם אַריסטאָקראַטישן מויערל אויף קראָפּאָטקין־גאַס 10.

3. מיט דוד האָפשטיין.

צווישן פאַרשידענע אַנטיפאַשיסטישע קאָמיטעטן געפינט זיך דאָ אויפן ערשטן שטאָק אויך דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט. ס'איז נאָכן

מאַרד איבער מיכאַעלסן און כ׳האָב עפּעס נישט קיין גרויס חשק אַריינגיין דירעקט אין קאָמיטעט, כאָטש איך ווייס, אַז דער ערשטער וועט מיר דאָרט אַנטקעגנקומען דער האַרציקער לייב קוויטקאָ. מייד איך אויס דעם קאָמיטעט און לאָז מיך לינקס מיט די זייטיקע, סקריפּענדיקע טרעפּלעך אַרויף, ווו אין די דריי ענגע צימערלעך איז אַריינגעקוועטשט דער גאַנצער שטאַב פון דער צייטונג ״אייניקייט״.

איך קום אַריין אינעם פאָדערצימער פון רעדאַקטאָר. דאָ אַרבעט געוויינלעך ביי זיין טישל שמואל האַלקין. היינט איז אָבער פּוסט, אַפילו די סעקרעטאַרשע איז נישט צו זען ביי דער שרייבמאַשינקע. ווייזט אויס אַ באַראַטונג אינעם קאַבינעט פון הויפּט־רעדאַקטאָר זשיץ. פּלוצעם צעעפנט זיך די טיר און ס׳ע שפּרינגט אַרויס ווי אַ קיילעכל קוועקזילבער דער שטענדיק אימפּולסיווער דוד האָפּשטיין, וועלכער פלעגט זיך פון צייט צו צייט אַראָפּכאַפּן פון זיין קיעוו, אַהער — קיין מאָסקווע. דוד האָפּשטיין איז צוגעשפּרונגען, מיך אַרומגעכאַפּט און תיכף פאַרוואָרפן מיט אַ גוטן טוץ פראַגן וועגן דער לאַגע אין ביראָבידזשאַן.

— נישט דאָ, ר׳ דוד — האָב איך אים געזאָגט. — אויב איר האָט צייט, לאָמיר זיך אַראָפּלאָזן אויף אַ שטיקל שפּאַציר איבער די מאָסקווער גאַסן.

ער איז מסכים געווען און מיר זענען אַראָפּ שפּאַצירן צווישן די פאַרשנייטע אַלייען פון גאָגאָל־בולוואַר. ס׳איז געווען גאַנץ פראָסטיק און דער איינגעטראָטענער שניי האָט געקרעכצט אונטער אונדזערע האָסטיקע טריט. אין אַזאַ קעלט איז שווער נישט צו איילן. האָב איך טאַקע אין האָסטיקן גאַנג געפּרוווט פאַרענטפערן אַלע שאלות, מיט וועלכע דוד האָפּשטיין האָט מיך פאַרוואָרפן. און פאַר ווענמען נאָך קאָן מען זיך אַזוי אַראָפּרעדן פון האַרץ ווי פאַר האָפּשטיינען? יידישע שולן אין ביראָבידזשאַן? יאָ, ס׳איז נאָך דאָן געהאַט פאַרבליבן איינע אַ זיבנציאָריקע יידישע שול מיט 120 שילער. די מערהייט שולן פון ביראָבידזשאַן געפינען זיך אין שיינע געמוירערטע דריי־פירשטאָקיקע געביידעס, די יידישע — אין אַן אַלטן, הילצערנעם באַראַק; קאַלטע שמוציקע קלאַסן. ביי דער מערהייט איבערגעגעבענע יידישע לערערס לאָזן זיך אַראָפּ די הענט. פון ״אויבן״ גיט מען גאַנץ דייטלעך אָנצוהערן, אַז דאָס גאַנצע יידיש לערנען איז אַן איבעריקער, אויב נישט קיין שעדלעכער באַלאַסט. סיי די לערער, סיי די קינדער פילן זיך פאַראיינזאַמט און שטאַרק דערשראָקן. וואָס נאָך? — ס׳ע זשיפּעט נאָך דאָס יידישע טעאַטער. דאָס איז דער אַמאָל ענערגיש יוגנטלעכער

קאָלעקטיוו, וועלכער איז צוריק מיט יאָרן געוואָרן אָרגאַניזירט און קינסט־לעריש געשטאַלטיקט דורכן באַגאַבטן רעזשיסער משה גאָלדבלאַט, איינער פון די זיילן פון מיכאָעלס־טעאַטער.

דער בירָאבידזשאַנער טעאַטער מיט זיין גלענצנדיקן קינסטלערישן אַנ־סאַמבל איז נאָך אַלץ זייער שטאַרק באַליבט ביים יידישן צושויער פון בירָאבידזשאַן, כאָטש לעצטנס זענען זיי געצוווּנגען צו שפּילן איבערזעצטע פון רוסיש פּסעוודאָ־פּאַטריאָטישע שמאַנצעס, אָדער גראַפאָמאַנישע פּיעסן, ווי בוזיע מילערס "ער איז פון בירָאבידזשאַן". אָבער אויך די דאָזיקע גראַפאָמאַניע איז דערקלערט געוואָרן פאַר "נאַציאָנאַליזם" בלויז דערפאַר, ווייל דאָרט רעדט זיך וועגן... אַ יידישער אויטאָנאָמער געגנט. איצט ברעכט מען זיך די ציינגער און מע מוז שפּילן דריי מאָל אַ וואָך אויף רוסיש און איין מאָל בלויז דערלויבט מען מיט גרויס אומווילן אַ יידישן ספּעקטאַקל. דער איצטיקער קינסטלערישער אָנפירער, דער אַמאָל באַרימטער אין פוילן רעזשיסער, אַלעקס שטיין, קלייבט זיך אויך די נאָענטסטע צייט צו מאַכן אַ ויברח פון דער געגנט...

אין דער פּרעסע פון כאַבאַראָווסק און בירָאבידזשאַן צעוואַקסט זיך אַ העצע קעגן דער יידישער קולטור "וואָס יידישע שאָוויניסטן ווילן קינסטלעך פאַרפלאַנצן אין אַ געגנט, ווו די מערהייט באַפעלקערונג באַשטייט פון רוסן, אוקראַינער און יידן, וועלכע נייטיקן זיך נישט אין קיין נאַציאָנאַליס־טישער קולטור"... דאָס איז אַ ציטאַטע פון אַן ענטפער, וואָס דער סעקרע־טאַר פון געגנטקאָם אַלעקסאַנדער באַכמוטסקי האָט געגעבן אויף מיינער אַן אַרויסטרעטונג, בעת אַ פאַרזאַמלונג פון דער שטאָטישער אינטעליגענץ, אין אָקטאָבער 1947. דאָרט האָב איך גערעדט וועגן דער שעדלעכקייט פון צוואַנגס־אַסימילאַציע...

דאָס אַלץ, און געוויס עפּעס נאָך מער, האָב איך אין איין אָטעם אַרויס־געבראַכט פאַר דוד האָפשטיין, וועלכער איז געווען מוראדיק אויפגעבראַכט. ער וועט תיכף לויפן, — האָט ער פאַרזיכערט, — אין אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, ער איז גרייט אַפילו צו קלאַפּן אין די טירן פון סאָוו־אינפאָרם־ביוראָ. צוליב וואָס, האָט ער זיך געקאַכט, צוליב וואָס דער גאַנצער פּראָפּאַגאַנדע־טומל אַרום בירָאבידזשאַן, סיי אויף די שפּאַלטן פון דער "איינּיקייט", סיי אין די ידיעות פאַר אויסלאַנד פונעם קאָמיטעט? צוליב וואָס אַזוי פיל ענערגיע און... הרפה ביים משתדל זיין זיך אין די "הויכע פענצטער", כדי אויסצובעטלען און דורכברעכן נאָך איין דערלויבעניש אויף

נאָך אָן עשעלאָן יידישע איבערוואַנדערער ?... און אפשר קלערט מען אין די "הויכע פענצטער" גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג ? — האָט האַפשטיין, אַ בלייך־געוואָרענער, אַרויסגעשעפּטשעט — טאָ דאַרף מען טאַקע, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, קלאָר מאַכן. ווי לאַנג קאָן מען זיין אַזוי פאַרבלענדט ? ווי לאַנג קאָן מען אָפּנאַרן זיך אַליין און דער עיקר — אַ וועלט מיט יידן ?...

ס'האָבן זיך מיר דערמאָנט אייניקע פערזן פון אָט דעם גרויסן דיכטער, בעת ער האָט נאָך אין 1932 באַזונגען ביראָבידזשאַן:

ס'ווערט דאָס לאַנד געבויט אויף סניי,
אַלע פעלקער זענען פריי
אַלע בויען האַנט־ביי־האַנט
נאָך אַ לאַנד אין דעם פאַרבאַנד,
נאָר דאָס ברייטסטע, גרעסטע אָרט
וועט דאָרט האָבן אונדזער וואָרט,
אונדזער פשוט יידיש וואָרט
וועט זיך אויך צעקלינגען דאָרט, —

— — — — —

ווי מען האָט מיר דערנאָך איבערגעגעבן, האָט טאַקע דוד האַפשטיין אויפגעהויבן אַ טומל אין די שטילע קאַבינעטן פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. אינעם צימער פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער "אייניקייט", זשיץ (אַגב, אויך איינער פון די שפּעטער־אומגעבראַכטע יידישע קולטור־טוערס), איז איבער דער גאַנצער וואַנט געהאָנגען אַ גרויסע געאָגראַפישע קאַרטע פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. זשיץ האָט זיך גראָד באַראָטן מיט עטלעכע רעדאַקציע־מיטגלידער, ווען אין קאַבינעט האָט זיך אַריינגעשטעלט האַפשטיין, אָנווייזנדיק אויף דער קאַרטע:

— נעמט, זייט מוחל, תיכף אַראָפּ די דאָזיקע מאַפּע!

— פאַר וואָס ? וואָס האָט איר צו דער מאַפּע ? — האָט זשיץ אויפגעהויבן זיין געגאָלטן קאָפּ איבער די פּאַפּירן.

— ווייל מען קאָן אויף איר אָרט אויפהענגען אַ קאַרטע למשל פון קורסקער אָדער וואָלאָגדער געגנט. זיי, די דאָזיקע געגנטן, האָבן אפשר אַ גרעסערן שייכות צו יידן, ווי ביראָבידזשאַן...

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען מיך אַרויסגערופן אין אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. דאָרט האָב איך זיך געטראָפן אויג אויף אויג מיט איציק פעפערן.

נאָך איידער איך בין אַריין צו אים אין קאַבינעט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אויף קיין גוטס קאָן מען זיך נישט ריכטן. טראָץ אַלע מיינע דערוואַרטונ־גען האָט אָבער פעפער נישט געשריגן און נישט געדראָט. ער האָט מיך באַגעגנט מיט עפּעס אַ מין מאָדנע פאַרשטילטן און פאַרקרומטן שמייכל.

— נו, וואָס האָט איר אַזוי אַרויסגעפּירט פון די כלים אונדזער לעבעדיקן קלאַסיקער — אונדזער דוד האָפשטיינען ? ... מיט וואָס זענט איר דאָס געקומען פון ביראָבידזשאַן ?

איך האָב אים אַרויסגעלייגט אַלץ, וואָס כ׳האָב שוין פריער געהאָט דערציילט האָפשטיינען.

— איך ווייס, איך ווייס ... — האָט ער אַ מידער, ווי באַשטעטיקט מיינע רייד. — אויך נסתר איז נאָך פריער פון דאָרט געקומען אַ ביסל אַן אַנטוישטער... אונדזער גאַנצע אַרבעט איז — האָט ער קוים צו הערן, פאַרזיכטיק אַרויסגערעדט — אונדזער גאַנצע מי איז ווי אויפן טייך אין אַ שטאַרקן פראָסט: דו באַווייזט נישט אויפצוהאַקן אַ פּאַלאָנקע, זיך דער־גרונטעוועז צום לעבעדיקן קוואַל, ווי ס׳פאַרציט זיך דאָס וואַסער נאָך אַ מאָל מיט אייז... מילא, על כן, — האָט ער געהעכערט דאָס קול — ביראָבידזשאַן דאַרף אייך מער נישט אָנגיין און כ׳האָף, אַז פון היינט אָן וועט איר ווערן קלוגער און נישט רעדן גלאַט אין דער וועלט אַריין...

און דאָ האָט איציק פעפער מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אויף וויפל עס זענען פאַראַן נישט קיין גינסטיקע ״היימישע סיגנאַלן״ וועגן מיין טעטיקייט אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, איז ביז וואָס און ווען, מוז מען דערווייל זיך אָפּהאַלטן פון צו דרוקן, אָדער אויסנוצן מיינע ליטעראַרישע מאַטעריאַלן. — אַ שאָד — האָט ער באַדויערט, — און אויסגעדריקט די איבערצייגונג, אַז אַלץ וועט זיך אויסקלאָרן און אַלץ וועט ווידער זיין גוט.

הינטער פעפערס קאַלט־גלאַנציקע אויגן־גלעזער האָבן אויף מיר געקוקט אַ פּאָר וואַרעמע, טרויעריקע און דאַכט זיך, צעטומלטע אויגן.

צי האָט זיך עפּעס ״אויסגעקלאָרט״, ווייס איך נישט, נאָר די ״היימישע סיגנאַלן״ פון ביראָבידזשאַן האָבן, געדענק איך, נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן אין די טירן פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט און פון שרייבער־פאַרבאַנד.

ס׳איז פאַרביי אַ פרילינג מיט אַ זומער און די וואָלקנס האָבן זיך אַלץ טונקעלער, אַלץ נידעריקער געקנוילט איבער מיין קאָפּ. איינע אַ זשדאַנאָוואַ, וועלכע האָט געאַרבעט אין געהיים־קאַבינעט פונעם שרייבער־פאַרבאַנד,

האָט מיך שוין אַ פּאָר מאָל אַרויסגערופן כ׳זאָל אויספּילן פאַרשידענע ״אומשולדיקע״ פּרעגבויגנס. און די נויט איז געווען גרויס, ווייל עס איז נישט מעגלעך געווען זיך איינצואָרדענען אויף וועלכער עס איז אַרבעט. אפילו אויף שווערסטער שוואַרץ־אַרבעט האָב איך זיך אָנגעבאָטן, אָבער דערוויסנדיק זיך אַז כ׳בין אַ ייד און... אַ שרייבער — פּלעגן מען תיכף אָפּזאָגן...

אין סעפּטעמבער 1948 האָט אַ דערשראָקענע זיך אַריינגעיאָוועט צו מיר אַ באַקאַנטע יידישע אַקטריסע, וואָס איז נאָר־וואָס געהאַט אַנטלאָפן פון בירא־בידזשאַן. זי האָט מיר באַוויזן אויסשניטן פון דער כאַבאַראָווסקער צייטונג ״טיכאָ־אָקעיאַנסקאַיאַ זוויעזדאַ״ (ביראָבידזשאַן געהערט צום כאַבאַראָווסקער קאַנט). אין דעם דאָזיקן ״שטיל אָקעאַנישן שטערן״ האָט זיך באַוויזן אַ בליץ און דונער־אַרטיקל פון איינעם אַ כאַלפּין, וואָס שטעמ־פּלט ״די בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן — דער נסתר, דאָברושין און קערלער״. די אַקטריסע האָט אויך איבערגעגעבן אַ גרוס פון מאַיאָר ס., וועלכער גיט מיר אַן עצה וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן פון מאָסקווע.

יאָ, ס׳איז געווען גאַנץ ביטער, אָבער ווייזט אויס, אַז מיין ריי איז נאָך נישט געהאַט געקומען. אַ סימן — אין יענע טעג האָט מיך באַגעגנט שמואל האַלקין און מיט אַ שטראַלנדיק פּנים האָט ער מיר אָנגעזאָגט, אַז מען האָט אַראָפּגענומען פון מיר דעם חרם. מען וועט דרוקן מיינע אַ זאַך אין ״היימלאַנד״ און דער עיקר — דער קאָמיטעט האָט באַשטימט מיך קאָמאַנ־דירן קיין מאָלדאַוויע, כ׳זאָל אָנשרייבן פון דאָרטן אַ פּאָר פאַרצייכענונגען.

— יאָ, — האָט האַלקין שמייכלענדיק געריבן דעם שטערן — און גיב, למען השם, אַ פּאָר פון דיינע לידער פאַר דער ״אייניקייט״... — דערביי האָט דער האַרציקער האַלקין, מיך געצווונגען שוין נישט צום ערשטן מאָל, כ׳זאָל אויסבאָרגן ביי אים אַ פּאָר הונדערטער, ביז צו בעסערע צייטן...

ווען כ׳האָב באַקומען אין קאָמיטעט מיין ״קאָמאַנדיראָווקע״, — דאָס איז געווען אַוודאי אין אָקטאָבער, — האָט מען זיך דאָרט געשעפּטשעט אין די ווינקלען. אַן אומהיימלעכע שטילקייט האָט געהערשט, גלייך מען וואָלט געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער און די גרויסאַרטיקע פּריצישע שפּיגלען וואָלטן פאַרהאָנגען געוואָרן.

כ׳געדענק נישט, ווער פון די שרייבער האָט מיר פאַרטרויט דעם סוד, אַז אין קיעוו האָט מען אַרעסטירט דוד האָפשטיין, און דאָ אין מאָסקווע האָט מען צוגענומען דעם אַקאַדעמיקער זרח גרינבערג, דעם אַמאָליקן סעקרעטאַר

פון דעם ערשטן סאָוויעטישן פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר בילדונג, לונאַטשאַרסקי. שוין דאַן איז גרינבערג פאַררעכנט געווען אַלס ערנסטער וויסנשאַפטלער.ביידע — האָפּשטיין און גרינבערג — זענען געווען מיטגלידער פון פּרעזידיום פונעם יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט. זיי זענען געווען די ערשטע קרבנות פון דער דאַמאָלסדיקער גרויזאַמער סטאַלין־דיווערסיע קעגן דעם יידישן פאָלק און זיין קולטור.

אין יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אויף קראָפּאָטקין־גאַס 10, איז די לופט געדיכט געוואָרן פון שווערע פאַרגעפילן, פון צעטומלעניש און שרעק.

4. ביי דער פאַרחתמעטער טיר.

אין נאָוועמבער, יאָ, דאַכט זיך טאַקע נאָוועמבער — אַ טאָג צען נאָך די אָקטאָבער־פייערונגען פון יאָר 1948, — האָב איך זיך אומגעקערט פון מיין קאָמאַנדירונגס־רייזע. כ׳וואָלט נישט געזאָגט, אַז אויפן האַרצן איז געווען גאַר פויגלדיק, כאָטש געשטאַנען זענען דעמלט, געדענקט איך, געשאַנקענע, מילד־זוניקע טעג פון אַ פאַרשפּעטיקטן רוסישן האַרבסט. "באַביע ליעטאָ" רופט מען דאָרט אַזעלכע טעג, ווען ס׳טריפט פון קלאָרן הימל דורך שוועבנדיקע שפּין־געוועבסן אַן עטוואָס טרויעריקע ווייכע וואַרעמקייט, וואָס איז טאַקע באמת ענלעך צו דער שיינקייט און מילדקייט פון וועלקנדיקער ווייבלעכקייט... "באַביע ליעטאָ" — ווייבלעכער זומער און אויפן האַרצן איז גוט פּאַסקודנע!

פון מיינע רייזע־איינדרוקן איבער אַ פּאָר געוועזענע יידישע שטעטלעך פון מיין פּאָדאָליע, ווו אַלץ איז מיר אַמאָל געווען אַזוי היימיש און ליב, האָב איך מיטגעבראַכט פון די צופעליק לעבן־געבליבענע צעבראָכענע יידישע משפחות, די גרויסע איינזאַמקייט און נאָך גרעסערן פּחד פאַר אַ פּלוצעם פרעמד געוואָרענער יידן־פיינטלעכער וועלט. פון די גרעסערע שטעט — טשערנאָוויץ, קעשענעוו — האַרציקע און דאָך פאַרזיכטיקע באַגעגענישן מיט צעטומלטע און איבערגעשראָקענע יידישע דיכטער, קולטור־טוער, לערער און סתם ווילע איגטעליגענטע, אויך פּראָסטע יידן, וועלכע האָבן ביז ווייטיק נישט געקאָנט פאַרגעסן, אַז גאַר נישט לאַנג זענען דאָ געווען קאָכיקע יידישע קולטור־צענטערס, פאַרפולט מיט לעבן, געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן, מיט יידיש, מיט עברית, מיט יידישקייט.

און איצט איז דאָרט אַלץ ברוטאַל אַרויסגעריסן געוואָרן מיט די וואָרצלען, און דער עיקר — אַלץ וואָס די פאַשיסטן האָבן נישט באַוויזן פאַרניכטן — צעטאַפּטשען מיט שנאה „אונדזערע" — די זיגרייכע סאָוועטן. אמת, צו יידן־אויסראָטונג קומט עס נאָך ניט, אָבער צו קיין יידישער קולטור און יידיש־קייט וועט מען נישט דערלאָזן. דאָס איז שוין קלאָר ווי דער טאָג. קלאָר ווי „באַביע ליעטאָ".

ניין, נישט אויף אַזעלכע „רייזע־איינדרוקן" האָט זיך געריכט איציק פעפער, ווען ער האָט מיר אונטערגעשריבן מיין „קאָמאַנדיראָווקע"־פּאַפּירל...

איצט דאַכט זיך מיר שוין צומאָל, אַז... עמעצער איז מיר נאָכגעפאָרן, עמעצער האָט שוין דאָן געהאַלטן איבער מיר זיין וואַכזאַם אויג. אַנדערש ווי קאָן מען דערקלערן, וואָס סיי אין ווינניצע, סיי אין מיין היים־שטעטל הייסין, סיי אין קעשענעוו און אין טשערנאָוויץ — אומעטום פלעג מען מיך אַ פּאָר מאָל אָפּשטעלן אין מיטן גאַס (אַ מיליציאָנער מיט נאָך עפּעס אַ ציווילן שלאָק) און גאַנץ איידל פאַרבעטן מיך אין אַ זייטיקן הויף, כדי קאָנטראָלירן מיינע דאָקומענטן...

דאָן האָט עס מיך פּשוט געוווּנדערט און כ'פלעג תיכף פאַרגעסן די דאָזיקע „מיספאַרשטענדענישן". קיין שום פאַרדאַכט האָב איך נאָך דאָן ניט געשפּירט.

דאָך, ווי שוין געזאָגט, האָט ערגעץ טיף אין האַרצן „אַ מייזעלע געשקראַ־בעט", ווען כ'האָב זיך געלאָזט צו דער קראָפּאָטקין־גאַס וווּ ס'האָט זיך אויפגעהאַלטן דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט.

כ'האָב אַ שטויס געטאָן די שווערע דעמב־געשניצטע טיר מיטן בראָנד־זענעם הענטל און קוים באַוויזן זי צומאַכן הינטער זיך, ווי ס'האָט מיך אָפּגעשטעלט אַ מיליציאָנער און כ'בין גלייך אַרומגערינגלט געוואָרן דורך אַ גאַנצע כאָפּטע ציוויל־געקליידטע קוילער־יונגען:

— פון וואַנען, בירגער?

— וווּהין?

— וועמען באַדאַרפט איר?

— אייער פּאַספּאָרט!

אַ באַרוישטער האָב איך אַרויסגענומען מיינע דאָקומענטן, אָבער דער האָגל פון פראַגן האָט זיך נאָך אַלץ נישט געענדיקט:

— אייער באַשעפטיקונג?

— מיט וועמען דירעקט פון יידישן קאָמיטעט זייט איר געווען אין קאָנ־טאַקט ?

— ווער האָט אייך געגעבן אָנווייזונגען ?...

פון דער זייט אָבער האָט זיך דערהערט אַ קוויטשיק־באַפעלערישער :

— ציטצ ! שטיל זאָל זיין ! — און... ס׳האָט אויפגעהערט צו ״האָגלען״. דער קרייז פון די געזונטע ק.ג.ב.־זשלאָבעס האָט זיך פאַנאַנדערגעשלאָסן מיט גרויס הכנעה און אָפּשיי פאַר איינעם אַ דאַרינקן מיט קרענקלעכער גרינקייט אין פּנים, די פיס אין די גלאַנציקע שטיוועלעך, צעשטעלט אין דער ברייט, אָנגעטאָן אין אַ צעשפּילעטן פוטער, מיט אַ הויכער גענעראַלסקע פּאַפּאַכע אויפן קאָפּ, — ווייזט אויס צוליב קאָמפּענסירן זיין דאַרקייט און נידערוווקסיקייט.

מיט אַ פינגערל האָט ער שווייגנדיק מיך צוגעמאָניעט צו זיך, גענומען מיין פּאַס, מיין צייגעניש און דעם מיטגלידס־בילעט פון סאָוועטישן שריי־בער־פאַראיין. עפּעס פאַרצייכנט ביי זיך אין בלאָקנאָטל. דערנאָך זייער העפלעך מיר געגעבן צו פאַרשטיין :

— דער יידישער קאָמיטעט איז דערוויל ליקווידירט — און אָנווייזנדיק מיטן פינגערל אויף דער פאַרפּלאָמבירטער טיר פון קאָמיטעט, האָט ער נאָכאַמאָל מיט אַ שמייכל אונטערגעשטראָכן : — דערוויל...

— און די ״אייניקייט״ ? — האָב איך נאַרישלעך געפרעגט :

— אויך די ״אייניקייט״... דערוויל. איר זייט פריי, חבר קערלער... יאָסיף באָריסאָוויטש, — האָט ער אַרויסגעלייענט פון בלאָקנאָטל. אָפּגעגעבן מיר די דאָקומענטן און אָנגעוויזן אויף דעם אַרויסגאַנג : איר זייט פריי !

— דערוויל ? — האָט זיך מיר געוואָלט איבערפרעגן, נאָר געזאָגט האָב איך ״דאָ סווידאַניע״, — צום ווידערזען, הייסט עס...

5. דער זייגער האָט געשלאָגן... דרייצן.

מעגלעך דעם זעלבן טאָג, צי אפשר שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג, בין איך געקומען אין פאַרלאַג ״עמעס״. כ׳האָב שטענדיק ליב געהאַט דאָס קאָרידאָרל מיט די ענגע זאַכלעך־פאַרהאַוועטע צימערלעך אויפן צווייטן שטאָק פון סטאַראָפּאַנסקי געסל, 2 ; פון יענער צייט, ווען ס׳האָט נאָך טעגלעך געזשיפּעט

די צייטונג "דער עמעס", ווו כ'האָב באַוויזן אָפּצודרוקן מיינע ערשטע פּאָר לידער, האָב איך געדרן באַזוכט אַט דעם מקום. אין קאָרידאָרל האָט מען געקאָנט טרעפן אַלעמען — פון דעם סאַמע באַרימטן יידישן דיכטער ביז צום סאַמע איינגעגעסענעם גראַפאָמאַן. אין 1938 בין איך בייגעווען בעת דער ליקווידאַציע פון דער צייטונג. געזען: אַ דערשלאָגענער האָט זיך שטיל אַרויסגעשאַרט פון דאָרט דער גרויסער דוד בערגעלסאָן, ווי שווייגנ־דיק און פאַרפינצטערט איז פאַרבייגעגאַנגען יחזקאל דאָברושין, איבער־לאָזנדיק נאָך זיך דעם צאַרנדיקן קלאַפּ פון זיין הילצערנער פוס־פּראָטעזע. באַמערקט האָט מיך פון ווייטנס אהרון קושניראָוו (ער האָט אויסרעדאַגירט מיין ליד, וואָס האָט זיך באַדאַרפט באַוויזן אין דעם קומענדיקן צייטונגס־נומער, וואָס איז שוין קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געקומען...). קוש־ניראָוו האָט מילד אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף מיין אַקסל, מיט צער און מיטלייד, אַרויסגעשעפּטשעט: מילא, מיר, די עלטערע, האָבן נאָך עפּעס באַוויזן... אָבער וואָס וועט זיין מיט אייך — מיט די יונגע?!

דאָס איז געווען דאָן, נאָך אין יאָר 1938.

אַצינד, מיט צען יאָר שפּעטער האָט זיך גראָד אָנגעמערקט אַ גרויסע אויפלעבונג אין דער טעטיקייט פון פאַרלאַג "דער עמעס". מעגלעך — אַ דאַנק די באַמיונגען פון זיין דירעקטאָר — לייב סטראָנגין — דעם שטרענגן אַלטן באָלשעוויק (נאָך ביז דער רעוואָלוציע קיינמאָל נישט געהערט צו קיין אַנדער פּאַרטיי־ריכטונג!), אָט דער שווייגנדיקער "פּראָסטאָק", גע־וועזענער יידישער זעצער, האָט אָבער פאַרמאָגט אַ גרויס האַרץ, וואָס איז איבערפולט געווען מיט פאַרטרוילעכער ליבשאַפט צום יידישן וואָרט און מיט גרויס יראת הכבוד צום יידישן שרייבער *, געוויס האָט אויך צוגעלייגט

* מען דערציילט, אַז בעת די פייניקונגען אין דער לוביאַנקע־טורמע, האָט דער אויספאָרשער־עקזעקוטאָר, וואָס איז געשטאַנען איבער זיין צעשלאָגענעם קערפּער זיך אַ באַרים געטאָן:

— אייער "פּאָעט" לייב קוויטקאָ האָט געקושט מיינע שטיוול!

סטראָנגין האָט זיך פאַמעלעך און קרעכצנדיק אויפגעהויבן פון דער פּאָדלאָגע, זיך אויסגעגלייכט און אויסגעשפּיגן מיט בלוט די אַרויסגעהאַקטע ציין:

— מיט וואָס באַרימסטו זיך, גאַרנישט איינער... קוויטקאָ איז געווען און פאַרבליבן אויף אייביק אַ גרויסער פּאָעט... און דיין נישטיקייט וועט קיינער קיין מאָל מיט קיין גוט וואָרט נישט דערמאָנען...

מען האָט אים דאַן שרעקלעך צעהרגעט — אונטערגעשלאָגן די לונגען. פון לאַגער האָט מען אים "אַקטירט", ווי אַן אינוואַליד. אַ יאָר אַנדערהאַלבן נאָך דער "באַפרייונג" איז ער געשטאָרבן.

אַ שטאַרקע האַנט צו דער אויפלעבונג פון פאַרלאַג־וועזן, צום שאַפן אַן אייגענע פּאַליגראַפישע באַזע, טאַקע דאַרטן־אויפן ערשטן שטאָק פון סטאַראָ־פאַנסקי 2, אַ באַזע מיט אייגענע לינאָטיפּן און דרוק־מאַשינעס, — דער זייער ענערגישער נייער פאַרטרעטער פון פאַרלאַג־דירעקטאָר — איינער אַ גאָלדמאַן, אַ פאַרדינסטפולער געוועזענער קריגס־פּאָלקאָווניק, וואָס האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט זיך געזעגענען מיטן מונדיר באַהאַנגען מיט פאַרשיידענע שלאַכט־אויסצייכענונגען.

מיט איין וואָרט, — דער זייגער האָט געקלאַפּט. געקלאַפּט, וואָלט איך איצטער געזאָגט, אַ ביסל האַסטיקער ווי געוויינטלעך...

דאָרט, אין "עמעס"־פאַרלאַג איז ביי מיר געוועזן אַן אַלטער ידיד, אַ טייערער, אַ האַרציקער מענטש. דאָס איז געוועזן דער ביבליאָטעקאַר ראָזנ־הויז. אַ באַשיידענער, אַן אויפמערקזאַם־שווייגנדיקער, פלעג ער זיך שטענ־דיק ווי אויסבאַהאַלטן אין ביבליאָטעק־צימער, ענג־באַשטעלט מיט פּאָלי־צעס, ביז צום הויכן סופיט, אָנגעפּראַפּט מיט יידישע ביכער און ספרים. דאָס איז געוועזן אַ ייד, וואָס האָט שטיל געשמייכלט און נאָך שטילער גערעדט און געהאַלטן האָט ער זיך שטענדיק אַן אַ זייט פון די זאַכלעכע פאַרלאַג־האַווענישן. אָבער נישקשה, קיין איין יידישער ביבליאָפיל און אמתער ביבליאָגראַף האָט נישט געקאָנט אויסמיידן אָט דאָס דאָזיקע שטיל און קליינוווקסיק שעמעוודיק־שמייכלענדיק יידעלע...

זאָל ער זיין געזונט, אויב ער לעבט נאָך איצט.

צווישן אונדז האָט זיך איינגעשטעלט אַ מין איידעלער שטיל־שווייגנ־דיקער צוטרוי נאָך אין יאָר 1938, ווען כ'בין געקומען אַהער צום ערשטן מאָל מיט מיינע רויע הילפלאָזע לידער. די צוגעלאָזנקייט מצד אָט דעם ווייניק באַריידעוודיקן בעל־הספר צו אַ פרייש סטודענטל, אַן אָנפאַנגער, איז דאַן, אין יענע שרעקלעכע יאָרן פון "פּראָלעטאַרישער וואַכזאַמקייט", געווען, קאָן מען זאָגן, אַ געוויסע איינשטעלעניש. זיין פריינדלעכקייט צו מיר האָט זיך געשטאַרקט, מיין איך, נישט אַזוי אין זכות פון מיינע לידער, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט קענטיק גלייך דערשנאַפּט אין מיר אַ דאַרשטיקן, דערצו נאָך אַ יונגן ליבהאָבער פון יידישן בוך — אַ זאַך, וואָס האָט זיך שוין אויך דאַן אַלץ זעלטענער געטראָפן.

מיר פלעגט ער לאָזן קריכן אויפן לייטער און זיך ראַיען צווישן די ביכער וויפל מיין הארץ האָט געגלוסט. איין זאַך — טאָמער האָט ער געמוזט אַוועק ערגעץ אויף אַ שעה, צי אַנדערהאַלבן, פלעגט ער מיך היימישלעך

אַ פרעג טאָן, צי האָב איך חשק ווייטער פאַרבלייבן דאָ, ביז ער וועט קומען און אויב יאָ, — וועט ער מיך לאָזן אַ פאַרשלאָסענעם אינווייניק צוזאַמען מיט מיינע ליבע ספרים... טאַקע אַ דאַנק יענע פּריווילִיקע „אַרעסטן״, בין איך טיפער אַריינגעדרונגען און היימישער געוואָרן אין דער ביכער־וועלט פון אונדזער גרויסער יידישער וועלט־ליטעראַטור...

אַצינד, קומענדיק אין פאַרלאַג, בין איך צוערשט אַריינגעגאַנגען צו ראַזנהויזן. זיך צערעדט. דערציילט וועגן מיינע איבערלעבענישן אין דער געביידע פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, דאָ האָבן שוין אַלע גע־ווּוּסט, אַז דעם קאָמיטעט האָט מען געשלאָסן. מענטשן האָבן געיאָגט פון זיך די שרעק, איינס ביים אַנדערן געזוכט אַ שטיקל טרייסט און פיבערהאַפט געאַרבעט. אַ גוואַלדיקע פאַרנומענקייט האָט געהערשט אין די רעדאַקציע־צימערן: די דרוק־מאַשינקעס האָבן זאַכלעך געקלאַפּט, פליייסיק האָבן די קאָרעקטאָרן געזוכט זייער אייביקן שונא — דעם גרייז, אָדער דרוק־פעלער, פון אונטערשטן שטאָק האָט זיך דערטראָגן דאָס מאָנאָטאָנע גערויש פון דער דרוקעריי. הכלל — אַלץ איז געווען נאָרמאַל: דער פאַרלאַג־זייגער האָט געאַרבעט ריטמיש. דאַכט זיך... ריטמישער ווי שטענדיק.

ווען כ׳האָב ראַזנהויזן פאַרזיכטיק אַרויסגעזאָגט מיין חשד, אַז איצט קאָן מען דערוואַרטן אויך די ליקווידאַציע פון פאַרלאַג, האָט יענער אַ פאַרצי־טערטער, אויפגעהויבןביידע הענט, גלייך ער וואָלט אָפּשטויסן פון זיך אַ בייז געשפענסט:

— וואָס רעדסטו, קערלערל?... יענע, — האָט ער אַנגעדייט אויפן קאָמיטעט, — יענע האָבן דאָך פאַרט געהאַט דירעקטע, צי אומדירעקטע פאַרבינדונגען מיט אויסלאַנד... איך זאָג נישט, אַז זיי זענען חס וחלילה שולדיק אין עפּעס... אָבער דאָך פאַרבינדונגען... קאָן מען זיך ערגעץ פאַרטשעפּען... אָבער מיר, — דער איינציקער יידישער פאַרלאַג, — מיר פאַרנעמען זיך בלויז מיט אַרויסגעבן יידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור! ניין, צו אונדז וועט דאָס נישט דערגיין! — האָט ער זיכער און שוין אַ באַרויקטער אויסגעפירט.

— הלוואי פון אייער מויל צו גאָטס אויערן — האָב איך נישט פריילעך אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ און אַרויס פון ראַזנהויזן.

קעגנִיבער דער ביבליאָטעק, עטוואָס פון לינקס — דער קאַבינעט פון פאַרלאַג־דירעקטאָר לייב סטראָנגין. כ׳האָב זיך געלאָזט אַהין. געוואָלט עפּעס געוווירע ווערן וועגן מיינעם אַ בוך, וואָס האָט געזאָלט געגרייט זיין צום

דרוק... כ׳בין שוין כמעט געווען לעבן דער טיר, ווי כ׳בין פּלוצעם מיט כוח אַפּגעשטופּט געוואָרן אין אַ זייט.

ביי דער טיר האָב איך שוין דערקענט די "גוטע לייט", מיט די רייכע פּעטראָווע שליאַפּעס, וואָס האָבן געוואָרפן אַן אַלציינעם שאָטן אויף די אַלציינס־אַפּגעפּרעסענע געזיכטער. פון אונטער די שפּאָגל־נייע ציווילע גאַ־באַרדין־מאַנטלען האָבן ביי זיי אַרויסגעגלאַנצט די אָפיצירישע שטיוועלעך, ס׳האָט זיך פאַרגעדענקט ווי איינער פון זיי, — דער עלטסטער, ווייזט אויס, — האָט מעשה בעל־הבית באַפעלעריש געקלאַפּט אין סטראַנגינס טיר, — מיט דער דלאָניע צו זיך...

דאָן האָב איך מיך אין דער שטיל צוריק אַריינגעשלייכט אין ביבליאָטעק:

— "זיי" זענען שוין געקומען, ראָזנהויז...

מיין אַלטער פריינד, האָט אויפגעהויבן פון בוך זיינע מילדע קינדערישע אויגן: — ס׳חלומען זיך דיר בייזע חלומות ... — האָט ער אַ ביסל צע־טומלט געשמייכלט. — פאַרבלייב, זיי אַזוי גוט, אַ מינוטקעלע...

און ווידער בין איך פאַרבליבן, אַצינד שוין צום לעצטן מאָל, אַ פאַרשלאָ־סענער מיט מיינע טייערע יידישע ביכער.

ראָזנהויז איז צוריק אריין, דאַכט זיך, — נאָך קלענער פון זיין נידעריקן ווּוקס און דאַכט זיך, — נאָך דאַרלעכער ווי דאַר ער איז געווען. אין די ציטערנדיקע הענט — אַ הויפן פּאַק־פּאַפּיר און שפּאַגאַט. אַ בלייך־בלאַסער האָט ער פאַרלאָרן אַרויסגעקרעכצט:

— מען האָט מיר באַפוילן פאַרפּאַקן אין פּעקלעך די ביבליאָטעק...

ווען כ׳האָב זיך געוואָרפן אים אַרויסהעלפן, האָט ער מיך ניט געלאָזט זאַגנדיק, אַז באַלד וועט מען אים אַריינשיקן "מיטהעלפער" — "זיי" האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט... קבורת־לייט — האָט ער זיך קרום אַ ווייצל געטאָן, — און דו גיי, גיי פון דאַנען, חבר טייערער...

איבערן קאָרידאָר האָבן זיך שוין צעפּאַלאַכעט געטראָגן די פאַרלאַג־מיטאַרבעטער, רעדאַקטאָרן, מאַשיניסטקעס, קאָרעקטאָרן, לינאָטיפּיסטן און דרוקער. ממש ווי אין אַ שריפה האָבן אַלע אין מוראדיקער איילקייט גע־פּאַקט אין צונויפגעבונדן פאַרשידענע דאָקומענטן, מאַנוסקריפּטן, די בוכ־האַלטעריע, שרייב־מאַשינקעס און קאַנצעליארישע מכשירים. אַלץ האָט לויטן שטרענגסטן באַפעל, געמוזט פאַרפּאַקט זיין און פאַררעגיסטרירט ווערן אַמשנעלסטן... אַרויסגעהאָלפן, קאָמאַנדעוועט און אַריינגעבראַכט אַ

שטיקל אָרדענונג אין אָט דער סומאַטאַכע, האָבן עטלעכע געזונטע שקצים — "קבורת־לייט", ווי ראַזנהויז האָט זיי געקרוינט.

(כ'וואָלט געמעגט שווערן, אַז אייניקע פון זיי האָב איך שפּעטער געטראָפן אַלס טורמע־וועכטער פון דער באַרימטער "לוביאַנקע").

כ'האָב זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג און זיך צונויפגעשטויסן מיט מיינעם אַ קאָלעגע אַ פּראָנט־דיכטער פון מיין דור. אַ צעיאָכמעטער האָט ער מיר אָנגעזאָגט די בשורה:

— אָי קערלער, דו ווייסט? מע ליקווידירט דאָך דעם "עמעס"?!

— ס'קאָן ניט זיין! — האָב איך בייזלעך דערווידערט.

— וואָס הייסט? — האָט יענער אָנגעוויזן אויפן טומל, ניט באַנעמענדיק, ווייזט אויס, אַז מע קאָן אין אַזאַ פאַל איראָניזירן.

שווייגנדיק האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ. דורך די צעפּראַלטע טירן פון דער "עמעס"־טיפּאָגראַפיע האָבן ווי איבערגעשראָקן אַרויסגעבליקט די פלוצעם־פאַרשטומטע לינאָטיפּן און די דרוק־מאַשין...

כ' ווייס נישט פאַר וואָס, ס'איז מיר געקומען אויפן געדאַנק שלום־עליכמס דערציילונג וועגן דעם ווי דער זייגער האָט געשלאָגן... דרייצן.

6.ביים "אַלטן"

מיר זענען אַרויס צום סטאַראָפּאַנסקי־געסל און פון דאָרט געבלאָנדזעט אָן אַ ציל — גאַס־איין, גאַס־אויס, ביז ס'האָט זיך אָנגעהויבן צו לעשן די האַרבסטיקע שקיעה.

דעם אמת געזאָגט, האָט מיך שוין רעכט גענודזיעט פון מיין באַגלייטער, וואָס האָט נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן איינעם און דעם זעלבן פּיזמון אויף פאַרשידענע אופנים: "וויי־וויי, וואָס וועלן מיר איצטער טאָן?", און "אפשר אויפהערן שרייבן יידישע לידער?" (ער האָט טאַקע אויפגעהערט און ווי מיר שיינט, — ביז צום היינטיקן טאָג). דאַכט זיך אַ ווילער בחור, דער קאָלעגע מיינער, אָבער ניט קיין איבעריקער חכם... אָן אַנדער דיכטער האָט אַמאָל געזאָגט אויף אים, אַז ער טיילט זיך אויף אַנדערהאַלבן — אויף אַ גאַנצן נאַר און... אַ האַלבן פּאָעט.

כ'האָב שוין געזוכט עפּעס אַן אויסרייד כדי זיך צו שיידן מיט אים, ווי פלוצעם האָט ער פאַרגעלייגט: ווייסטו גאַר וואָס? לאָמיר, יוסף, זיך אַריינכאַפּן צום "אַלטן".

ס׳איז געווען דאָן דער בייטיקסטער געדאַנק. דער ״אַלטער״ — דאָס איז יחזקאל דאָברושין, ער איז דאָך, ווי בערגעלסאָן האָט געזאָגט, ״די גוטע הייבאַם פון דער יידישער ליטעראַטור״... נישטאָ כמעט קיין איין יידיש־סאָוועטישער שרייבער, וואָס זאָל האָבן אויסגעמיטן זיין אויטאָריטעט וואָרט, זיין הילף, זיין דערמונטערנדיקע ברכה, אָדער שאַרפע אָפּנהערציקע קריטיק. קיינער האָט נישט אַזוי גוט געוווּסט אַלע אונדזערע חסרונות, קיינער האָט אַזוי נישט געשפּירט אַלע אונדזערע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן, דאָס בעסטע וואָס אין יעדן איז פאַרבאָרגן. טאָ ווי קאָן מען דען אויסמיידן יחזקאל דאָברושינען אין אַזאַ פינצטערער צייט, אין אַזאַ הימלפאַלעניש איבער אונדזערע קעפּ? ס׳האָט דאָך געצויגן צו אים ממש ווי מיט צוואַנגען, ווי צו אַן אייגענער מאַמען, אויף וועמענס שויס ס׳איז נישט קיין בושה זיך צו פאַנאַנדערוויינען ווי אַ קליין קינד. — אָבער יאָ, מען טאָר נאָר נישט פאַרגעסן, — האָט מיין באַגלייטער מיך געוואָרנט — אַז דער ״אַלטער״ האָט נישט לאַנג איבערגעטראָגן אַן אינפאַרקט... ס׳איז אפשר געזונטער מיר זאָלן אים נישט דערציילן וועגן דער ליקווידאַציע פון ״עמעס״...

— אוודאי! — האָב איך מיט צער מסכים געווען — מען דאַרף שוינען ״דעם אַלטן״. קיין וואָרט וועגן דעם, וואָס מיר האָבן היינט איבערגעלעבט!

אַזוי טאַקע האָבן מיר אָפּגעמאַכט.

און אָט זענען מיר שוין ערגעץ ביים אָנהייב פון דער רעשיקער, שוין גוט באַלויכטענער גאָרקי־גאַס. מיר הייבן זיך אויף אויפן דריטן שטאָק פון אַן אַלטמאָדיש נאָר גאַנץ פעסט מויערל. מיר קלינגען אָן און ס׳עפנט אונדז די טיר דאָברושינס שוועסטער, מיט אַ פריינדלעכן שמייכל באַגלייט זי אונדז ביז צום אַרבעטס־צימערל פון האַציען — ווי זי פלעג רופן דעם ברודער אירן...

דאָברושין האָט זיך שווער אויפגעהויבן פון זיין שטול ביים גרויסן דעמבענעם שרייב־טיש, זיין קרופּנע קיילעכדיק פּנים, די דיקע ברילן־גלעזער, די שיינע שניי־ווייסע האָר־קרייזן אַרום זיין הוילן קאָפּ — אַלץ האָט אויפגעלויכטן פון זיין ברייטן שמייכלענדיקן ברוך הבא:

— איך אַרבעט, נאָר ס׳מאַכט ניט אויס... קומט אַריין, חברה!.. וואָס הערט זיך?

מיין באַגלייטער האָט אַרויסגעלאָזט אַ האַרצרייסנדיקן זיפץ. כ׳האָב אים אָנגעטראָטן אויפן פוס, אָבער פאַרפאַלן — יענער האָט שוין אַרויס־געפּראַלט פון זיך זיין יללה:

— אוי, חבר דאָברושין, איר ווייסט? מען האָט שוין ליקווידירט דעם פאַרלאַג אויך...

דאָברושין האָט זיך שאַרף אַ קער געטאָן אין מיין זייט:

— פון וואַנען נעמט איר דאָס?

— מיר קומען ערשט פון דאָרט, — האָב איך געמוזט באַשטעטיקן.

און ווידער מיין קאָלעגע:

— אוי וויי, וואָס וועט איצטער זיין און אפשר דאַרף מען שוין אויפהערן צו שרייבן יידיש?

— ס'וועט גאָר נישט זיין! — האָט דאָברושין געפּרוווט אונדז באַרויקן — אַלץ וועט זיך אויסקלאָרן!

און אַ ביסל בייזלעך צו מיין באַגלייטער:

— וואָס שייך יידיש — איז ווער סע דאַרף — וועט ווייטער שרייבן און ווער ס'באַדאַרף ניט — האָט שוין לאַנג באַדאַרפט אויפהערן.

אָבער שפּעטער אַ ביסל האָט ער זיך צוגעזעצט און מיט געציילטע געהיטע ווערטער געגומען טרייסטן, אַז די סאָוועטישע רעגירונג, ווייסט וואָס זי טוט און מעגלעך ס'איז גאָר אַ פעלער פון עמעצן און ווען דער חבר סטאַלין וועט זיך נאָר דערוויסן וועגן דעם — וועט ווידער זיין אַ פאַרלאַג און אַ סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור...

און דערנאָך, שוין אַ ביסל מידלעך:

— נו, גוט חברה, איך מוז נאָך היינט אַרויסענדיקן מיינע אַן אַרבעט...

ווען מיר האָבן זיך געזעגנט און מיין באַגלייטער איז דער ערשטער אַרויס אין קאָרידאָר, האָט מיר דאָברושין איינגערוימט: "קערט זיך אום אַליין..."

אין דרויסן בין איך אַרויפגעפאַלן אויף דעם קאָלעגע מיינעם:

— וואָס ביסטו, שלים־מזל איינער, אַרויס מיט די וויסטע נייעס. מיר האָבן זיך דאָך גוט צונויפגערעדט, שוויגן, אַ... שטומעניש אויף דיר!

— כ'ווייס נישט — האָט יענער זיך פאַרענטפערט, — ס'האָט מיך עפּעס אַ בראָט געגעבן פון אינעווייניק, נישט געקאָנט זיך איינהאַלטן... וויי, וויי וואָס וועט איצטער זיין מיט אונדז?... איך מיין אויך, אַז דער חבר סטאַלין ווייסט נישט. אפשר זאָלן מיר אים אָנשרייבן אַ בריוו, הא?...

— אַ גוטע נאַכט! — האָב איך אָפּגעהאַקט און אַוועק מיט שנעלע טריט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

ווען כ'בין שוין צוריק אַריינגעקומען צו דאָברושינען האָב איך אים

געטראָפן שטאַרק פאַרטאָן ביי די צעעפנטע שופלאָדן פון זיין מאַסיוון שרייב־טיש. ער האָט זאָרגפעליק איבערגעקליבן גאַנצע פעק מיט פאַר־שידענע, אָפט שוין צייט־פאַרגעלטע בריוו, פאָטאָגראַפיעס, כתב־ידן. („דאָ ליגט, — האָט ער מיר אַמאָל געזאָגט, — אָנווייזנדיק אויף זיין שרייב־טיש, — דאָ ליגט פאַרבאָרגן אַן אמתער אוצר — די סאַמע אָריגינעלע פּרטים, מאַטעריאַלן און אין גאַנצן נישט באַוווסטע נאָך דאָקומענטן צו דער גע־שיכטע פון דער יידישער קולטור אין רוסלאַנד, אָנהייבנדיק פון פעטראָגראַ־דער און קיעווער פעריאָד...

דאָברושין האָט פּאַמעלעך זיך אָפּגעריסן פון די צעשפּאַרטע שופלאָדן און, אָנווייזנדיק מיר אויף אַ דערבייאיקן שטול האָט ער זיך אויך שווער באַזעצט קעגניבער אויף דער קושעטקע און, ווי זיין שטייגער, האַסטיק צוגערוקט זיין האַלצערנעם פוס נעענטער צום נאַרמאַלן, — דעם לעבעדיקן.

שווייגנדיק האָט ער אויפגעהויבן זיינע ברילן איבער די אויגן און לאַנג ווי דורך אַ ווייטן נעפּל מיט אַ פאַרזאָרגטן בליק און קענטיק אַ ביסל פאַרחידושט, געקוקט אויף מיר.

ס׳האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז אָט דער היימיש־טייערער מאַן זעט מיך צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מיר האָבן זיך געזען דאָן צום לעצטן מאָל...

— נו, — האָט ער אַרויסגעאָטעמט און רויק, ווי געוויינטלעך ביים זאָגן „אַ גוטע נאַכט״:

— אַצינד דאַרף מען וואַרטן אויף אַ קלאַפּ אין דער טיר...

און ווי אָפּווישנדיק מיט איין ליבלעך־טרויעריקן שמייכל אַלע מיינע נאַרישע דערווידערונגען, האָט ער אַ בעט געטאָן:

— זייט אַזוי גוט און קלינגט אָן צו זוסקינען, זאָגט: כ׳האָב אים געבעטן אַריינקומען...

כ׳פאַרשטיי איצטער זייער גוט, אַז ער, יחזקאל דאָברושין, מיין באַליבטער ליטעראַטור־פּראָפעסאָר אין דער יידישער טעאַטער־סטודיע, איינער פון מיינע ערשטע לערער און וועגווייזער (ניט אַזוי לויט זיינע ליטעראַטור־פאַרשערישע ווערק פול מיט פאַרשידענע באַוואָרענישן קעגן אַ בייז אויג, געשריבן אין אַ שפּראַך, — גאַנץ שווער צום פאַרדייען, נאָר דווקא אַ דאַנק די פּילצאַליקע שמועסן אויג־אויף־אויג, ווו ער איז געווען אָריגינעל, בליי־ציק־שאַרף און טרעפלעך אין זיינע דעפיניציעס און אָפּשאַצונגען).

כ׳פאַרשטיי אַז דאַן, ווען ער האָט דורכאויס געוואָלט, אַז איך זאָל זיין דער

דריטער ביי יענעם שמועס מיט בנימין זוסקינען, האָט ער שוין מעגלעך געהאַט אין זינען, אַז פון די דריי וועט כאָטש איינער פאַרבלייבן אַ לעבע־דיקער עדות פון יענעם דראַמאַטישן אָוונט... וואַרשיינלעך — איך, דער יינגסטער.

אָבער, וויי, ס׳איז פאַרביי אַזאַ צייט פול מיט אַנדערע טראַגישע געשעע־נישן — טורמעס, לאַגער־קנעכטשאַפט, פייניקונגען — דאָס געזאַנג צווישן ציין — ווען אַלע אברים, — פון מינדסטן האָרץ־געוועב ביז צום לעצטן מוח־קעמערל, — זענען געשטעלט געוואָרן אין קאָן, כדי אויסצוהיטן אין זיך דעם צלם אלוקים — דאָס פינטעלע ייד, דעם מענטשלעכן פונק, די אינערלעכע פרייהייט... וויי־וויי, כ׳האָב נישט פאַרגעדענקט יענעם שמועס. כ׳בין טאַקע פאַרבליבן דער איינציקער לעבן־געבליבענער עדות, נאָר כ׳קאָן נישט, אויספילן דעם פליכט וואָס, פריער — מיין ליבער דאַברושין ז״ל און שפּעטער — דאָס ביטערע גורל מיינס — האָבן אויף מיר אַרויפגעלייגט...

ס׳געדענקט זיך נאָר, ווי דער עלטערער אין יאָרן און דערפאַרענער אין לעבן דאַברושין, וועלכער האָט זיך ערשט ביט לאַנג ״אַרויסגעקאַראַבקעט״ נאָך אַ האַרץ־אַטאַק, האָט מיט אויסערגעוויינלעכער איבערצייגעוודיקייט געמוטיקט דעם יינגערן בנימין זוסקין, דעם באַרימטן יידישן פאָלקס־אַר־טיסט, דעם וואָס האָט במשך 30 יאָר באַגייסטערט דעם טעאַטער־צושויער מיט זיין תמימותדיקער לעבנס־פרייד, מיט זיין חנעוודיקער, מיט זיין, אויף דורך און דורך, יידישער מוזיקאַלישקייט און פלאַסטיק, דעם וועמענס יעדער אויפטריט האָט אַריינגעבראַכט יום־טוב און בטחון אין דער שווערסטער וואָכעדיק־סאָוועטישער וואָר פון רוסלענדישן יידנטום.

אַצינד איז ער געזעסן, זוסקין, קעגן זיין עלטערן פריינד דאַברושין, (צו וועמען ער איז געקומען אַ געבויגענער, אַ פאַרלוירענער), געזעסן און מיט דאָרשט געשלונגען יעדער וואָרט, וואָס האָט געמוטיקט און געטרייסט, כאָטש ער, דאַברושין אַליין, האָט צווישן די רייד נישט איין מאָל און נישט צוויי — געגעבן אַנצוהערן, אַז זיין פערזענלעכער גורל איז שוין אַ געחתמ־עטער — ״אַצינד דאַרף מען וואַרטן אויף אַ קלאַפּ אין דער טיר״...

— — — — — —

— — — — — —

אין יידישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט

מאָסקווע, 1946. אין דער ערשטער ריי (זיצן) פֿון רעכטס אויף לינקס — יחזקאל דאָבּרושין, די אַקטריסע קלאַראַ יונג און שלמה מיכאָעלס. צווייטע ריי: לייב סטראָנגין, בּינם העלער, איציק פֿעפֿער, רחל בּוימוואָל און שמואל האַלקין. (פֿראַגמענט פֿון אַ גרעסער בּילד).

7. בנימין זוסקין

ס׳איז געווען שפּעט אין דער נאַכט, ווען מיר זענען אַרויס פון דאַברושינס הויז. אויף דער גאָרקי־גאַס איז שוין געווען גאַנץ פּוסטלעך. ס׳האָבן געאיילט פאַרשפּעטיקטע לייט, גלייך־גילטיקע צו די שרייענדיקע בע־אָן־פייערן און ליכטיק־דעקאָריר־טע וויטרינעס פון די לאַנג שוין געשלאָסענע קראָמען. אויך אוי־טאָ־מאַשינעס האָבן זיך גאָר זעלטן פאַרבייגעיאָגט. אויף די ראָגן האָבן זיך לאַנגווייליק אַ־רומגעדרייט די מיליציע־שומרים, אַרויסקוקנדיק, ווייזט אויס, אויף אַ צופעליקן שיכור אין אָט דער וואַכעדיקער האַלב־נאַכט.

כ׳האָב באַגלייט זוסקינען אַהיים צום טווערסקאָי בולוואַר. ער איז נאָך אַ צייט געווען אונטער דער ווירקונג פון דאַברושינס רייד און אַ פאַרקלערטער, איינגעטעטנהט נישט אַזוי צו מיר, ווי צו זיך אַליין: יאָ, יאָ, אונדזער ליבער יחזקאל מאַיסייעוויטש איז גערעכט: מע טאָר נישט אַראָפּ־לאָזן די הענט...

ס׳האָט זיך פאַרשניטן אין זכרון אַ פראַזע:

— וואָס ווייסטו, קערלער, ווי מיר איז שווער!...

און נאָך אַ פראַזע פון אויסגאַנגלאָזער פאַרצווייפלונג:

— צו וואָס האָט ער, שלמה, געדאַרפט פאָרן אין דעם פאַרשאָלטענעם מינסק?... וויי־וויי, וואָס ער האָט אונדז אָפּגעטאָן!...

ס׳האָט זיך דערמאָנט ווי זוסקין האָט נישט אויסגעהאַלטן, דאַן בעת ער איז געשטאַנען אין ערן־קאַראַול ביים אָפענעם אָרון פון געהרגעטן שלמה

מיכאָעלס — ער האָט זיך פּלוצעם אָנגעהויבן צו שלאָגן מיט די פויסטן אין קאָפּ: וויי, וויי, וויי צו אונדז אַלעמען!

מען האָט אים דאָן קוים צוגענומען פון אָרון. אָבער באַרויקט האָט ער זיך נאָך אַלץ ניט.

לעצטנס האָט ער שוין גאָר נישט אַזוי זיכער ווי אַמאָל, זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיין שטעקן, גלייך דער באָדן, וואָלט אַלץ מער אַוועק פון אונטער די פיס.

יאָ, זינט יענעם פינצטערן יאַנואַר פון 1948, אָן מיכאָעלסן, האָבן מיר פאַר זיך דערזען גאָר אַן אַנדער זוסקין...

זאַרגלאָז און גליקלעך האָט זיך אַנטוויקלט זיין אוניקאַלער ליריש־קאָמעדיאַנטישער טאַלאַנט אונטער דער שוץ פון די מעכטיקע מיכאָעלס־פליגל.

געווען אַמאָל אַ יידישער אַרטיסט, אַ גרויסער קונדס, געליבט און גע־באַלעוועט פון אַלע אַרום — סיי פון די בינע־קאָלעגן, סיי פון די גרויסע טויזנטער צושויער, סיי פון דער טעאַטראַלער פּרעסע: אָבער ער אַליין האָט עס ווי ניט געשפּירט. ער איז שטענדיק ערנסט געווען פאַרטאָן און פאַרטיפט אין זיינע ראָלן, אין זיין שפּיל.

דערוואַקסענע שפּילן אין ערנסקייט, קינדער נעמען אָן פאַר ערנסט יע־דער שפּיל. און זוסקין איז געווען און שטענדיק פאַרבליבן אַ קינד — תמימותדיק און תמיד עטוואָס פאַרחידושט האָבן די ברעמען אַרויפגעפלאָ־טערט איבער די פאַרשייטע קונדייסיש־לאַכנדיקע אויגן־שפּאַלטן. האָט ער נישט געשפּילט איז דאָס גאַנצע לעבן נישט ווערט געווען קיין גראָשן. טאַקע נאָר ווי ביי זיין האַצמאַכן פון די "בלאָנדזשנדע שטערן" און טאַקע נאָר ווי ביי זיין מוטיק־פריילעכן בדחון פון "פריילעכס" — זיין לעצטע ראָל און זיין לעצט "פריילעכס" — אין לעבן.

אין לעבן פלעגט ער זיך פאַרהיקען ביים ריידן. אויף דער בינע — האָט ער לגמרי פאַרגעסן ווי מע טוט דאָס. כ'מיין, אַז די איינציקע זאַך, וואָס ער וואָלט נישט געקאָנט אויסשפּילן אויף דער בינע איז — די ראָל פון אַ זאַהיקע...

זוסקין — דער קאָנגעניאַלער בינע־פּאַרטנער פון שלמה מיכאָעלסן (בנימין השלישי און סענדערל די יידענע, שימעלע סאָראָקער און סאָלאָווייטשיק, קעניג ליר און זיין לץ...) — אַ זעלטענע פּאָר, ווו איינער איז נישט קיין שאָטן פון אַנדערן, נאָר אַ קאָנגענזייטיקע, טיף־אינערלעכע אָפּשפּיגלונג איי־

נער פון צווייטן, — די פולסטע הארמאָניע פון קעגנזעצלעכע מוזיקאַלע קאָנטראַסטן...

אָבער צוזאַמען מיט מיכאָעלסן, האָט זוסקין פאַרלאָרן נישט נאָר זיין צווייטן „איך", נאָר אויך זיין ערשטן „אים", נישט נאָר זיין אינטימסטן נשמה־פריינד, נאָר אויך זיין ערשטן און טרייסטן מורה־דרך...

מיכאעלס האָט געפורעמט און פּאָעטיש־באַפליגלט דעם גאַנצן טעאַטער־קאָלעקטיוו, פילאָזאָפיש באַהויכט און באַרייכערט די קינסטלערישע אייגנאַרטיקייט פון יעדן אַרטיסט באַזונדער און פון זוסקינען — זיין באַליבטן זוסקינען, אַלעמענס ליבלינג זוסקינען — אוודאי און אוודאי!

דעם טעאַטער־אַנסאַמבל האָט ער דערצויגן אין גייסט פון ליבשאַפט צו יידיש און צו די אייביקע פאָלקס־ווערטן אונדזערע.

אויך אין דער רוסישער טעאַטער־וועלט, אויך צווישן רוסישע שרייבער און קונסט־טוער פלעגט מען זיך רעכענען מיט זיין וואָגיק און אָריגינעל וואָרט. נישט נאָר מחמת זיין שלימותדיק, בילדעריש רוסיש־לשון, זיין גוואַלדיקער ערודיציע אין פראָגן פון לאַנד־און וועלט־קונסט, זיינע אייגנאַרטיקע און דרייסטע קונסט־קאָנצעפּציעס — נאָר אויך דערפאַר וואָס אויף אַלע זיינע ספּאָנטאַנע רעפעראַטן, לעקציעס און סעמינאַרן פאַר דער רוסיש־ריידנדיקער אוידיטאָריע, האָט ער תמיד אַרויסגעהויבן זיין שטאָלצע שיינע יידישקייט. אַ גוואַלדיקן דערפאָלג האָבן געהאַט זיינע תנ"ך־אימאַזשן, זיינע פּסוקים, משלים און מעשה'לעך פון די הגדות, פּערל פון יידישן פאָלקלאָר, וועלכע ער פלעגט מייסטעריש אַריינפלעכטן אין זיינע אַרויס־טרעטונגען, ווו יעדער וואָרט איז געווען צום אָרט.

מיכאָעלס האָט געגוי געוווסט דורך וועמען קאָן מען אַ קלאַפּ טאָן אין די סאַמע העכסטע פענצטער — די גרעסטע חשובסטע רוסישע שרייבער און אַרטיסטן, לאָורעאַטן, גענערעלער, העלדן א.אַ.וו האָבן אים ממש פאַרגעטערט...

„ער האָט נישט געטאָרט שטאַרבן, ער האָט קיין רעכט נישט געהאַט צו שטאַרבן"... אַזוי האָט שפּעטער מיט יאָרן געשריבן וועגן אים דער באַוווסטער קינאָ־סצענאַריסט אין עליה־אַקטיוויסט פעליקס קאַנדעל.

אָבער ער איז ניט געשטאָרבן — מען האָט אים פּראָסט־פּשוט געהרגעט, — פאַרנאַרט קיין מינסק און אין אַ פינצטערער נאַכט מיט אייזערנע דרענגער צעשפּאָלטן זיין שאַרבן — געקעפּט די יידישע קולטור אין סאָוועטן־רוס לאַנד...

ווער קאָן דען איבערגעבן דאָס געפיל פון פאַריתומטקייט, די געדריקטע שטימונג פון יאהוש און עלנט, וואָס האָט באַהערשט די יידישע אַקטיאָרן. איבערן מאָסקווער יידישן טעאַטער זענען געדיכטער געוואָרן די דראָענדיקע כמאַרעס און ס׳האָבן אַלץ שטאַרקער געבלאָזן בייזע פיינטלעכע ווינטן...

ווי אומבאַהאָלפענע שאָף האָבן זיך די יידישע אַקטיאָרן געזאַמלט, צונויפ־געשלאָגן זיך אין רעדלעך, שטיל און צעשראָקן עפּעס געשעפּטשעט איינער דעם אַנדערן, אַרומקוקנדיקן זיך פון אַלע זייטן: גיפטיקע קלאַנגען וועגן ״מלוכה־פאַרראַט״ האָבן זיך געשפּרייט אין און אַרום טעאַטער...

אָבער ווען זוסקין האָט זיך באַוויזן האָבן אַלע אויגן, האָבן אַלע הערצער זיך אָ צי געטאָן צו אים מיט געבעט, מיט צוטרוי און גלויבן ווי אויפן איינציקן רעטער, ווי אויף דער לעצטער האָפענונג.

און ער איז געשטאַנען צווישן זיי, דאָן שוין אָ קראַנקער, אָ בלייכער און צעפּייניקטער פון אָ לאַנגער שלאָפלאָזער נאַכט. פאַרשוווּנדן איז ערגעץ דער גרויסער זאָרגלאָזער קונדס מיט זיין ריין־שטראַלנדיקן שמייכל. פאַר זיי איז געשטאַנען זייער אַן ערנסטער און פאַראַנטוואָרטלעכער מענטש, — דער נייער קינסטלערישער אַנפירער פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַ־טער. ווי ס׳פּאַסט פאַר אַזאַ, האָט ער מייסטעריש (צום ערשטן מאָל אין לעבן) געשפּילט ערנסטקייט. און די סאַמע געביפטע קאָמעדיאַנטן האָבן בלב ונפש געגלויבט, אַז דאָס איז... נישט קיין שפּיל!...

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט זוסקין שטרענג זיך צעבייזערט, — וואָס שטייט איר דאָרט ווי די געליימטע לעמער?! צו דער אַרבעט חברה, צו דער אַרבעט!...

און מיט אַ שאַרפן בליק האָט זיך זוסקין אַ קער געטאָן צום שטענדיק פאַרדאַגהטן אָבער זייער פייאיקן רעזשיסער־געהילף:

— ציבולעווסקי, ווו ביסטו דאָרט, דער גוטער זאָל דיך גיט נעמען,! הייב אָן די רעפּעטיציע!

אַלע האָבן מיט פאַרלייכטערונג אָפּגעעטעמט און פליייסיק זיך אָ נעם געטאָן צו דער אַרבעט...

און ווידער קער איך זיך אום, צו יענעם זוסקינען, וואָס כ׳האָב אין אַ שפּעטער האַלב־נאַכט באַגלייט אַהיים, נאָך אונדזער וויזיט ביי דאַברושינען. ניין, כ׳בין נישט בייגעווען יענץ בילד, וואָס כ׳האָב נאָר־וואָס געשילדערט, יענץ בילד אין טעאַטער האָט זיך פאַרקריצט אין זכרון לויט די אָפּגהעציקע רייד פון זוסקינען אַליין, פון זוסקינען, ביי וועמען ס׳איז פּלוצעם פאַרש־

ווּנדן זײַן שלאַנקער עלאַסטישער טראַט. ער איז געגאַנגען שווער און געבויגן, גלײַך אַ באַרג וואַלט זיך אַרויפגעוואַלגערט אויף די פּלײצעס:

— וואָס ווײסטו, קערלער, ווי מיר איז שווער!...

✶

נאָך איין מאָל, איצטער שוין צום לעצטן מאָל מיט בנימין זוסקין. מיר האָבן זיך אומגעקערט פון קראַפּאָטקין־גאַס 10. עמעצער האָט פּאַראַדנט אויסצוצאָלן די לעצטע האָנאָראַרן, וואָס אונדז איז שולדיק געבליבן די ליקווידירטע "אײניקײט" און דער צעגראַמירטער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט...

אין דרויסן האָבן געשמיסן ווינט און רעגן. זוסקין האָט מיך פאַררופן אונטער זײַן שירעם. מיר זענען שווײַגנדיק געגאַנגען און געשפּירט האָב איך ווי דאָס לײב זײַנס ציטערט פון קעלט, כאָטש אַנגעטאָן איז ער געווען אין אַ טײַערן וואַרעמען פוטער, וואָס מיכאָעלס האָט אים אַמאָל געשאָנקען — אַ מתנה פון אַמעריקע... ער האָט זיך נישט באַקלאָגט, נאָר מיט עפּעס אַ מין מידער טרויעריקייט אַרויסגעזאָגט:

— כ'בין קראַנק. כ'בין זײער קראַנק... — — — — —

...געווען אַמאָל אַ יידישער אַקטיאָר, אַ גרויסער קונדס... געשפּילט האָט מען אַמאָל אַ גאַנץ שוואַכע "קאַלווירטישע" פּיעסע פון שמואל האַלקין; און זוסקין, צוליב גרויס ליבשאַפט, ווײַזט אויס, צום מחבר, האָט מיט זײַן גאַנצער אַרטיסטישער קראַפט, באַלעבט דאָס בלוטלאָזע געשטאַלט פון דער הויפּט־ראָל. "אהרן־פרידמאַן" אַזוי, דאַכט זיך, האָט געהייסן יענער ספּעקטאַקל. איך בין דאַן געווען אַ יונגער נאָך סטודיאַנט און שטאַלץ בין איך געווען אײנצוחזרן די אײנציקע פראַזע, מיט וועלכער כ'האָב זיך געווענדעט, — עפּעס אַ קלײניקײט! — צו זוסקינען אַלײן בזה הלשון:

— וואָס מאַכט מען רב אַהרן?

אויף וואָס "אהרן" ד.ה. זוסקין אַלײן, פלעגט פרײלעך און גוטמוטיק ענטפערן:

— מע טראָגט אַ נאַרב!...

אָבער, ווײ, אין גאַנג פון די רעפּעטיציעס, אַט מען מײן אײנציקע רעפּליקע "אַרויסגעשניטן" פון טעקסט...

נאָך יענער שלום־מזלדיקער פאַר מיר רעפּעטיציע, האָט זוסקין מיט אַ

מינע פון אַ פאַרשוועכער סודעסדיק אַ ווונק געטאָן צו מיר, איך זאָל אַריינקומען אין זיין צימערל, ווו ער פלעג זיך גרימירן:

— מיר ווען זיך, — האָט ער געזאָגט, — אויספייפן אויפן רעזשיסער. אייער רעפּליקע און מיין ענטפער וועט פאַרבלייבן כל זמן די פּיעסע וועט אויפגעפירט ווערן.

— ס'הייסט? — האָב איך נישט פאַרשטאַנען.

— גאַנץ פּשוט: ווען כ'וועל נאָר אַרויסקומען פון דער בינע, זאָלט איר שוין וואַרטן אויף מיר... הינטער די קוליסן.

ווער ס'האָט זוסקינען נישט געקענט, וואָלט זיכער געווען, אַז דאָס מאַכט ער אַזוי חוזק פון אַ "גרינעם" סטודיאַנט, דאָס טרייבט ער אַזוי לצנות... אָבער ניין, קיין לצנות האָט ער נישט געטריבן און אויף חוזק איז ער בכלל נישט פייאיק געווען. כ'האָב באַשטימט ערנסט אָנגענומען די שפּיל... גלייך נאָך דער פּרעמיערע האָב איך שוין געוואַרט הינטער די קוליסן. ס'האָבן אויך געוואַרט אַנדערע אַרטיסטן, דער טעאַטער־דירעקטאָר, דער רעזשיסער און אַליין שלמה מיכאָעלס, כדי ווי ס'פּירט זיך, באַגריסן זוסקינען נאָך דעם ערשטן ספּעקטאַקל. ווען זוסקין איז אַרויסגעקומען פון דער בינע, אַ באַרוישטער פון די אַפּלאַדיסמענטן, האָבן זיך אַלע געוואָרפן צו אים, אָבער יענער האָט ווייך און אַנטשיידן אַלעמען אָפּגעשטויסן ווי אײנער רעדט: "אַ ביסעלע געדולד, מיינע הערן!" און ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן אין מיין ריכטונג. איך בין אַוועק אים אַנטקעגן מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ:

— וואָס מאַכט מען, רב אַהרן?

אויף וואָס יענער האָט פריילעך און גוטמוטיק געענטפערט:

— מע טראָגט אַ גאַרב!...

אַלע האָבן פאַרוווּנדערט צוגעקוקט די סצענע. בלויז מיכאָעלס האָט מיט קלוגער פאַרשטענדעניש צוגעשמייכלט און... דעם צווייטן, וועמען ער האָט באַגריסט מיט יענער פּרעמיערע, בין איך געווען...

און אַזוי האָבן מיר פאַרגעזעצט, כל זמן מען האָט נישט אַראָפּגענומען פון רעפּערטואַר "אַהרן פרידמאַן". שפּעטער האָט זיך אונדזער קורצער "דיאַלאָג" אַריבערגעטראָגן אויך אויף אַנדערע פאַרשטעלונגען, אין וועלכע איך פלעג פאַרנומען זיין, ווען זוסקין האָט געשפּילט. ס'איז געוואָרן אַ שטיק טראַדיציע און זוסקין פלעג עס אַפילו פאַרדריסן און ער האָט זיך באמת געערגערט, ווען כ'האָב נישט געוואַרט צו דער צייט הינטער די קוליסן.

און נאָך האָט זיך איין מאָל געטראָפן: כ׳האָב זיך שטאַרק געאײַלט נישט צו פאַרשפּעטיקן אויף אַ רעפּעטיציע און אין גאַנג האָב איך זיך קונציק אַרויפגעכאַפּט אויף אַ פריי טרעפּל פון אַן איבערפולטן פאַרבײַפליענדיקן טראַמוואַי. כ׳בין געבליבן הענגען פון דרויסן. און דאָ האָב איך פּלוצעם דערזען ווי פון טראָטואַר דראָט מיר מיטן שטעקן זוסקין. ס׳איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן: כ׳האָב זיך געמעגט ריכטן אויף אַ וויסטן ״פּעטשאַ־טאָק״. מיר האָבן גוט געוווּסט, ווי זוסקין האָט פיינט אַזעלכע שטיק, ווייל ער ציטערט סע זאָל, חלילה, עפּעס נישט געשען מיט אונדז...

פון זיין ביטערן פּסק האָט מיך דאָן אויסגעלייזט מיין יינגלשע חוצפּה: כ׳האָב אַרויסבאַפרייט אַ האַנט פון טראַמוואַי אַרויס און זי פרעגנדיק אויס־געשטרעקט צו אים, ווי בעת מיין רעפּליקע:

— וואָס מאַכט מען ר׳ אַהרן?

און יענער, דער סאָלידער און שטרענגער פּראָפעסאָר מיינער, אין מיטן דער באַלעבטער גאַס, האָט תיכף זיך צעשמייכלט, פאַרוואָרפן דעם שטעקן איבער די אַקסלען, פאַרבויגן זיך ווי אונטער אַ מאַסע — ס׳האָט געדאַרפט הייסן:

— מע טראָגט אַ גאַרב! — — —

— — — — — —

— כ׳בין קראַנק. כ׳בין זייער קראַנק... — האָט ער אַ דערדריקטער איבערגעחזרט, שטייענדיק שוין ביי דער טיר פון זיין וווינונג. דער רעגן האָט אויפגעהערט, אויך דער ווינט איז לינדער געוואָרן. ער האָט זיך נישט געאײַלט אַוועקצוגיין, זענען מיר געשטאַנען, געשוויגן. און איך האָב שוין נישט געהאַט יענע חוצפּה אַ פרעג צו געבן ווי אַמאָל:

— וואָס מאַכט מען רב אַהרן?...

מיר האָבן זיך געזעגנט און ער האָט געקוקט אויף מיר, ווי מיין מאַמע ע״ה, ווען דאָס וואַגאָן־פענצטער וואָס האָט אונדז פאַנאַנדערגעשיידט האָט צום לעצטן מאָל אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן.

8. דער נסתר



אַנגעהויבן, האָב איך, ווי ס'גע־דענקט זיך, מיט מיין צוריק־קער פון ביראָבידזשאַן, אָבער די קאַפּריזע פון מיינע, שליידערט מיך איצטער גראָד נישט צום "וואָס ווייטער", — נאָר צום וואָס פריער איז געשען...

"שוין דעם דריטן מעת־לעת ווי אונדזער עשעלאָן "ווינעצע־ביראָבידזשאַן" טראָגט זיך איבער די ברייטפעלדיקע און געדיכט־וואַלדיקע סאָוועטישע רחבותן, מיט אַ שנעלקייט פון 600 קילאָ־מעטער אַ מעת־לעת, שטעלט זיך אפילו אויף קיין רגע ניט אָפּ, ניט נאָר אויף ווער ווייסט וואָס פאַראַ פּאָלוסטאַנקעס, נאָר אַפילו אויף סטאַנציעס, ווו די ערד איז צעווירעט מיט אָן אַ שיער איי־זערנע ליניעס"... ("עשעלאָנען גייען קיין ביראָבידזשאַן". מאָסקווע, "עמעס" 1948).

אַזוי הייבט אָן זיינע פיפיקע רעפּאָרטאַזשן וועגן יענער רייזע דער ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון "איינקייט", דער זשורנאַליסט אי. ליומ־קים.

600 קילאָמעטער אַ מעת־לעת! איר שטעלט זיך פאָר די "גראַנדיעזע" שנעלקייט פון סך הכל... 25 קלמ. אַ שעה?

פאַקטיש האָט דאָך אונדזער ליומקיס אויסגעזאָגט פונעם חדר — די בערך 10.000 קילאָמעטער ביז בראָבידזשאַן האָבן מיר זיך געשלעפּט כמעט אַ גאַנצן חודש... אין די הייסטע זומער־טעג. העכער 300 משפחות (ביי די 1000 מאַן).

אָבער דער עולם אונדזערער — אַ קאָלאָריטער טיפּאַזש יידן, יידענעס,

בחורים, מיידלעך און טייערע קינדערלעך פון וויניצע, מוראַפּע, כמעלניק, בערשאַד און אַנדערע שטעטלעך פון מיין היימישער פּאָדאָליע, זיי האָבן מיט געדולד און בטחון איבערטראָגן דאָס ציגיינערשע שלעפּן זיך איבער די "סאָוועטישע רחבותן" אין די ענגע און שמוציקע "טיעפּלושקעס" (פּראַכט־וואַגאָנעס צום איבערפירן פי)... זיי זענען צוגעוווינט געוועז צום באַש־טענדיקן וואַנדער, הונגער און נויט. אייניקע פון זיי, זענען פריער געקומען אין די צערוינירטע היימען פון דער עוואַקואַציע, ווו זיי האָבן אויך קיין האָניק ניט געלעקט... אַנדערע — די יינגערע, זענען געקומען פון פראָנט, פון די מלחמה־פייערן, געוועז אויך צווישן יענעם עולם צעבראָכענע, פאַר־איינזאַמטע, צופעליק לעבן־געבליבענע, טייל האָבן שוין פאַרזוכט דעם טעם פון גאָר אַן אַנדער מין "טיעפּלושקעס" — שווער־פאַרריגלטע פון אויסנוויי־ניק, מיט שמאָלע פאַרקראַטעוועטע פענצטער־שפּאַלטן, — וואַגאָנען, אין וועלכע די דייטשן און אוקראַינישע פּאָליצאַיען האָבן געפירט צום טויט... מיטגעפאָרן איז אויך אַ סטייקעלע בלייכע מלחמה־יתומימלעך...

וואָס האָט זיי איצטער אַלעמען געצויגן קיין ביראָבידזשאַן? — ניין, נישט די טומלדיקע פּראָפּאַגאַנדע פון דער "איינזיקייט", נאָר דער סמוטנער עקשנותדיקער חלום — אַוועק פון דער "היים", ווו די ערד איז אָנגעזאַפּט מיט יידיש בלוט, אַוועק פון די גויאישע שכנים, וועלכע האָבן צוגעהאָלפן ביים דורכפירן די גרויסע יידן־שחיטה, אָדער נאָר געראַבעוועט דאָס יידישע האָב־און גוטס, אָדער יענע — די שטיל־צופרידענע און כלומרשט מיטפילנ־דיקע. פּטור ווערן פון דער אייביקער שנאה, — זיין צווישן יידן...

ווי געזאָגט, איז דער עולם בדרך כלל געוועז פול מיט האָפענונג און אפילו גאָנץ אויפגעלייגט, צווישן יונגע פּאָרלעך האָבן זיך געקניפט ראָ־מאַנען. ס'האָבן זיך שוין אויסגעזוכט אַ פּאָר ליבהאָבער־שדכנים, וועלכע האָבן איינגעלייגט וועלטן, אַבי ס'זאָל זיך אויספּיקן אַ שידוך, אַבי גלאָט אַזוי, צוליב מצווה וועגן, צונויפפירן אַ פאַראיינזאַמטע פּאָר. אונדזער ליומ־קיסן האָט זיך אפילו איינגעגעבן אַזאַ מין פּאָרל ברענגען אונטער דער אימפּראָוויזירטער חופה און ס'איז אָפּגעשפּילט געוואָרן אַ פריילעכע יידישע חתונה מיטן גאַנצן קנאַק! ס'האָט זיך צונויפגעקלאַפּט אַ קלעזמער־קאַ־פּעליע, בראָש מיטן בערשאַדער פלייטיסט... דער חתן — אין מיליטערישע בגדים, וועלכע ער טראָגט נאָך אַלץ פון מלחמה געבראַכט, — אויף דער ברוסט קלינגען אונטער די בלישטשענדיקע שלאַכט־מעדאַלן, — האָט געש־מייכלט אין פריידיקער פאַרלעגנהייט, די כלה — אַ כמעלניקער יתומעלע

נעבעך, האָט ביטער געוויינט און דער עולם האָט מיטגעוויינט און...
געטאַנצט אַ "שער", אַ "פריילעכס"... אַ "מצווה־טענצל"...

מעגלעך, אַז ליומקיסן איז נישט אַזוי אָנגעגאַנגען די גרויסע מצווה, נאָר די זשונאַליסטישע "ראַזשינקע" אין די רעפּאָרטאַזשן זיינע: אַ ווערטעלע, — "אַ חתונה אויף רעדער" — אויפן וועג קיין ביראָבידזשאַן...

נאָר ווער ס'האָט באמת אַ גליקלעכער אַרויסגעשיינט פון אויבן־אָן (געזאָגט האָט מען, אַז ער איז "פון כלה'ס צד"). איז דאָס געווען איינער אַ מיטלוווקסי־קער ייד, ביי וועמען די גרויסע קלוגע און פעד־שוואַרצע אויגן זענען איבער־פולט געווען מיט אַזוי פיל נחת און ברכה איבער אַלץ וואָס קומט דאָ פאָר, אַז אַלעמען האָט ממש געצויגן צו אים — יעדער איינער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן אַ גוט וואָרט צו אים, אָדער אויסהערן כאָטש איין וואָרט פון זיינע שמייכלענדיקע ליפּן אונטער די געדיכטע, עטוואָס גרייז־ווערנדיקע וואָנסן. אָבער דער ייד איז געווען בטבע נישט פון די צופיל ריידנדיקע, ער האָט מער געשוויגן ווי גערעדט, מער ליב געהאַט זיך צוקוקן און צוהערן, איידער אַרויסזאָגן זיך, ווי זיין שטייגער, — מיט געציילטע פילדייטיקע ווערטער אָדער גאָר מיט אַן אָנדייט, מיט אַ רמז. און דאָס איז געווען געננג...

אַלע האָבן געוווסט, אַז אינעם איינציקן פּאַסאַזשיר־וואַגאָן, דאָרט ווו ס'געפינט זיך די "נאַטשאַלסטווע" מיט דער קאָנטאָר פונעם איבערוואַנ־דערער־עשעלאָן, פאָרט אויך מיט, אָט דער אויסטערלישער ייד; ער האָט זיך באַזעצט ביחידות אין סאַמע עקסטן קאָנדוקטאָרן־קעמערל. דאָרט זיצט ער יום ולילה און פאַרצייכנט עפּעס מיט אַ קליין בליישטיפטל אויף אַקוראַט־געשניטענע בויגעלעך פּאַפּיר, אָדער ער איז גאָר פאַרטיפט אין איינעם פון זיינע ביכער — ער לייענט.

די ערשטע צייט האָט ווייניק ווער געוווסט, אַז אָט דער "למד־וואָווניק", ווי אים האָט אין דער שטיל געקרויינט אַ געוועזענער שוחט פון סניטקעוו, איז גאָר נישט מער ווי אַ יידישער שרייבער, אַ "פּיסאַטיעל", הייסט עס... נאָך ווייניקער האָבן געוווסט, אַז דער "חבר פּנחס" איז אונדזער באַוווסטער דער נסתר. אַנדערע האָבן צוערשט זיך געבראָכן דעם קאָפּ: אַז קיין "מאַ־כער" איז ער נישט — דאָס זעט מען דאָך... הײנט וואָס געפינט ער זיך אין דעם "פּאַסאַזשירסקע וואַגאָן" מיט דער "נאַטשאַלסטווע" און זיי, די מאַ־כערס" גיבן אים אָפּ כבוד ווי עפּעס אַ יחיד במינו?...

ווען דער צוג פלעגט זיך ניט זעלטן פאַרהאַלטן אויף עפּעס אַ פאַרוואָר־פענעם פּאַלוסטאַנעק, און ווייבער פלעגן אין דרויסן, פאַר די וואַגאָנעס,

צעלייגן אַ פּייער אונטער אַ טרינעזשקע, כדי אָפּצוקאָכן אַ שטיקל געקעכץ פון אַ ביסל הירזש, פון עטלעכע קאַרטאָפל, אין ערגסטן פאַל — פון אַ ביסל קאַרטאָפל־שאָלעכץ; ווען חברה־קליינוואַרג פלעג דאָ דערביי פאַרהילכן די לופט מיט פריילעך געפילדער, אַרומגעיאָגט זיך און געשפילט "אין מלחמה".

דאַן פלעגט זיך צייטנווייס אויך אַרויסכאַפּן פון זיין קעמערל דער נסתר. באַמיט האָט ער זיך, ווי מעגלעך, פאַרבלייבן שטיל און אומבאַמערקט, כדי קיינער זאָל אים נישט שטערן אַרומקוקן זיך און באַטראַכטן דאָס, וואָס ער האַלט פאַר נייטיק צו באַטראַכטן; כדי ער זאָל קענען אויסגעפינען און אָפּשטעלן, ענדלעך, זיין אויפמערקזאַם־נייגעריקן בליק אויף אַזאַ אייגעם, ווענמען, ווי ס'האָט זיך אים געדאַכט, ער האָט טאַקע צו דער מינוט געזוכט... געפונען אַזעלכן, פלעגט ער דאַן איידל אונטערגיין, הערצלעך באַגריסן זיך און שטאַרק אַ פאַרקלערטער אַ זאָג טאָן בערך: "איר ווייסט, וואָס כ'וואָלט אייך געוואָלט פרעגן, רב ייד?..." און אָט אַזוי פלעגט מען שוין אין צווייען פאַמעלעך אַוועקשפּאַצירן און דער "רב ייד" האָט גלייך פון דעם נסתרס קאַרגע פאַר ווערטער דערשפּירט, אַז יענער האָט נישט נאָר אָפּענע אויערן, נאָר אויך אַן אָפן האַרץ, וואָס דאַרשט אויסצוהערן זיינע, דעם יידנס איבערלעבענישן... און וועלכער ייד, יידענע — יונג צי אַלט, — ווער האָט דאַן נישט געהאַט וואָס אויסצודערציילן וועגן זיינע איבערלעבע־נישן? ווער וואָלט נישט געדאַנקט אַזאַ, פאַר ווענמען מע קאָן אויסגיסן דאָס ביטערע האַרץ? אַזאַ, וואָס הערט דיך אויס נישט מיט קיין פאַרש־טאָפּטע אויערן, אָדער ער פאַרט נישט אַריין אין מיטן די רייד מיט זיין אייגן בינטל צרות?...

יאָ, דער נסתר האָט ווייניק גערעדט, אָבער דערפאַר האָט ער פאַרמאָגט דעם גרויסן טאַלאַנט פון קאָנען אויסהערן און איינזאַפּן אין זיך יענעמס רייד. ער האָט אויך פאַרמאָגט דעם שאַרפסטן חוש אויסצוגעפינען נאָר דעם, ווענמען ער מוז אויסהערן. זייער ווייניק, געציילטע פאַרמאָגן אַזאַ מין געטלעכע באַגאַבונג!...

שפּעטער ווען מען האָט זיך שוין אפילו דערוווסט, אַז דער "חבר פּינחס" איז נישט מער ווי אַ "יעווריייסקי פּיסאַטיעל", האָט זיך אויך אויף קיין האָר נישט געמינערט זיין חשיבות.

דער סניטקאָווער שוחט, וואָס איז לעצטנס אין שטעטל געווען אַן "אופּאָלנאָמאָטשענע" ד. ה. אַ באַפולמעכטיקטער ביים זאַמלען אוטיל־רויוואַרג און וואָס האָט, אין געהיים, אַנגעפירט מיט אַ שטילן מנין פון

עשעלאָן, האָט בסוד־סודות איבערגעגעבן צווישן די זייניקע, אַז "דער דאָ־זיקער פיסאַטיעל" — "דער למד־וואָווניק" איז גאָר אַ למעלה מן הטבע: ער האָט בעת זיין באַזוך ביי אים, געזען מיט די אייגענע אויגן — אָן אָפן קבלה־ספרל נעבן אים אויפן טישל. איין זאַך איז אים, דעם שוחט, געווען קשה: "צו וואָס האָט אַזאַ אייזערנער למדן באַדאַרפט נאָך דערצו די ווייַבערשע תחינות, וועלכע זענען אויך געלעגן דערנעבן?..."

ס'האָט נישט לאַנג געדויערט ווי צו דעם נסתר האָבן זיך אָנגעהויבן ציען מענטשן, וואָס האָבן זיך געגייטיקט אין אַן ענטפער אויף מאין־יבוא־עזרי? אין אַן עצה, אין אַ גוט וואָרט אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן סתם געוואָלט זיך אָרויסריידן פון האַרץ. די "מאַכערס" האָבן צוערשט נישט צוגעלאָזט, אָבער שפּעטער האָבן זיי בלית־ברירה איינגעשטעלט אַ שטיקל ריי צו אים.

האָט זיך איין מאָל געמאַכט: ס'האָט זיך האַסטיק אַריינגעשטעלט אַ פאַר־ווייַנטע פרוי און פאַרבראָכן די הענט — "ווײ מיר, חבר פּנחס, צו וועמען זיך קערן, וווהין זיך ווענדן?... פאַרמאָגט האָבן מיר איין זון, איין אויג אין קאָפּ... האָט מען אים אָוועקגענומען אויף דער מלחמה... פון די ערשטע טעג — אַזוי ווי אין וואַסער אַריין: נישט קיין בריוול און נישט קיין גרוס... פון אומעטום ענטפערט מען — "פאַרפאַלן געוואָרן אָן שום ידיעות"... שוין העכער צוויי יאָר זינט ס'איז אויס־מלחמה און פון אים, מיין איינציקן, — נישט צו זען און נישט צו הערן... אָבער ער לעבט דאָך ערגעץ! אַ מאַמעס האַרץ פילט... ער לעבט, נישט אמת, חבר פּנחס?..."

זי האָט מיט אירע פאַרוויינטע אויגן אַריינגעקוקט דעם נסתר אין פּנים, גלייך ס'וואָלט זיך געוועגדט נאָר פון זיין באַשטעטיקונג, אַז ער, דער זון אירער, לעבט טאַקע.

— כ'מיין, — האָט דער נסתר ווייך און פול מיט מיטלייד פאַרזיכטיק געסילעוועט די ווערטער, — כ'מיין און איך גלויב, אַז אַ מאַמעס האַרץ... ווייסט בעסער פון מיר.

— האַ־האַ! זעט איר שוין? — האָט אַ שיינענדיקע, מיט נצחון אויסגערופן די יידענע — איר זאָגט אויך, אַז ער לעבט!

און פּלוצעם — אַ צאַרנדיקע:

— איז פאַר וואָס, פרעגט זיך, האָט ער, דער שלים־מזל מיינער, דאָס מאַנעלע מיינס, צוליב וואָס האָט ער מיך געשלעפּט קיין בּיראָבּידזשאַן, און איך, די בהמה, האָב זיך געלאָזט פירן?... ווי וועט ער, מיין טייער קינד, מיין איינציק אויג אין קאָפּ, ווי וועט ער געפינען אונדזער נייעם אַדרעס,

אַז שוין באַלד אַ חודש ווי מיר שלעפּן זיך צו אַלדי רוחות, אַהין, ווו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט ?... ניין, בעסער, זאָל ער זיך ווייטער פאָרן, אויב ער וויל, — דער לא־יוצלח מיינער, — איך וועל זיך תיכף לאָזן אויף צוריק !...

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטן, יידענע! — האָט עס דעם נסתר אַביסל אַרויסגעבראַכט פון די כלים. תיכף אָבער איז ער צוריק ווייך געוואָרן, זיך אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ, אויך די פרוי האָט זיך אויפגעשטעלט, און ער האָט פול מיט זיכערקייט און גלויבן שטיל אָנגעזאָגט: צעברעכט זיך נישט, האַרציקע פרוי, פאָרט ווייטער מיט אייער מאַן און דער זון אייערער... דער זון אייערער וועט אייך, עם־ירצה־השם, געפינען אויך אין ביראָבידזשאַן... די יידענע איז אַוועק אַ באַרויקטע.

כאָטש — כ׳בין בייגעווען בעת אָט דער סצענע, וויל איך נישט מאַכן קיין אָנשטעל, אַז איך גיב איבער פּינקטלעך יענעם שמועס פון דעם נסתר מיט דער פאַרצרותטער פרוי. אַ מענטשלעכער זכרון איז דאָך פאָרט נישט קיין טייפּ־רעקאָרדער, ער מוז פיינלעך רעסטאַווירן, אויב ס׳לאָזט זיך און אויב ניט — מוז ער, ליידער, אויך אימיטירן...

שוין אַ חדשים צוויי ווי מיר זענען געקומען קיין ביראָבידזשאַן און די דאָזיקע געשיכטע איז מיר שוין אין גאַנצן אַרויס פון קאָפּ; ווען איין מאָל זענען מיר אינדרייען געגאַנגען אויף דער לענין־גאַס, פאַרטיפט אין עפּעס אַ שמועס — איך, דער שרייבער ראַבינקאָוו און די דיכטערין ליובע וואַסערמאַן ע״ה.

פּלוצעם האָב איך דערשפּירט ווי הינטער דער פּלייצע פּליקט מיך עמיצער ביים אַרבל. כ׳האָב זיך האַסטיק אויסגעדרייט: פאַר מיר איז געשטאַנען יענע פרוי, זי איז געווען פאַרסאַפּעט, דאָס טיכל האָט זיך אַראָפּגערוקט פון קאָפּ צום נאַקן און די האָר האָבן זיך צעפּלויגן, צעשויבערטע פון אַ האַרבס־טיק ווינטל. קענטיק זי איז מיר נאָכגעלאָפן פון ווייט:

— חבר, — האָט זי קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם — חבר, אפשר ווייסט איר מיר צו זאָגן: ווי קאָן מען געפינען יענעם אַלטן פיסאַטיעל מיט די גוטע אויגן ?...

כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז זי מיינט דעם נסתר. — צו וואָס דאַרפט איר אים ? — האָב איך אויף צוריק געפרעגט.

— אוי, — האָט זי אויסגעשריגן אַ פריידיק־צעיאָכמערטע, — כ׳האָב דאָך טאַקע באַקומען אַ טעלעגראַמע פון מיין זון! מיין איינציק יינגעלע,

מיין טייער קינד האָט זיך אויסגעזוכט!... כ׳מוז איצטער זען דעם פּיסאַ־טיעל, דאָס האָט ער דאָך מיר דער ערשטער אָנגעזאָגט די בשורה, אַז מיין זינדעלע לעבט! אַ געזונט אויף אים, ס׳איז דען אַ פּיסאַטיעל? ס׳איז דאָך אַן אמתער צדיק!...

— — — — —

✶

די וואָס וועלן זיך פאַרינטערעסירן מיט דער ביראָבידזשאַנער פּרעסע פאַרן יאָר 1947—1948 וועלן זיכער באַמערקן, אמת אַ פּאַרזיכטיקע, אָבער דאָך, — פּראָפּאַגאַנדע־ווענדונג צום אַרויסהייבן די וויכטיקייט פון יידישער קולטור־אַרבעט, פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור...

די היגע יידישע שרייבער — מילער, ראַבינקאָוו, באַרזשעס, בראָנפמאַן — זיי האָבן ממש געציטערט פון שרעק — און נישט אָן קיין גרונט — אַז דאָס וועט זיך אויסלאָזן צום שלעכטן. אין די ביינער איז נאָך געלעגן דאָס 1937—1938 יאָר, ווען מען האָט פאַרשניטן אָן רחמנות די טרייסטע יידיש־טוער אין שפּיץ מיט פּראָפעסאָר ליבערבערג, יאַנקל לעווין און אנד. צענד־ליקער.

בלויז די דיכטער ליובע וואַסערמאַן און ישראל עמיאָט האָבן מיט פאַר־ערונג און גלייבן געקוקט אויף דעם נסתר, וועלכער האָט, פאַרשטייט זיך אין דער ערשטער ריי, משפּיע געווען אויף דער יידיש־"אויפלעבונג" אין יענעם קורצן צייט־אָפּשניט.

ס׳געדענקט זיך אַ באַגעגעניש מיטן "באָס" פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אַלעקסאַנדער באַכמוטסקי.

דער סעקרעטאַר פון פאַרטיי־געגנטקאָם באַכמוטסקי, איז געווען אַן אַסימילירטער ייד און האָט זיך לויט זיין קולטור־ניוואָ מיט גאָרנישט נישט אויסגעטיילט פון דעם טיפּ פאַרטיי־אָנפירער פון העכערן פּריווילעגירטן ראַנג. זיין גייסטיקער באַגאַזש — אַן אמתער ציטאַטניק פון סטאַלינס קורצן קורס פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי־געשיכטע, פון די לעצטע פאַרטיי־אינסטרוקציעס און לייט־אַרטיקלען פון "פּראַוודאַ"... אמת, אויך קינסט־לערישע ליטעראַטור האָט ער פון צייט־צו־צייט געמוזט איבערבלעטערן, דערעיקרשט אַזאַ, וואָס איז רעקאָמענדירט געוואָרן ווי "אילוסטראַטיווער מאַטעריאַל, צו די אַרויסזאָגונגען פון די קלאַסיקער פון מאַרקסיזם־לעניניזם".

געאַרבעט פאַר אים האָבן אַ גאַנצע ריי פאַרטרעטער מיט שטאַטנס־

סעקרעטאַרן, וועלכע פלעגן אָנפירן (אונטער זיין אָנפירונג) מיט פראַגן פון לאַנדווירטשאַפט, אינדוסטריע, טראַנספּאָרט, קולטור, דערציונג א.א.וו.

לויט דער רעקאָמענדאַציע פון איינעם אַזאַ פּאַרטרעטער אין פראַגן פון אידעאָלאָגיע אַ געוויסן "כאַווער בראַכעס", האָט אונדז איינגעלאַדן אויף אַ שמועס אַליין דער ערשטער סעקרעטאַר פון בירָאבידזשאַנער געגנטקאָם.

דאָס האָט געדאַרפט באַטייטן פאַר אונדז ד.ה. פאַר דעם נסתר און פאַר מיר, אַז מע טיילט אונדז צו אַ באַזונדער כבוד. דערשלאָגן זיך אַן אַודיענציע ביי אַזאַ הויכן פּאַרטיי־מנהיג איז געווען פיל שווערער ווי זיך דערשלאָגן אַ באַגעגעניש מיטן בעל הבית פון ווייסן הויז אין אַמעריקע צי אַפילו שווערער, ווי דערשלאָגן זיך צו אַ העכערן סוכנות־פּקיד ביי אונדז אין ישראל (בפרט נאָך, ווען ס'גייט אַ רייד וועגן פראַגן פון יידישער קול־טור...).

בקיצור:

— מיר קלייבן זיך מאָרגן, הייסט עס, אויף אַ ספּעציעלער אויפנאַמע ביים "פריץ" אַליין...

אַזוי האָט פאַרזיכטיק אָנגעהויבן זיין שמועס מיט מיר דער נסתר.

מיר זענען געזעסן אין צווייען אין זיין האָטעל־צימערל. ס'האָט שוין אָנגעהויבן צו דעמערן, נאָר צוליב געמיטלעכקייט ווייזט אויס, האָט זיך עפּעס נישט געוואָלט איינשליסן קיין שיין. מיר האָבן געזופּט היימישע, גוט־פאַרקאָכטע טיי, וועלכע ליובע וואַסערמאַן (אַ ליכטיקן גן עדן זאָל זי האָבן!) פלעגט אונדז געווינטלעך ברענגען פון איר דירה אין אַ טשייניק, אַרומגעוויקלט אין אַ זויבערן האַנטעך. נסתר האָט פאַרקלערט געוואַרעמט זיינע פינגער, ביי דער הייסער גלאָז. די שטאַרקע טיי האָט דאַכט זיך, דורכגעלויכטן אַלע געוועבן פון די איידעלע פינגער זיינע.

— ביי לייטן אַ שרייבער, — האָט ער פאַמעלעך פאַרגעזעצט זיין געש־פרעך, וואָס האָט באַדאַרפט קענטיק האָבן אַ שייכות צום פריער געזאָגטן — ביי לייטן אַ שרייבער ווייסט איין זאַך — זיין עבודה, "מאַל מאַלער און שוויַג" — דאָס איבעריקע וועט שוין אַליין קומען... מיר, די יידישע שרייבער קאָנען זיך נישט דערלויבן אַזאַ מין ראַסקאָש. מיר מוזן נאָך זאָרגן סע זאָל זיין אַ לייענער למשל, קינדער זאָלן זיין, — אַ פאָלק זאָל זיין! מיר, די געבליבענע נאָכן חורבן קאָנען חלילה צו יעדער מינוט פאַלן אונטער דער מאַסע פון אַזאַ עול, פון אַזאַ "קלייניקייט" ווי עצם־קיום פון אַן אַלט קולטור־פאָלק... וואָס קאָנען מיר שוין זאָגן, אַז אפילו אונדזער טייערער

שיין־גייסט, אונדזער יצחק לייבוש פרץ איז שוין דאָן פּרי געפאַלן אונטער דער דאַזיקער מאַסע...

אָך ווי ס'וואָלט זיך געוואָלט זיין נישט מער ווי פּראָסט־פּשוט אַ גוטער שרייבער! — האָט ער מיט בענקעניש און צער אַרויסגעזיפצט — טאָר מען נישט, קאָן מען נישט... לאָזט מען נישט!... — — —
— — — — —

✶

נאָך דעם, ווי מיר האָבן דורכגעמאַכט אַלע פאָרמאַליטעטןביים פּאַמפּעזן מלוכה־מויערל פון ביראָבידזשאַנער געגנטקאָם, כדי צו באַקומען דעם אריינגאַנגס־דאָקומענט צו "אים אַליין", האָט מען אונדז אויף טעפּעך־געשפּרייטע טרעפּ, אַרויפגעפירט אויפן צווייטן שטאָק, וווּ ס'האָט זיך גע־פונען באַכמוטסקיס קאַבינעט. מיר האָבן נישט לאַנג געוואַרט ביי דער געשוואָלענער, מיט סיראָטע־פאַרצויגענער טיר, ביז דער "כאַווער בראַכעס" אַליין איז אַרויס און אונדז פאַרבעטן צום ערשטן סעקרעטאַר. בראַכעס, איז דאַרף מען זאָגן, שטיל און אומבאַמערקט פאַרשוווּנדן, נאָך דעם ווי ער האָט אונדז אַריינגעפירט און פאַרגעשטעלט פאַר באַכמוטסקין...

אַ גרויסער לענגלעכער קאַבינעט, וווּ דער דרויסן קוקט אַריין דורכן פענצ־טער הינטער די מאַסיווע פּלייצעס פון באַכמוטסקין, וואָס זיצט ביי נאָך אַ מאַסיווערן שרייב־טיש, באַשטעלט מיט אַ מענגע "ציאַצקעס", פּענדלעך, שרייב־מכשירים און אַ וועלט מיט טעלעפאָן־אַפּאַראַטן. פּערפּענדיקוליאַר צום שרייב־טיש, לענגויס דעם גאַנצן קאַבינעט — אַ באַראַטונגס־טיש, באַדעקט מיט גרינעם געוואַנט. ביים אַט דעם טיש — עטלעכע טוץ בענק־לעך...

באַכמוטסקי האָט שווער אויפגעהויבן זיין קערפּער פון ווייכן פאָטעל, אויף זיין זאַט פּנים האָט זיך באַוויזן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט באַדאַרפט באַטייטן אַ שמייכל פון ברייטהאַרציקער און גוט־ברודערישער גאַסטפריינד־לעכקייט:

— נעענטער, נעענטער צו מיר, טייערע חברים. כ'בין שטענדיק צופרידן זיך טרעפן מיט פאַרשטייער פון אונדזער שעפערישער אינטעליגענץ... באַזונדערס, כע־כע, מיט סאָוועטישע שרייבער, מיט די אינזשינערן פון מענטשלעכע נשמות, — ווי דער חבר סטאַלין האָט אייך געניאַל אָנגערופן... איר זייט געקומען צו אונדז פון מאָסקווע, אָבער זאָל זיך אייך נישט דאַכטן,

אַז איר זייט געקומען אויף אַ פּוסטן פּלאַץ... וואָס פאַר אַ מיינונג האָט איר אַשטייגער וועגן אונדזער קליינינקן מאַיאַקאָווסקי?...

פאַרחידושטע האָבן מיר זיך איבערגעקוקט מיט דעם נסתר, נישט פאַרש־טייענדיק אַז מיט אַזאַ מין טיטל האָט ער געקרוינט איינעם אַ הילפלאָזן גראַמענפלעכטער, אַ קאָמוניסט, אַ פראָנט־קעמפער און דאַכט זיך, נישט קיין שלעכטן בחור, אָבער ביי די בעסטע כוונות, איז פאַרט שווער געווען אים אָנצורופן דיכטער...

מילא. אָפּגעקומען מיט "בע־מע" אונדזער מיינונג וועגן "קליינינקן מאַ־יאַקאָווסקי", האָבן מיר זיך, לויט זיין איינלאַדונג, צוגעזעצט לעבן טיש, ווו ער האָט געהאַלטן פאַר נייטיק אונדז אינפאָרמירן וועגן די קאָלאָסאַלע דערגרייכונגען פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, מיט "פאַקטן", מיט "ציפערן" מיט נעמען פון "פאַרגעשריטענע מענטשן" און, פאַרשטייט זיך, מיט ציטאַטן וועגן סאָציאַליזם און פעלקער־פריינדשאַפט.

דער נאָך האָט זיך דער "באָס" פאַרינטערעסירט וועגן דעם איבער־וואַנדערער־קאָנטיגענט, מיט וועלכן מיר זענען געקומען און צי קאָן מען דערוואַרטן ווייטערדיקע עשעלאָנען.

— אַלץ איז געווענדט פון אייך, חבר באַכמוטסקי — האָב איך געענט־פערט.

— וואָס קאָן איך נאָך טאָן? — האָט יענער ענערגיש זיך אַ קער גע־געבן אין מיין זייט.

— איר פאַרשטייט, אַז יידן, ווי אַלע בירגער פון אונדזער לאַנד, קאָנען בויען דעם סאָציאַליזם אומעטום, ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען...

— נו, יאָ — האָט אונטערגעכאַפּט אונדזער ערשטער סעקרעטאַר און גיכריידעריש אַרויסגעקלאַפּט פון ערגעץ אַ ציטאַט: יידן זענען גלייכבאַ־רעכטיקט אין דער גרויסער סאָוועטישער פעלקער־משפחה... נישטאָ ביי אונדז קיין אַנטיסעמיטיזם.

— זעט איר דאָך — האָט מיט אַ שטילן שמייכל זיך אַריינגעמישט דער נסתר, — יידן וועלן גערן פאָרן קיין ביראָבידזשאַן בלויז ביים איינציקן באַ־דינגן: אויב זיי וועלן דאָ געפינען אַ יידישער היים.

— וואָססס? — האָט מיט חשד זיך אַ זייטל געטאָן צום נסתר דער ערש־טער סעקרעטאַר — "אַ יידישע היים?" דאָס שמעקט דאָך אַנטשולדיקט מיט... מיט נאַציאָנאַליזם!

דאָ האָב איך זיך שוין געמוזט אַריינמישן מיט פון פריער צוגעגרייטע

ציטאַטן פון קאַלינינס רעדעס, וועגן דער נויטווענדיקייט פון אַ יידישער מלוכהשאַפט און אויך מיט ציטאַטן פון חבר לעגינען וועגן דער פּראָגרע־סיווקייט פון יידישן פאָלק און זיין קולטור (געווען אויך אַזעלכע...).

אונדזער סעקרעטאַר האָט זיך אַ ביסל פאַרקלערט און דאַן האָט ווידער גענומען דאָס וואָרט דער נסתר:

— איר פאַרשטייט, חשובער חבר באַכמוטסקי, איר וואָלט מיט גרויס דערפאָלג געקאָנט זיין אַ פּאַרטיי־סעקרעטאַר אין יעדער געגנט און אפילו קאַנט פון ראַטנפאַרבאַנד, אָבער באַוווסט וואָלט איר געווען בלויז אין די גרענעצן פון אייער געגנט, אָדער קאַנט... ווער ווייסט אויף דער וועלט דעם נאָמען פון אייער שעף — דעם סעקרעטאַר פון כאַבאַראָווסקער קאַנט־קאָמיטעט? — קיינער! אָבער אייער נאָמען ווייסט די גאַנצע וועלט, אַ דאַנק דער יידישער וועלט־פּרעסע, אַ דאַנק די יידן אויף גאָר דער וועלט, וואָס ווילן זען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אויך אַ יידישע היים, אַ סאָציאַליסטישע היים, ווו יידיש איז די מלוכה־שפּראַך און ווו ס'אַנטוויקלען זיך יידישע קולטור־און דערציונגס־אינסטיטוציעס...

מיר האָבן זיך צעזעגנט, געדענקט זיך, גאַנץ פריינדלעך און באַכמוטסקי האָט צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ, וואָס אין זיינע מעגלעכקייטן, אַז ביראָבידזשאַן זאָל באמת ווערן אַ צוציונגס־קראַפט פאַר די ברייטסטע יידישע מאַסן פון ראַטנפאַרבאַנד.

און ס'האָט זיך ווירקלעך אָנגעמערקט אַ שטיקל ווענדונג. ס'איז אפילו אַרויס אַן אינסטרוקציע פון געגנטקאָם וועגן דעם, אַז יידיש זאָל ווערן אַן אָבליגאַטאָרישער לימוד אין אַלע מיטל־שולן פון דער געגנט...

ווען מיר זענען אַרויסגעקומען מיט נסתרן פון דער געגנטקאָם־געביידע, האָט ער געפרעגט:

— ווייסט איר, קערלער, דאָס קאָמישע לידל: „אַ מענטש איז געגליכן צו אַ פענצטער — ער בלאָזט זיך און האַלט זיך גרויס, נאָר גיסט אים אַ שטאָך מיט אַ נאָדל, — גייט פון אים דער וואָזדוך (לופט) אַרויס". גיב גאָט, אַז דער פענצטער זאָל נישט פּלאַצן...

אָבער ס'האָט לאַנג נישט געדויערט ווי „דער פענצטער" האָט טאַקע געפּלאַצט און דאָס האָט דער נסתר דערשפּירט אַ ביסל פריער פון מיר. דעריבער טאַקע האָט ער עטוואָס פריער פון מיר פאַרלאָזט ביראָבידזשאַן און צוריקגעפאָרן קיין מאָסקווע. — — —

— — — — —

★

די לאַנגע רייזע קיין ביראָבידזשאַן און דאָס, וואָס אין ראַטנפאַרבאַנד זענען נאָך אין 1947 יאָר, פאַרבליבן נישט מער ווי צוויי טיפּשים — איינער פון די עלטסטע יידישע שרייבער — דער נסתר און איינער פון די יינגסטע — קערלער, וואָס האָבן נאָך געהאַט די אילוזיע אַז מע קאָן געפינען אַ צוקונפט פאַר יידיש און יידישקייט אין... ביראָבידזשאַן, אוןביידע האָבן ערנסט געקלערט באַזעצן זיך דאָרט און וואָרצלען, די צוויי סיבות האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין ענגערע באַנטשאַפט צו דעם גרויסן יידישן שרייבער דעם נסתר.

כ'בין שוין אַ פּאָר מאָל נאָך מיין קומען פון ביראָבידזשאַן, געווען ביי דעם נסתר אין זיין צימערל, וואָס האָט זיך געפונען אין דער געביידע פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. אַ פּאָר מאָל האָב איך דאָרטן געטראָפן מאַרקישן. אַן אַנדערס מאָל — זוסקינען, נאָך אַ פּאָר מענטשן, וועלכע ס'לוינט זיך ניט אָנרופן...

אָבער איינער אַ באַזוך, דאַכט זיך דער לעצטער, האָט זיך פאַרגעדענקט אויף שטענדיק.

אין איינעם אַן אָוונט פון יאָר 1949 בין איך געקומען אויף אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג פון גאָסעט *... כ'האָב נישט אויסגעהאַלטן ביז צום צווייטן אַקט פון „פריילעכס", וועלכן די גוטע אַקטיאָרן האָבן געשפּילט, געטאַנצט, געזונגען, זיך געווערטלט, ווי מעכאַניש־אָנגעדרייטע מאַריאָנעטן, ביי אַ האַלב־פּוסטן צעשראָקענעם טעאַטער־זאַל. זוסקין איז שוין געלעגן אין שפּיטאָל אַ קראַנקער... ס'איז געווען ערב דער ליקווידאַציע. כ'האָב זיך אויפגעהויבן אויפן צווייטן שטאָק, ערגעץ לעבן די רעפּעטיציע־זאַלן צו דעם נסתרס צימערל.

זיין פרוי לענאַ סעגאַלאָווסקי, אַ געוועזענע יידישע אַקטריסע, אָבער דער עיקר אַ טריי יידיש ווייב מיט אַ פּנים וואָס איז וווּנדערלעך שיין פון גוטסקייט, האָט מיך אויפגענומען מיט איר טרויעריק־ווייכן שמייכל.

— קומט אַריין, קומט אַריין, קערלער — האָט אויך דער נסתר זיך אויפגעהויבן אַנטקעגן.

און גלייך:

* גאָסעט — רוסישע פאַרקירצונג פון „מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער".

— הערט נאַר, הערט זיך נאַר איין סאַראַ יידיש מיר פאַרמאָגן! — און ער האָט מיר גלייך אויף דער שטעל, אַרויסגעלייענט עטלעכע זאַצן פון אַן אַלטן טייטש־חומש.

— פּיניע, — האָט לענאַ געוואָגט איבערצושלאָגן איר מאַן — פּיניע, וואָס ביסטו גאָר מכבד א גאַסט מיט עברי־טייטש, ווען מיר האָבן, גאָט צו דאַנקען, היימישע פלעצעלעך מיט מאָן און אַ גוט גלעזל טיי קאָן מען אויך געפינען...

— גערעכט, מיין ווייב... — האָט זיך נסתר אונטערגעגעבן. ווען לענאַ האָט זיך פּראַווארנע אַנגעבויגן און אויפגעעפנט די טירלעך פון געפעס־שרענקל, האָב איך פלוצעם צווישן די ריין־פינקלענדיקע טיי־גלעזער און שעלעכלעך דערזען אַ... נישט דערטרונקען פּערטעלע בראַנפן. איך בין ווי געפלעפט געוואָרן: געוווּסט האָב איך, אַז דער נסתר האָט אפשר אפילו קיינמאָל נישט פאַרזוכט פון דעם ביטערן טראָפּן. שטאַרקע טיי, ווייס איך, האָט ער יאָ ליב געהאַט.

דער נסתר האָט איבערגעכאַפּט מיין פאַרחידושטן בליק:

— לענעלע, ווייז מיר, זיי אַזוי גוט, דאָס פּערטעלע!...

לענאַ האָט שווייגנדיק דערלאַנגט אים דאָס פלעשל.

דער נסתר האָט אויפגעהויבן דאָס האַלב־פאַרפולטע פּערטעלע אַנטקעגן דעם עלעקטרישן לעמפּל און כ׳וואָלט געשוואָרן, אַז טרערן האָבן זיך צעפינקלט אין זיינע פייער־שפּריצנדיקע אויגן.

— זע, קערלער און פאַרגעדענק: פאַרנאַכט, פאַר זיין לעצטער רייזע קיין מינסק איז שלמה מיכאָעלס געקומען צו אונדז מיט אַט דעם פלעשעלע בראַנפן: ״כ׳וויל — האָט ער געזאָגט, — אויסטרינקען פאַר אייער געזונט האַלב פון דעם פּערטעלע בראַנפן. די צווייטע העלפט וועל איך אויסטרינקען, אויב דער אייבערשטער וועט וועלן איך זאָל זיך אומקערן אויף צוריק...״

— זיי האָבן אים דאָרט אומגעבראַכט און פאַרבליבן איז... האַלב פון אַ פּערטעלע בראַנפן... וואָס וועט פון אונדז פאַרבלייבן...

און ווייטער שוין מיד און געבראָכן:

— אוי שלמה, שלמה... זיי האָבן אונדז אַראָפּגענומען דעם קאָפּ!...

— — — — — —

✶

דער נסתר... דער וואָס האָט זיך נאָר אַמאָל פֿאַרטיפֿט אין זיין ״געדאַכט״ למשל, אין זיינע סימבאָלישע צויבער־מעשהלעך פֿול מיט פֿאַרנעפּלטע און איינצייטיק קינדיש־תמימותדיקע רמזים, דער וואָס האָט זיך פֿילבאַר איינגעהערט אין דעם עכט־חסידישן ניגון פֿון זיין פֿאַעטישער פּראָזע — יענער וועט שוין אויפֿן גאַנצן לעבן ערגעץ טראָגן אין זיך זיינע, נסתרס נאָגנדיקע בענקענישן און אייביקע זוכענישן פֿון אַל דאָס שיינס און אַל דאָס ריינס...

די ״פּראָלעטאַריש־מאַרקסיסטישע״ ליטעראַטור־קריטיקער האָבן נישט איין מאָל (און נישט אומזיסט, דאַרף מען צוגעבן) געריסן פֿון אים שטיקער פֿאַר זיין סימבאָליזם, זיי האָבן אינסטיקטיוו געשפּירט אין זיין שעפּערישן נוסח, אַ מין נישט צוטריטלעכע מחיצה, וועלכע דער פּאָעט פּעסטיקט אויס צווישן צלם אלקים און דעם, — נישט געדאַכט זאָל ער ווערן, — דעם ניט גוטן.

און ווען דער נסתר האָט זיך ענדלעך ״געבראָכן״, ווי זיי, די קריטיקער יענע, האָט זיך עס אויסגעוויזן, ווען ס'איז ענדלעך דערשינען זיין ״רעאַליסטישע עפּאָפּיי ״משפּחה מאַשבער״ מיטן קורצן זעלבסט־אָנגעצווונגענעם פֿאַרוואָרט — אַ מין טרוקן געשיכטלעך־סאָציאָלאָגיש ״שיר המעלותל״ קעגן ״אַ גוט אויג״ פֿון זעלבן — ״נישט געדאַכט זאָל ער ווערן״ — ערשט דאַן האָט זיך פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט טאַקע דער זעלבער נסתר אין גאָר אַן אַנדער שיין און אפשר אויף נאָך אַ העכערער מדרגה.

צווישן דער מייסטעריש־געשילדערטער וועלט פֿון דער יידישער שטאָט ב., צווישן גרויסן המון פֿאַרשוינען, טיפּיזירטע ביז צום שאַרפּסטן גראָטעסק, יעדערער מיט זיין פּירונג, מיט זיינע תנועות און פּאָסטעמקעס, הייבן זיך אַרויס די צוויי גיגאַנטישע געשטאַלטן — דער פּעטער לוזי — דער גרויסער לערנער, דער אייביק־אומרויקער זוכער פֿון שלימותדיקער גלייכגעוויכט צווישן געטלעכן אמת און מענטשלעכן יושר. לוזי, וואָס איז געווען דאָס שיינדל און דאָס געוויסן פֿון דער מיוחסדיקער משפּחה מאַשבער, וואָס רייסט מיט זיין ברודער — דעם נגיד ר׳ משה און גייט אַוועק צו די בראַסלעווער, צום ״טויטן רבין״ פֿון די בעל־מלאכות און אָרעמעלייט — צו די געיאָגטע און געפּלאָגטע...

דער זעלבער לוזי, וועט שפּעטער זיך דערנעענטערן צו גאָר אַ פּאָליאַרן געשטאַלט (דאָס צווייטע גיגאַנטישע געשטאַלט וואָס מיר האָבן פֿריער אין זינען געהאַט) — דאָס איז פּרולי גאַל.

דאַכט זיך, אַז דער נסתר האַלטנדיק זיך ביי ״יענעם מין קינסטלערישן

רעאַליזם, וואָס באַטייט דאָס זעלבע, וואָס געטעס באַוווסטער געבאָט: "מאָל, מאָלער, און שווייג"... האָט נישט געשאָנעוועט די יידישע גבירים און תקיפים פון דער שטאָט ב. ער האָט אויך געזוכט און אויסגעפונען פיל גוטע מידות ביי דעם אויסטערלישן פאַרשוין סרולי גאָל: ברייטהאַרציקייט, איינשטעלעניש און הילף פאַר די בעוולטע קבצנים, אַפילו טיף־לירישע צוגעבונדנקייט צו דער נאַטור...

און דאָך לויט אַלע האַנדלונגען פון דאָזיקן לומפּ, וואָס קומט פרעסן דווקא צו די נגידישע טישן (נישט זאָגנדיק אפילו קיין "גוט־מאָרגן" אויס פאַראַכטונג צו זיי, די נגידים...) און זיי, די גבירים, אויס פּחד פאַר זיינע קללות, מאַכן אים דאָך אַ פּלאַץ צום שלאָפן אין זייערע פּאַקאָיעס, גיבן אים אָרט ביי זייערע טישן... פון דער גאַנצע האַלטונג, פון אָט דעם חוצפּהעדיק נגידישן "פריזשיוואָל", אַריינזאָגער, מוסר־זאָגער — וואַקסט פאַר אונדז אויס דאָס מאַקאַברישע געשטאַלט, פון איינעם אַזעלכן וואָס האָט שוין דאָן געטראָגן "פייער אין זיינע פּאַלעס" — דאָס אור־געשטאַלט פון יענע, וואָס האָבן זיך שפּעטער ספּעציאַליזירט אויף מאַכן "פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציעס", מיט דער פאַנאַטישער איבערצייגונג, אַז טאַקע נאָר ביי זיי שטייט אין דער ריינסטער און דער איינציקער אמת. איצט לוינט אים שליסן יד־אחת מיטן תמימותדיק־ריינעם לוזי, נאָר אויב ס'וועט קומען אַ צייט, ווען יענער וועט ווידערשפּרעכן און זאָל ער נאָר, סרולי, באַקומען די מאַכט, וועט ער אים אויך לאָזן שמידן "אין קייטן ווי די קאַטאָרזשאַנעס"...

דאָסטאָיעווסקי האָט געניאַל פאָרויסגעזען, וואָס קאָן אַרויס, אויב זיינע "ביעסי", — די ניט־גוטע, וועלן קומען צו דער מאַכט.

דער נסתר, שילדערנדיק מיט פאַרבאַרגענעם עקל זיין סרולי גאָל, האָט שוין יאָרן געשפּירט אויף דער אייגענער הויט די טעמפּע ריטער פון די פאַרשידענע קאָמיסאָרן, מוסר־זאָגער און טשעקיסטן, וועלכע האָבן אים לסוף ביז צום טויט פאַרקאַטעוועט אין זייערע טורמע־קאַזעמאַטן...

✶

די לעצטע צייט, ווי מע דערציילט, פלעג ער אין דרויסן כמעט ווי ניט אַרויסגיין. שעהען־לאַנג פלעגט ער זיצן אויף איין אָרט — אויפן נידעריקן פוס־בענקעלע, גלייך ער וואָלט שבעה געזעסן נאָך די אַלע, וועלכע מען האָט שוין אָוועקגענומען.

קיין בוך האָט ער שוין אויך לאַנג נישט געבלעטערט. אפילו די זעלטענע עברי־טייטש ספרימלעך, מיט וועלכע ער פלעגט זיך אָפט אַזוי קוויקן. זיי זענען אויך שוין לאַנג פאַרבליבן ניט גערירט אויף די פּאָליצעס, ווי פאַר־געסענע און פאַראייניזאַמטע קינדער... אמת — דאָס אַלטע בערדיטשעווער תהילימל, וואָס פלעג געוויינטלעך ליגן פאַרבאַרגן ערגעץ הינטער די עברי־טייטש ביכלעך — דווקא אָט דאָס תהילימל איז געלעגן אַצינד אויף דער טומבעטשקע אָן אויפגעמישטס — אָפן פאַר יענעמס אַ זייטיק אויג.

אַ מאָדנע מין שטילקייט האָט איבערגעפולט דאָס קליינע צימערל אויפן דריטן שטאָק פון דעם ליקווידירטן יידישן מלוכה־טעאַטער.

לענאַ איז געזעסן קעגניבער און כלומרשט געשטריקט עפּעס אַ לייבל. זי האָט אָבער צו אָפט געוואָרפן אַן אומרויק־פאַרדאגהטן בליק אויף איר מאַן... וועלנדיק, ווייזט אויס, אָרויספירן אים פון די אַנגסטיקע מחשבות, האָט זי האַפערדיק און צערטלעך אַ פרעג געטאָן: — מירן אפשר טרינקען אַ גוט גלעזל טיי, פיניע?

ווי פון דער טיף האָט נסתר אויפגעהויבן אויף זיין פרוי אַ פּאָר טרויעריק־מילדע אויגן אונטער דער ברעמען־געדיכטעניש:

— ס'איז טאַקע כדאי זיך אַ ביסל דערוואָרמען... — איז ער מסכים געווען.

לענאַ האָט תיכף זיך אויפגעשטעלט און אָנגעגאָסן פון טערמאָס אין אַ פינקלדיקער גלאָז, שטאַרקע, שמעקעוודיקע, גוט פאַרקאָכטע טיי, אַזאַ ווי פיניע האָט שטענדיק אַזוי ליב געהאַט.

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט טרינקען טיי. ס'איז געווען שפּעט אין דער נאַכט.

פּלוצעם האָט לענאַ אָנגעשפּיצט דאָס געהער און אַ צעשראָקענע זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר.

אויך דער נסתר האָט דערהערט פון דאָרט, אויף די טרעפּ — פרעמדע, שווערע, געמאָסטענע טריט. ער איז עטוואָס בלייך געוואָרן, נאָר פול מיט דערלייכטערונג האָט ער אַרויסגעמורמלט — אַ דאַנק דעם אייבערשטן: זיי זענען שוין געקומען אויך נאָך מיר...

✶

מיט פּרץ מאַרקיש

אַרום סוף 1945 איז אין פאָיע פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער פאַרגעקומען אַ שעפערישע באַגעגעניש פון פּרץ מאַרקיש מיט די אַקטיאָרן און מיטאַרבעטער פון טעאַטער. עס איז אויך געקומען אַ היפּשע צאָל יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס.

איך וויל בלויז דערמאָנען, ווייל איבערגעבן די שטימונג און די אַטמאָס־פער פון יענע טעג בין איך פשוט ניט בכוח... ס׳האָבן ערשט ניט לאַנג געהאַט אָפּגעהילכט די פייערלעכע סאַלוטן צום גרויסן נצחון איבער דעם נאַצישן דייטשלאַנד, ראַקעטן־אילומינאַציעס האָבן באַלויכטן אויף אַ ווײַלע די פאַרקוילטע חורבות פון שטעט און דערפער איבערן ריזיקן לאַנד — שטעט און דערפער וואָס מ׳וועט שפּעטער, אין הונגער, קעלט און נויט, מיט מסירות־נפש פון איין זייט און צוואַנגאַרבעט פון דער אַנדערער, ווידער אויפבויען און אויפלעבן. די ראַקעטן־אילומינאַציעס האָבן באַלויכטן אַ ווײַלע אויך דאָס, וואָס לאָזט זיך ניט אויפלעבן — די אומצאָליקע מענטשלעכע קרבנות, די מיליאָנען פאַראייניזאַמטע און פאַריתומטע.

גרעסער פון אַלץ איז געווען אונדזער אַבדה. מיר זענען פאַרבליבן אין דער פינצטערניש מיט אונדזערע אומגעבראַכטע זעקס מיליאָן, מיט אונדזער באַבי־יאַר און פּאָנאַר, מיט אונדזערע פאַרקילטע קאַלכאויוונס און קרע־מאַטאָריעס.

און נאָך. מיר, די סאָוועטישע יידן, האָבן זיך געשלאָגן אויף אַלע פראָנטן קעגן דעם גרויליקן שונא, אפשר העלדישער און מוטיקער ווי די אַנדערע סאָוועטישע פעלקער. וועגן דעם זאָגן עדות די מאַטעריאַלן און דאָקומענטן פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט און אפילו די סטאַטיסטישע קאָמוני־קאַטן פון דער סאָוועטישער מיליטערישער אויבער־קאָמאַנדשאַפט.

יעדער פון אונדז האָט זייער גוט געוווּסט אַז ס׳איז כמעט ניט געווען קיין יידישע משפּחה און סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין וועלכער ס׳זאָלן ניט זיין קיין

געפאַלענע מלחמה־העלדן. אָבער דער גרויס־רוסישער שאָווינים, אויס־געכאָוועט דורכן רוצחישן אַזיאַט סטאַלין, האָט אַלץ אָנגעווענדט ס'זאָל פאַרשוויגן און אויסגעמעקט ווערן פון דער געשיכטע סיי אונדזער גרויסער בראָך, סיי אונדזער וואַגיקער אָנטייל אין די שלאַכטן מיט די נאַציסשע רוצחים. איבערן לאַנד האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, און טראָגן זיך נאָך עד היום, אַז די גאַנצע מלחמה אין פאַרקאַכט געוואָרן צוליב די יידן, אַז יידן האָבן געהאַלטן מלחמה אין... טאַשקענט און אַז זיי זענען באַרייכערט געוואָרן אויפן חשבון פון רוסן, אוקראַינער און אַנדערע סאָוועטישע פעל־קער.

קיינער האָט די דאָזיקע בילבולים עפנטלעך ניט אָפּגעלייקנט און ניט אָפּגעפרעגט.

פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד האָט זיך דערטראָגן צום יידישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט דאָס פאַרטויבטע ווייגעשריי פון יידישע משפחות וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון עוואַקואַציע, דאָס געשריי פון מלחמה־אינוואַלידן, געוועזענע פאַרטיזאַנער און דעמאָביליזירטע זעלנערס. זיי האָבן אַלאַרמירט וועגן דער פאַגראָם־אַטמאָספער וואָס הערשט דאָרטן און וועגן דעם פיינדלעכן גלייכגילט פון די אָרטיקע מאַכטאָרגאַנען.

ווען מיכאָעלס האָט פאַר סטאַלינס יידישן אויבער־משרת לאַזאַר קאַגאַ־נאָוויטש, אַרויסגעבראַכט די אַלע פאַקטן און געבעטן הילף, האָט יענער אָנגעשריען אויף אים און געסטראַשעט:

— איר זענט דאָך אַ קלוגער מענטש, סאַלאָמאָן מיכיילאָוויטש, ניטאָ ביי אונדז, ניט קיין יידן־פראַגע און ניט קיין אַנטיסעמיטיזם! פאַרגעדענקט עס! נאָר שונאים זאָגן דאָס פאַרקערטע...

אין אַט אַזאַ אַטמאָספער איז דעמאָלט פאַרגעקומען די שעפערישע באַ־געגעניש מיט פרץ מאַרקיש אין מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער.ביים פרעזידיום־טיש איז געזעסן שלמה מיכאָעלס, וואָס האָט נאָר וואָס פאַרענ־דיקט זיין אַריינפיר־וואָרט, פול מיט ליבשאַפט צום פּאָעט. ער איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער, דער סאָקראַטעס־קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף זיינע קורצע אויסדריקלעכע דלאָניעס.

מאַרקיש האָט געלייענט פון זיין גרויס ווערק מלחמה, וואָס ער האָט דעמאָלט געהאַלטן ביים פאַרענדיקן און ווי ער ברענגט אַרויס, אויפן פּאָן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, אונדזער פאָלקס־קאַטאַסטראָפע, אונדזער פאָלקס־גבורה און אונדזער רעכט אויף ווידערגעבורט. מאַרקיש איז גע־

שטאַנען אַ בלייכער, משכמו ומעלה איבער אונדז, מיט זיין פלאַטערנדיקער, קוים באַפראַסטיקטער טשופּרינע. ער האָט געלייענט... ניין, ער האָט מיט צער אַרויסגעברומט, אַרויסגעשריגן, אַרויסגעוואָלדעוועט... זיין קול האָט זיך געקייקלט איבער די פוסטע קאָרידאָרן און רעפעטיציע־זאַלן, ביז צו דעם ליידיקן צושויער־זאַל.

מיר האָבן צוזאַמען מיטן דיכטער מיטגעמאַכט דעם לעצטן וועג פון קאָלאָנעס יידן, געטריבענע צום טויט:

זי האָט זיי אויסגעשפּירט, די האַק, און זיי דעריאָגט —
אַ לאַנגער וועג נאָך פון סעווילע און טאָלעדאָ...

אונדזערע הערצער זענען איבערפול געווען מיטן גילדענעם נאָגנדיקן זשום פון דער פּאַריתומטער בין, וועמענס בינשטאָק איז פאַרברענט געוואָרן אין די מלחמה־פלאַמען. און צוזאַמען מיט אָט דער בין האָבן מיר וויינענדיק געוואַנדערט און זיך געדרייט מיט דער ראָד פון וואָגן, אויף וועלכן ס'איז געלעגן שווער פאַרוווּנדיקט אַ מאַטראָס, "ווי טאָטווירטער גאָט"...

פאַרענדיקט האָט ער מיט אַ גאַנץ שוואַכער "אָדע" צום "פאָטער פון אַלע פעלקער".

נאָך דעם אָוונט בין איך אַרויס אין דרויסן צוזאַמען מיטן דיכטער חיים גראַדע. מיר זענען שווייגנדיק געגאַנגען דורך די האַרבסטיקע שיטער געוואָרענע אַלעען פון טווערסקאָי־בולוואַר.

— ס'איז פּשוט ניט צו באַנעמען! — האָט ענדלעך גראַדע אַרויסגעאָטעמט.

כ'האָב דערשפּירט אין טאָן פון אָט די ווערטער אַ מין פאַרוואורף קעגן מיין מאַרקיש. האָב איך געפּרוווט פאַרטיידיקן מאַרקישן דעם דיכטער.

— פאַראַן, פאַרשטייט זיך, ביי אים אַן איבערשטראָם פון רייד, צו מאָל קאָזיאָנשטשינע, איבערגעטריבענער פּאַטאָס, אָבער...

— איי! — האָט גראַדע מיך איבערגעשלאָגן, ענערגיש אַ פאָך געבנדיק מיט דער האַנט, גלייך ער וואָלט געטריבן פון זיך אַ טשאַטע זלידנע פליגן — איי, וועגן וואָס רעדט איר, קערלער? איך מיין די גוואַלדיקע וויזיע און די נביאישע גבורה פון פּרץ מאַרקיש!

לאַנגע, שווערע יאָרן פון פּיין האָב איך געדאַרפט דורכמאַכן, כדי אַזוי ווי מיין עלטערער פריינד חיים גראַדע אָוועקצוטרייבן מיט דער האַנט די פאַלשע פערזן פון דער יידיש־סאָוועטישער פּאָעזיע. די דאָזיקע שוואַכע פערזן זענען, ווייס איך אַציינד, געקומען אָדער פון בלאָנדזשענישן און

פֿאַרבלענדעניש, אָדער, שפּעטער, ווי אַ מין קאַזיאָנע קמיעלע, כּדי צו פֿאַרהיטן פֿון שרעקלעכן טעראָר די עכט יידישע, טיף־נאַציאָנאַלע נשמה פֿון אָט דער דיכטונג.

און אין שיין פֿון אָט דעם אויספֿיר, ווייל איך זאָגן מיין וואָרט וועגן פּרץ מאַרקישן.

פּרץ מאַרקיש איז אַלט געווען עטלעכע און פֿופֿציק יאָר, ווען די סאָוועטישע נאַצי־פֿאַרברעכער האָבן אים דערמאָרדעט צוזאַמען מיט די אַנדערע גרעסטע יידיש־סאָוועטישע שרייבער, קינסטלער, גייסט־מענטשן...

אוגדזער בליק וועט שוין קיין מאָל ניט גרייכן צו יענע ווייטע האָריזאָנטן, וווּהין ס׳וואָלט אים נאָך פֿאַרטראָגן זיין גרענעצלאָזער שעפֿערישער שווּנג.

אַוודאי האָט פּרץ מאַרקיש, ווי אַלע גרויסע דיכטער פֿון זיין דור, געפֿורעמט זיינע פּאָעטישע ווערק אונטער אַ צווייענדיקער צוואַנג: סיי דער, פֿון אויסן — פּחד פֿאַרן רוצחישן סטאַלין־טעראָר, סיי דער, פֿון אינערן — פֿון דער זעלבסט־צענזור, לשם זיין אויפֿריכטיקן גלויבן אין די אידעאַלן פֿון דער שוין דאַן באַנקראָטירטער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע! און דאָך און טראָץ דעם אַלעם איז פּרץ מאַרקיש אין פֿיל פֿון זיינע שאַפֿונגען — אַ מעכטיקער נאַציאָנאַלער פּאָעט. ״שוועלן״, ״די קופּע״, ״וואָלין״, ״ברידער״, ״דור־אויס, דור־איין״, ״טראָט פֿון דורות״, ״קאַווקאַז״, ״די טענצערין פֿון געטאָ״ און די מערסטע קאַפּיטלען פֿון דער עפּאָפּייע ״מלחמה״ — זענען אָן שום ספֿק, איבעראַשנדיקע ווערק, סיי לויט זייער גאָוואַטאַרישער סטרוקטור סיי אויך לויט דעם אייגנטימלעכן, בלויז פֿאַר מאַרקישן, ברייטסטן דיאַפּאַזאָן פֿון יידישער פֿאָלקישקייט; און דאָך איז מאַרקיש מער ווי אַלע אַנדערע, נאָך אַלץ געווען אין פּראָצעס פֿון שעפֿערישער יוירונג און וווּקס, ווי קיינער איז דער עיקר־מאַרקיש, צו אונדזער צער, פֿאַרבליבן ערשט אין זיין דיכטערישן באַרג־אַרויף.

משה ליטוואַקאָוו, איינער פֿון די גרעסטע אויטאָריטעטן אין דעם יעווסעקישן וועלטל, איז ניט איין מאָל געשטרויכלט געוואָרן ביים פּרוּוון אָפּשאַצן מאַרקישן דעם דיכטער. אָט זאָגט ער אָן אַ פּריידיקע בשורה אין דעצעמבער 1918, אַז ניט ווי ביי אַנדערע דיכטערס... ״געפֿינען מיר שוין ביי מאַרקישן סימנים פֿון גובֿר זיין דאָס נאַציאָנאַלע אין דער יידישער ליריק. אין מאַרקישעס לידער שלאָגן שוין קוואַלן פֿון אוניווערסאַליזם, פֿון דעם באַפֿרייטן מאַסן־יחיד איבערהויפּט״. און ווייטער ״...קוויטקאָ און מאַרקיש זענען צוויי גרויסע אָנזאָגן פֿון גאָר אַ נייער דיכטונג, אַ דיכטונג פֿון נייע מאַסן״

(אין אומרו, ז' 43). מיט זיבן יאָר שפּעטער דערהערן מיר שוין גאָר אַן אַנדערן טאָן ביי דעם זעלבן ליטוואַקאָוו: "דערפאַר איז מאַרקיש דער הפקר־מענטש פון דער דאַזיקער אויפגערודערטער כאַליאַסטרע, ער איז דער "באַסיאַק, וואָס אַלץ איז ביי אים קיי און שפּיי, אָן טראַדיציעס, אָן צוזאַמענבונדן. אין פייער פון שלאַכט קאָן ער אַ מאָל מיטגעריסן ווערן, אָבער ער קאָן זיין אויך דער ערשטער פון די דעזערטירער" (דאָרטן, "ביים איבערבראָך").

סיי אין די לויבווערטער, סיי אין דער בייזער קריטיק פון משה ליטוואַ־קאָוון, ווי אין די שפּעטערדיקע פּראָלעט־קולטישע זידלערייען פון האַלדעס, פּעפּערן און אַנדערע, סיי אין די ווייטערדיקע ווולגאַר־סאָציאָלאָגישע אַנאַ־ליזן מיט אַן אויסבליק אויף פאַרענטפערן און רעהאַביליטירן "מאַרקישעס אַרויפגאַנג" פון י. דאָברושין * און שפּעטער פון נ. אויסלענדער — אומעטום קאָן אַ געניטער פאָרשער אויסגעפינען ברעקלעך אמת אין אַ וועלט פון באַוווסטזיניקע אָדער זינלאָזע פאַרקריפּלענישן אין גייסט פון דער "פּראָלע־טאַרישער" שפּעטער— "סאָצרעאַליסטישער" ליטעראַטור־קריטיק.

צווישן דעם נישט לאַנג אויסגעפונענעם לידער־העפטל מיט "ציוֹנידן", וואָס דער 15יעריקער מאַרקיש האָט געשריבן אין רוסיש (אָנפאַנגערישע לידער אונטער דער בולעטער השפּעה פון פרוג און ביאַליק), ביז צו זיין "דער פערציקיעריקער מאַן", וואָס איז נאָר טיילווייז פאַרעפנטלעכט גע־וואָרן דאָ און דאָרט, אַ פּאָעמע, וואָס ער האָט געשריבן שיער ניט דאָס גאַנצע לעבן און וואָס "זינט געציילטע יאָרן און שוין דאַכט זיך, אַז "דער פערציקיעריקער מאַן", קאָן זיך שטעלן בראָש פון אַלע מאַרקישעס ווערק, ווי אַ הקדמה. און אפשר קאָן די פּאָעמע שליסן מיט זיך אַלע ווערק פון פרץ מאַרקיש, ווי אַ נאָכוואָרט, שיער נישט ווי אַן אויספּיר..." *

איז אָט, צווישן יענעם אָנפאַנגערישן העפטל ביז דער דערמאָנטער פּאָעמע ליגט אַ גרויסע פּאָעטישע וועלט מיט "נייע און נייערע מאַרקיש־טויערן", וועלכע לאָקן און פאַרופן דעם קומענדיקן אָביעקטיוון ליטעראַטור־פאָר־שער...

כ'וועל מיך איצטער בלויז דערוועגן צו אַנאַליזירן ווי איך פאַרשטיי, מאַרקישעס "די טענצערין פון געטאָ".

די טענצערין פון געטאָ איז איינס פון די ווערטפולסטע נאַציאָנאַלע ווערק

* "סאָוועטישע דיכטונג". פאַרלאַג "עמעס" מאָסקווע 1935.

* גיטל מייזיל — "פרץ מאַרקיש" פון בוך "עסייען".

אונדזערע, ניט נאָר מחמת דער פּאָעטישער אָנלאָדונג, נאָר אויך ווי אַ דאָקומענט פון גרויסער קולטור־היסטאָרישער וויכטיקייט. דאָס דאָזיקע ווערק וואַרפט אַ דורכדרינגלעכע שיין אויף דער עוואָלוציע און דעם געמיט־צושטאַנד פונעם אַזוי גערופענעם ״שווייגנדיקן יידנטום״. די גאַנצע פּאָעמע שטעלט מיט זיך פאָר איין מאַכטיקע קייט פון פונאַנדערגעוויקלטע מעטאַפאָרן און בילדערישע אַסאָציאַציעס:

געווען אַ ציג... אַזאַ מין צוגעלאָזטע ציג...
האָט איר פאַרגלוסט זיך ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...
געטאָן האָט עס זי מיט אַ מאָל ערגעץ אַ צי,
האָט עמעץ איינהאַלטן געקאָנט זי אין דער האַנט דען?

דאָ קומט דער דיכטער צום שאַרפן ראַנד ווו ס׳קאָן, חלילה, צעשטערט ווערן דאָס גאַנצע פּאָעטישע געוועב. דאָס איז ווען ער גיט אונדז בולט אָנצוהערן אַז אַלץ מיט אַנאַנדער: די רו וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון האַרצן, איז ״אַוועקגעפלויגן ווי די גינגאָלדענע פּאַווע״; די ציג וואָס איז אַנטלאָפן פון דער היים זוכן גליקן, און די היים, וואָס איז ערגעץ ווו פאַרשוווּנדן — אַלץ איז ניט מער, ווי פּאָעטיש־פאָלקסטימלעכע אַלעגאָריע, אַ משל, אַזוי צו זאָגן, צום אויסגעבלוטיקטן נימשל. אָבער מיט וואָס פאַר אַ דערוועגטקייט דער קינסטלער איז גובר דעם אָפּגרונט, ווי נאַטירלעך ס׳איז דער איבערגאַנג פון דער ״צוגעלאָזטער ציג״, וואָס קומט אַוודאי פון שלום־עליכמס פאַרכישופטן שניידער און פון דער מאַמעס וויגליד, צו אָט דעם נימשל!

פון אַלץ געבליבן איז מיר בלויז אַ ליד אַליין,
איך זוך זיי אַלע אין מיין בלאָנדזשעניש אָן אופהער,
איך גיי זיי נאָך און זאָג זיי שפּרוכן אַלערליי
און כ׳קען מיט גאַרנישט זיי צוריק צו זיך פאַררופן...

און ווייטער קומען די שפּרוכן:

אַ שפּרוך וועגן אַ ציג וואָס איז אַוועק ערגעץ געהיים
אַדורכשניידן אַ וועג — פון לאַנד צו לאַנד זיך,
ניין, ניט געווען די ציג געבונדן צו קיין בוים,
ווייל ניט געהאַט קיין בוים האָט ווו זיך צו פאַרפלאַנצן...

— — —

אַ שפּרוך וועגן אַ בוים, וואָס ניט פאַרפלאָנצטערהייט
טראָגט ער די לאַסט אויף זיך פון בליען און פון וואַקסן...

— — —

אַ שפּרוך וועגן דער האַק, וואָס איז פאַרמאָסטן אויף דיין האַלדז,
ווייל ס'שטייגט פון אים אַ קאָפּ די זון אַריבער.

— — —

און דאָ קומט "אַ שפּרוך וועגן אַ היים", וועלכע רופט זיך אויף ס'ניי איבער מיטן גוטן זוניקן שלום-עליכם, אָפּפרעגנדיק דעם באַרימטן זאָג פון טביהן וועגן "דער באַטקאָוושטשינע" (היימלאַנד). און אַליין "די שפּרוכן אַלערליי", צי דערמאָנען זיי ניט די פּסוקים און די משלים פון דעם זעלבן טביה דעם מילכיקן? באַזונדערס איינעם אַזאַ משל:

"ברענג איך איר אַ משל מיט אַ הון אַ קוואָקע, וואָס האָט אויסגעזעסן קאַטשקעלעך. די קאַטשקעלעך האָבן זיך נאָר אויפגעכאַפּט אויף די פיסלעך האָבן זיי זיך געלאָזט אויפן וואַסער. און די קוואָקע נעבעך קוואָקעט. וואָס, זאָג איך, וועסטו זאָגן, זאָג איך, דערויף, טאָכטער לעבן? וואָס, זאָגט זי, זאָל איך דערויף זאָגן? ס'איז אַוודאי אַ רחמנות, זאָגט זי, אויף דער קוואָקע, נאָר צוליב דעם, זאָגט זי, וואָס די קוואָקע קוואָקעט זאָלן די קאַטשקעלעך ניט שווימען?"

טביה האָט, ווי מיר ווייסן, געמוזט נאָכגעבן זיין האַדלען, קוויקנדיק זיך מיט פאַטערלעכע חלשות-טראָפּן, אַז "טביהס טאָכטער רעדט ניט גלאַט"... אויך שלום-עליכם האָט ניט אָנגענומען קיין באַשטימטן צד אין דעם דאָזיקן וויכוח.

מ'האָט באַדאַרפט האָבן הינטער זיך די טראַגישע דערפאַרונג פון רעוואָ-לוציע, פּאָגראָמען, צוואַנג-אַסימילאַציע, סטאַלין-טעראָר און היטלעריס-טישע פאָלקס-פאַרטיליקונג, מ'האָט באַדאַרפט דערשפּירן דעם גרעסטן און בלוטיקסטן חורבן אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, כדי אַזאַ דיכטער ווי פרץ מאַרקיש זאָל אפשר, ניט ווילנדיק, אונטערפירן דעם שרעקלעכן באַלאַנס:

די היים איז קיין היים ניט, זי איז "אַליין ערגעץ פאַרשוווּנדן", דער בוים איז קיין בוים ניט, ווייל ער האָט זיך ניט "ווו צו פאַרפלאַנצן" און די קאַטשקעלעך זענען נאָר... געוויינטלעכע הינדעלעך, וואָס האָבן זיך געפּרוווט שווימען מיט אַלע קאַטשקעלעך גלייך...

אידעאָלאָגיש איז פּרץ מאַרקיש, ווי אַלע אַנדערע אומגעבראַכטע שרייַבערס, געווען אַ הייסער פּאַטריאָט פון סאָוועטישן היימלאַנד, אָבער ווי אַן עכטער ייִד און אַן עכטער קינסטלער האָט זיך ביי אים געמוזט דורכרייסן די טרויעריקע וואָר, דער האַרצרייסנדיקער סך־הכל פון טראַגישן פאָלקס־נסיון:

פאַר יעדן טראָפּן פרייד, וואָס ערגעץ בלויז מיר דאַכט זיך,
זאָל איך זיי צאָלן זיבן מאָל אַזוי פיל פּיין.

אומעטום, אין דער גראַנדיעזער עפּאָפּעע מלחמה, אין טראָט פון דורות, אין עלעגישן לידער־ציקל קאַווקאַז, וועט זיך איבערחזרן דער מאָטיוו:

איז ניט געווען דען ניין מאָל נאַכט
אויף איין געדאַכטענעם באַגינען?

— — — — — —

און ווידער צוריק צום לעבעדיקן — און אַפילו גליקלעכן — פּרץ מאַרקיש. כ׳געדענק ניט גענוי ווער ס׳האָט מיך, דעמאָלט אַ פּאַרייאַושטן, אַ כמעט פאַרחלשטן סטודענט, צוגעפירט און פאַרגעשטעלט מיין באַליבטן דיכטער; קאָן זיין אַז יחזקאל דאָברושין, איינער פון מיינע סטודיע־פּעדאַגאָגן, „די הייבאַם פון אונדזער ליטעראַטור", ווי דוד בערגעלסאָן האָט אים גערופן. פּרץ מאַרקיש האָט מיך שאַרף אַ מעסט געטאָן, אַפילו מיט איבערגעטריבע־נער ערנסטקייט אַריינגעקוקט מיר אין די אויגן, בעת אויף די געטאָקטע ליפּן זיינע האָט געשוועבט אַן איידעלער שמייכל וועגן מיין ייִנגלשער פאַרלוירנקייט. פּלוצעם האָט זיך דער שמייכל דורכגעריסן און מיך באַ־לויכטן פון אויבן ביז אַראָפּ. פון דאַנען איז שוין פאַרבליבן ניט מער ווי אַ רגע צו זיין היימיש־גוטברודערישן קלאַפּ אין פּלייצע:

— ווילסטו לייענען לידער, טאָ כאַפּ זיך אַריין, חברהמאַן!

און נאָך אַ קליינער הפסקה:

— אויפעסן וועל איך דיך ניט, אַפילו ווען די לידער דיינע טויגן אויף כפּרות!...

...און אָט בין איך אויף דער רעשיקער גאָרקי־גאַס, ביים שיינעם מויער וואָס אַנטקעגן דעם וויסרוסישן וואָקזאַל. אָט הייב איך זיך אויף צום פינפטן שטאָק און טרעט אַריבער די שוועל, וועלכע איז מיר דערנאָך באַשערט געווען אַ סך מאָל אַריבערצוטרעטן, סיי ווען מאַרקיש האָט נאָך

געלעבט, סיי נאָך דעם ווי מען האָט אים אומגעבראַכט. די פריינדלעכע אסתר מאַרקיש האָט ברייט צעעפנט די טיר און מיך אַריינגעפירט צום דיכטער. ער איז געשטאַנען אַ שטראַלנדיקער אין אַ ווינקל פון צימער, לעבן דער אַלטפרענקישער שאַפע, אַן אָנגעשטאָפּטע מיט ביכער. אויף זיינע הענט — אַ שוואַרץ־חנעוודיק פּאַרשוינדל, אפשר פון אַ יאָר, ניט מער, וואָס פאַרגייט זיך ממש פון געלעכטער, שלעפנדיק דעם טאַטן פאַר די צעשויבער־טע קוטשערן.

— אסתרל, ער מאַכט דאָך מיך פאַר אויס קראַסאַוועץ, דער ממזר! נעם אים שוין צו!

ווען מיר זענען ענדלעך געבליבן אַליין אין צימער, האָט ער מיט שיינענדיקער פאָטערלעכער פרייד זיך אַ באַרים געטאָן:

— דאָס איז מיין דוד סאָסונסקי! ס׳וואַקסט אַן אמתער גיבור... אַ יידישער גיבור — האָט ער צוגעגעבן.

אויף דער ליטעראַרישער וועלט האָט זיך דעמאָלט געטומלט מיט דער פּראַכטיקער איבערזעצונג פון דער אַרמענישער פאָלקס־פּאָעמע וועגן מיטל־עלטערלעכן העלד פון אַרמעניע דוד פון סאַסון. ״סאַסון״ הייסט אויך אַ זויגלינג אויף רוסיש.

ס׳וועלן אַדורך יאָרן, שווערע, ביטערע יאָרן, יאָרן נאָכן ביינאַכטיקן אַרעסט פון מאַרקישן, ווען אסתר מיט די צוויי קליינע יינגלעך איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר אויף הונגער, נויט און אומקום. אָט די שוואַרץ־חנעוודיקע ענערגישע און מוטיקע פרוי האָט אין די דאָזיקע יאָרן באַוויזן ניט נאָר אויסהיטן און אויסכאָוועון אירע צוויי זין, זי האָט אויך באַוויזן, ממש אייג־שטעלנדיק דאָס לעבן, אויסהיטן כמעט די גאַנצע ליטעראַרישע ירושה פון אונדזער גרויסן דיכטער.

ס׳וועלן אַדורך יאָרן פון ענדגילטיקן חשבון־הנפש, ניט נאָר פאַר דער משפחה מאַרקיש, נייערט פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. ניט קיין אַנדערער ווי יענער אַמאָליקער זויגלינג, וועגן וועלכן דער פאָטער האָט אַ מאָל געזאָגט: ס׳וואַקסט אַן אמתער גיבור, אַ יידישער גיבור! — דער זעלביקער דוד מאַרקיש וועט קעמפן אין רוסלאַנד פאַר אַ פרייער עליה און אָפּדרוקן אין ישראל אייניקע פון זיינע לידער, אונטערן פסעוודאָנים ״מגן״. צווישן אָט די לידער וועט זיין איינס מיטן נאָמען פון דער אויסגעוויטיקטער מאַרקיש־טעמע: ״טראָט פון דורות״. אָט ווי דוד מאַרקיש פאַרענדיקט דעם דאָזיקן אַני־מאמין זיינעם:

שלום, צו אַלע די, וואָס פאַרבלייבן!
כ׳וועל דערגיין צו דער ערד פון מיין שטאָם.
כ׳וועל דערגרייכן, ווייל זיי זאָגן מיר אָן,
די מיליאָנען פאַרבליבענע דאָ:
גיי און קוק זיך ניט אום — וועסט דערגרייכן.
זאָל מיין שטעג ווי אַ שלייף זיך פאַרציען
פון די בלוטנדיקע פיס ביז צום האַלדז —
כ׳וועל דערגיין, ווייל אויף צוויי טויזנט יאָר
בין איך נענטער איצטער צו דיר,
מיין באַשערטע, מיין הייליקע ערד,
כ׳בין איצט יינגער מיט צוויי טויזנט יאָר
און מיט צוויי טויזנט יאָר בין איך שטאַרקער,
זאָל אַ קויל נאָר מיין וועג ניט פאַרלויפן...
טאָמער יאָ, און ס׳דאַרף טרעפן אַזוינס,
כ׳וועל אַ פאַל טאָן פאַרויס מיט דער ברוסט —
מיטן האַרץ זאָל איך נעענטער זיין,
כאָטש אַ ווײַלע, מיין היימלאַנד, צו דיר.
— — — — —

פרץ מאַרקיש איז נאָך אַלעמען געווען אַן אויפריכטיקער פאַטריאָט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, איינער פון די סאַמע באַגייסטערטע באַזינגערס פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. קאָן זיין, אַז טאָקע דערפאַר האָט מען אים דערשאָסן, כדי צוזאַמען מיט אים אָפּצווישן די לעצטע אילוזיע אַז די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט כלומרשט געבראַכט מיט זיך סאָציאַלן יושר און נאַציאָנאַלע באַפרייונג אויך פאַרן יידישן פאָלק. אָבער זיכער האָט מען מאַרקישן אומגעבראַכט דערפאַר, ווייל ער איז פאַרבליבן אַ יידישער דיכטער מיט אַ גרויס האַרץ, אַ האַרץ וואָס ער אַליין האָט עס ביזן טיפסטן ווייטיק געשפּירט צעבראָכן אויף טויזנט שטיקער ווי "אַ שפּיגל אויף אַ שטיין".

דאָ ניט לאַנג האָט מיר דערציילט אַ פּוילישער ייד, וואָס איז בייגעווען אויף אַ פייערלעכער פאַרזאַמלונג אין לאָקאַל פון מאָסקווער קאָמיטעט פון פּוילישע פּאַטריאָטן. אַן ערך אין נאָוועמבער 1945 איז דאָרטן פאַרגעקומען אַ געזעגענונג־אָוונט לכבוד דעם יידיש־פּוילישן געזעלשאַפטלעכן און קול־טור־טוער לעאָ פינקלשטיין, וואָס האָט זיך געגרייט, צוזאַמען מיט אַנדערע

פוילישע יידן, פאַרלאָזן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. ס'האָבן אַלעמען אויפגעטרייסלט מאַרקישעס פלאַמיקע ווערטער; זיינער אַ זאַג האָט זיך אויף שטענדיק איינגעקריצט אין זכרון: "איר פאָרט אַוועק, אָבער אַ האַרץ קאָן מען ניט צעטיילן... צעברעכן קאָן מען עס, נאָר צעטיילן — קיין מאָל ניט!"

יאָ, דאָס האַרץ, דאָס צעבראָכענע האַרץ פון אונדזער גרויסן דיכטער, איז מיט אונדז, מיטן קעמפנדיקן יידנטום פון רוסלאַנד, מיטן יידישן פאָלק אויף גאָר דער וועלט, מיטן איינציק מעגלעכן יידישן היימלאַנד — ישראל.

פרץ מאַרקיש איז דאָ מיט אונדז!



מאָסקווע 1946, אויף אַן אויפנאַמע לכבוד בן־ציון גאָלדבערג. פון רעכטס אויף לינקס: אהרון קושניראָוו, דוד בערגעלסאָן, ב־צ. גאָלדבערג, איציק פעפער, שמואל האַלקין, פרץ מאַרקיש, אברהם סוצקעווער.

פראַגמענט פון אַ גרעסער בילד — פון רעכט אויף לינקס: דוד בערגעלסאָן,
לייב קוויטקאָ און אהרן קושניראָוו (מאָסקווע, 1946)

הזכרה

(אַ וואָרט וועגן אַהרון קושניראָוו)

מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער ווי שלמה מיכאָעלס האָט אויף דער בינע פון מאָסקווער יידישן מלוכה-טעאַטער אַרויסגערופן צום לעבן דאָס אויף ס׳ניי אויפטרייסלענדיקע געשטאַלט פון שעקספּירס קעניג ליר, האָט אַ באַרימטער רוסישער פאָלקס-אַרטיסט פון מאָסקווער „מאַלי טעאַטער״ * אפשר ניט מיט קיין קלענערער קראַפט צו נישט געמאַכט אַלע ביז-איצטיקע טעאַטראַלע קאַנאָנען און פאַרעלטערטע באַגריפן ביים אויסגעשטאַלטיקן זיין „אָטעלאָ״-ראָל.

דאָס איז געווען דער דאָן שוין ווייט ניט יונגער און לחלוטין טויבער אַלעקסאַנדער אָסטוזשעוו; אָבער ניט זיין פּיינפולער מום, ניט זיין באַיאָרט-קייט איז נישט געווען צו מערקן בעת זיינע מוסטערהאַפטע האַנדלונגען אין יענעם ספּעקטאַקל, נאַטירלעך ביז געניאַליטעט איז געווען זיין רעאַק-ציע אויף דער מינדסטער רעפליק פון בינע-פּאַרטנער; אַפילו מיט דער פּלייצע האָט ער בליץ-שנעל זיך אָפּגערופן אויף יעדער וואָרט, געשפּירט אַפילו יעדער זשעסט און תנועה פון זיינע מיטשפּילער.

באַוועגט האָט ער זיך יונג, עלאַסטיש און אַ באַפליגלטער פון גרויסער ליבע צו זיין דעזדעמאָנאַ. ס׳קלינגט אין מיר ביז היינט די שטים פון אָסטוזשעווס אָטעלאָ. ער האָט ווי אויסגעזונגען יעדער שעקספּיר-פּראָזע און די אומדערהערטע יונגע איינגעהאַלטענע מעלאָדישקייט האָט זיך געדאַכט נאַטירלעכער פון יעדער מין שטייגער-רעאַליזם וועלכער איז געווען כאַ-ראַקטעריסטיש גראַד פאַר דעם טעאַטער, אין וועלכן אָסטוזשעוו האָט גע-שפּילט.

ביז דאַן און אויך איצט טראַקטירט מען דאָס אָטעלאָ-געשטאַלט ווי די טראַגעדיע פון אייפערזוכט; ווילד-צעשטורעמטע אייפערזוכט פון אַ מאָור, אַ שוואַרצן אַפריקאַנער אין דער ציוויליזירטער ווענעציעלער רעפּובליק...

* מאָסקווער מלוכהשער (געוועזענער אימפּעראַטאָרישער) אַקאַדעמישער קליינער דראַמאַטישער טעאַטער.

אַסטוזשעווס אַטעלאַ איז געווען כמעט דאָס איינציקע מענטשלעכע געשטאַלט צווישן די ווייסע וואַנדאַלן פון דער "פּראַקטיקער ווענעציע". דאָס איז געווען אַ צערטלעך, אַ פאַרגלויבט און פאַרטרוילעך נאַטור־קינד...

אַסטוזשעוו האָט אויסגעזונגען און אויסגעשטאַלטיקט די גרעסטע טראַגעדיע פון אונדזער (סאָוועטישער)ווירקלעכקייט — די טראַגעדיע פון אָפּגענאַרטן צוטרוי, פון פאַרשוועכטער ליבע און גרענעצלאָזער טרייהייט.

אין לעבן טרעפן צופעליקייטן, וואָס מיט יאָרן שפּעטער קאָנען זיי אויסזען ווי סימבאָליש: גראָד אויף יענער פאַרשטעלונג איז מיר באַשערט געווען זיך נעענטער באַקאָנען מיטן דיכטער אַהרון קושניראָוו און יעדעס מאָל, ווען איך קלער וועגן אים, אַהרון קושניראָוון ז"ל קומט מיר שטענדיק אויפן זינען אַסטוזשעווס אַטעלאַ־געשטאַלט...

ער איז, ווי מיר דאַכט, מער פון אַלע זיינע מיטצייטלער געווען אַ צערטלעך, אַ פאַרגלויבט און פאַרטרוילעך נאַטור־קינד.

אַזוי אין לעבן, אַזוי — אין די בעסטע זיינע דורכדרינגלעכע געשליפענע פּאָעטישע פערזן, פול מיט געצוימטן פלאַמיקן אומרו.

שווערער פון אַלץ איז זיך פאַרשטעלן קושניראָוון, איינעם פון די אייגנאַרטיקסטע דיכטער אונדזערע, אויסער דער מחנה פון זיין דור, אויסער דעם גאַנצן שעפערישן קאָלעקטיוו פון יידישע פּאָעטן אויף רוסישער ערד — אָנהייבנדיק פון דעם יונג־געפאַלענעם אין בירגער־קריג קעגן די ווייסע און דערפאַר אָפיציעל קאַנאָניזירטן "גרונטלייגער פון דער יידיש־סאָוועטישער פּאָעזיע" — דעם ניט רעאַליזירטן און דאָך וווּנדערלעכן עכט־נאַציאָנאַלן ליריקער אָשר שוואַרצמאַן און ענדיקנדיק ליידער, ליידער און להבדיל מיט דער געגראַמטער "יידיש־אָפּשטאַמיקער" אַנטי־יידישקייט פון... אַ ווערגעליס.

צווישן די אָנגעזעענסטע פון דער קיעווער יידישער שרייבער־גרופּע איז קושניראָוו אפשר דער איינציקער וואָס האָט קיין מאָל ניט פאַרלאָזט סאָוועטן־רוסלאַנד. ער האָט פון סאַמע אָנהייב דורכגעפּאַקט און דורכגעמאַזלט אַלע צרות און אַלע אומגליקן פון לאַנד, צוזאַמען מיטן "פּינפשפּיציקן שטערן", ער האָט פיבערהאַפט געזוכט זיין וועג אין דער דיכטונג און נישט איין מאָל פאַרפּלאָנטערט זיך און אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין הייסן שטראָם פון ביי־ליטעראַרישן געווירבל פון פאַרשיידענע גרופּקעס און גרופּקעלעך, וועלכע האָבן פאַרביטערט געראַנגלט זיך איינס מיטן אַנדערן פאַר דער "פּראָלעטאַרישער העגעמאָניע" אין דער יידישער ליטעראַטור.

ס׳איז אים, ווייזט אויס, ניט איין מאָל נמאס געוואָרן ביז צו חלשות די גערא̈נגלעניש̈ן און די פּראָווינצעלע קליינלעכקייט פון פאַרשיידענע יעווסע־קישע ״אידעאַלאָגן״. און ווער ווייסט, אפשר דערפאַר טאַקע — אַזוי פיל בענקשאַפט אין פיל פון זיינע לידער:

״פאַראַן ערגעץ ברייטן און לענגען און ווייטן / אויף וועלטן צו שאַפן... / פאַר שיפן פון אומזין פון יוגנט פאַרשייטער — / דאָרטן אַ האַפן!״

צי: ״אין ווייטן לאַנד, אין לאַנד געטרוימטן / רוף פון פייערן אויף אַלע ברעגן — / פאַר אַלטער שיף, וואָס האָט דורך ים צעשוימטן / דורכגעטראָגן אירע יוגנט־זעגלען״.

צי רופן זיך צומאָל ניט איבער די דאָזיקע ״יוגנט־זעגלען״ מיט לער־מאָנטאָווס ״איינזאַמען זעגל״ וואָס פלאַטערט אַ ווייסער אין דער ווייטקייט צווישן בלויען ים און הימל?

און צי האָט קושניראָווס ״אומרו״ און ״ברויז״ ניט קיין ווייטע שייכות צום יונג־פאַרשניטענעם רוסישן געניאַלן דיכטער־ראָמאַנטיקער וואָס האָט זיך אויך געשטיקט, וועלנדיק זיך אַרויסרייסן פון דער רוסלענדישער ווירק־לעכקייט נאָך צוריק מיט אַ יאָרהונדערט: ״און ער, דער מורד, בעט אויף שטורעם, באַגלייך אין שטורעם דאָ איז רו...״

די פראַגע, יעדנפאַלס איז ווערט מע זאָל זיך גענויער אַריינקלערן אין איר...

קושניראָוו איז בטבע געווען אַ מילדער מענטש, אים און זיין דיכטונג האָט מען ליב געהאַט; מע האָט זיך געפרייט מיט זיינע דערגרייכונגען און שטיל מיטגעפייניקט זיך מיט זיינע דורכפאַלן.

ס׳געדענקט זיך מיר ניט קיין איין מיטצייטלער זיינער, אויך ניט קיין איינער פון שפּעטערדיקן נאָכוווּקס, וואָס זאָל געווען אַרויסווייזן אַ שפור פון גרינגשעצונג צו זיינע פאָעטישע ״בענטשערלעך״, ווי דוד בערגעלסאָן פלעג מיט ליבשאַפט אָנרופן קושניראָווס מיינסטנס דינינקע לידער־זאַמ־לונגען.

צו זיין ערשט ״בענטשערל״, וואָס באַשטייט אין גאַנצן פון 37 זייטעלעך אַ. ג. ״וועגט״ (מלוכה־פאַרלאַג יידסעקציע, קיעוו 1921) איז געגעבן בימקום אַ פאָרוואָרט — אַ בריוול פון דוד האָפשטיין צום מחבר — ״טייערער אַרקע״ אַזוי פאַנגט אָן האָפשטיין און דערציילט אויף זיין האַרציק באַחנטן אופן

וועגן דער ערשטער באַגעגעניש צווישן אים, האַפּשטיינען, שוואַרצמאַנען און קושניראָוון ווען... „אויף זוניקע וויגן פון אקראַינער פעלדער האָט מיט אונדזערע קינדערשע טעג אַ שטאַרקן שפּיל געטאָן די פּאַרפירערישע שטילקייט"... ס'לוינט זיך אַרויסשרייבן די שורות דירעקט געווענדעט צו קושניראָוון:

„און דיר האָט דאָס לעבן געגעבן גאָר אַ באַזונדער שול פון עכטער ניכטערקייט... סיביר, רוסישע קאַזאַרמעס, דער נאָך פראָנטן. און אומעטום מיטן ליד, וואָס האָט זיך געטראָגן פון רוסלענדישע טיפן, מיט אָט דעם ליד, וואָס האָט שטענדיק געהאָלפן אַרויסזאָגן גרויסע שותּפותדיקע ווייען־פריידן. גענוג און איבערגענוג!

האָסט דאָס פולע רעכט מיט דיין זינגענדיקער נשמה פאָדערן ביים לעבן, וואָס האָט אָפּגעזאָגט אין שטילקייט, האָסט דאָס רעכט פאָדערן ביים לעבן עס זאָל ניט איילן זיך מיט זיין צווייטן געשאַנק — פאַרגעסנהייט פון איבער־געלעבטן..."

די דאָזיקע שורות גיבן אונדז, ווי מיר דאַכט דעם אמתן שליסל צו דער קאָמפּליצירטער דיכטערישער וועלט פון אַהרן קושניראָוון. די דאָזיקע האַפּשטיין־ברכה, וואָס באַגלייט אַרויס אין וועג קושניראָווס ערשטלינג איז עכטער און אמתדיקער ווי די יידיש־סאָוועטישע קריטיק — די „פּראָלעטאַ־רישע", די, יעווסעקישע פון, לאָמיר זאָגן, יאַשע בראָנשטיין — דעם פאַנאַ־טיש־מאַרקסיסטישן, אָבער טייוולאָניש־באַגאַבטן קריטיקער (אויך אומגע־בראַכט אין די דרייסיקער יאָרן), ביז דער היינטצייטיקער „סאָצרעאַליס־טיש"־צבוּאַקישער פון ה. רעמעניק.

פאַרשטייט זיך, אַז דוד האַפּשטיין האָט אין זיין שוין דערמאָנטן פאָרוואָרט צו קושניראָווס ביכעלע „וועגט" געהאַט אין זינען, ניט אַזוי די 15 לידער, וואָס אָט די זאַמלונג אַנטהאַלט ווי די ווייטערדיקע עליה פון קושניראָווס פּאָעזיע... דאָס איז געווען אַ טיף־דיכטערישער כאַטש גאַנץ געפלהאַפטער פאַרגעפיל, אַז ער, קושניראָוו, וועט אונדז ערשט „דערציילן און וועט אונדז באַוווסטיקן פון געשעענעם און פון געוועזענעם".

שוין אין יענעם ביכעלע האָט זיין מחבר דער ערשטער אין דער יידיש־סאָוועטישער דיכטונג געוואַגט זיך אַ קער צו טאָן פון „אומבאַשטימטן דראַנג צו שטורעם" (בראָנשטיין), פון די אַבסטראַקט־דעקלאַמאַטארישע „וועגט", „עקראַן" צו דער באַזיניקונג, אַז די אַקטיאַבער־איבערקערעניש איז איי־גנטלעך אַ קאָנקרעט־רוסישע דערשיינונג („ראַסיא", „אויף רויטן פּלאַץ,

ווי שאַרף פון האַק"...) — אַ געדאַנק, וואָס איז ערשט אָפיציעל "געכשרט" געוואָרן כמעט מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער. שוין אין "ווענט" איז פאַראַן דער קער פון "פילטויזנטער בליק פון המון" — פון דער מאַיאַ־קאָווסקי־פּאַטעטיק, צוריק טאַקע צו רוסלאַנד פון לערמאָנטאָוו און בלאָק און צום דיכטערס "איך" אין אַט דער מדינה — קושניראָווס ריין־יידישער "איך" אין בלוטיקן געווירבל פון דער ריין־רוסלענדישער רעוואָלוציע —

"וואָס בין איך, ווער בין איך און וועמעס, / ווען היינטיקער טאָג איז דער שטאַרקער. / איך וואַרף אייך אין פּנים דעם אמת, / אַז איך בין אַ קעסט־קינד פון מאַרקן. / איר ווייסט דען וואָס הייסט זיך רייבן / ביי טירן פון וועלטישע קראָמען / און שטענדיק און שטענדיק פאַרבלייבן / מיט ליידיקן זאַק פון נשמה". /

און דער עיקר —

"ווי בלייבט מען אין דיין געווימל / איין איינציקער קלאַנג אַ צאַרטער..."

דאָס ליד "ווער בין איך" איז שפּעטער אַריין מיט וועזנטלעכע ענדערונגען אין זיין שטאַרקסטן פּאָעזיע־ציקל "הזכרה", וועלכע זיין עלטערער פריינט דוד האָפשטיין האָט, אַזוי קלערן מיר, אינטויטיוו פאַרויסגעשפּירט.

"הזכרה" איז קושניראָווס פּאַטעטישער אויפשטייג אויפן העכסטן באַרג־שפּיץ. אין נאָרמאַלע אומשטענדן וואָלט אויך געדאַרפט קומען אַ צייטווייליקער באַרג־אַראָפּ, אָבער אין ר"פ, אין די צייטן פון "פאַרשטאַרקטן קלאַסן־קאַמף", אין די שרעקלעכע יאָרן פון שטייגנדיקן טאָטאַליטאַרן טעראָר — סיי פיזישן, סיי גייסטיקן, האָט געמוזט קומען דער גאָר טראַגישער קלימאַקס פון קושניראָווס דיכטערישער ירידה.

יאַשע בראָנשטיין, וואָס באַצייכנט גראָד די "הזכרה" אַלס "עטאַפּ פון אידעאָלאָגישער ירידה", אָנקניפּנדיק צוערשט אָט די "ירידה" צו דער גאַנגבאַרער דאַן פאָרמול פון דער "מאַרקסיסטישער" קריטיק, וועגן די אַנטויישטע קלייןבירגערלעכע ראַדיקאַלן בשייכות מיטן "ראַפּטומדיקן קער פון דער רעוואָלוציע אויף די רעלסן פון נעפּ", גיט אָבער שפּעטער, אַ גלענצנדן און מוטיקן אַנאַליז פון די אמתע סיבות פון אָט דעם צוריקגאַנג:
"נאָך די "טעג פון די פאָנען" זענען געקומען די "טעג פון פּאַגראָמען"...
"די יידישע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ האָט מיט היתפּעלות זיך געוואָרפן אין די אָרעמס פון דער רעוואָלוציע, וועלכע האָט געזאָלט פאַרוויקלעכן אירע

נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע אידעאַלן פון אַ "פרייען ייד און בירגער" אָבער דער "ברודער גוי" האָט אַנטוישט"... "די שאַרף פון טרוים" איז פאַר־טעמפּט געוואָרן" די "גויאישע" פאַנען האָבן פאַרראַטן: "אויף העלן רוף פון דיינע פאַנען האָב איך מיט לייב און האַרץ געוואַגט, / נאָר האַסט געצלמט מיין עקשנות / מיט צאַרטע פינגער פון אַ האַק..." "די אינ־טערוועניץ פון דער האַק, זאָגט ווייטער בראַנשטיין, דער קאָנפליקט צווישן "מזרח־בלוט" און "ווילדן זאַד פון שנייען" שטעלט פאַר קושניראָוון, ווי פאַר אַ גרויסן טייל פון דער יידישער פאָעזיע פון יענער קריזיס־צייט, די פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלן קיום אין דער רעוואָלוציע.

דער "אָפּקלאַנג פון שווערע, פון שטייפע, פון אייזערנע טריט", וואָס קושניראָוו האָט אַזוי ריטאַריש באַזונגען אין "וועגט", ווערט איצט פאַר־הילכט דורך אַ צווייטן אָפּקלאַנג, וועלכער קומט פון די טיפענישן פון "מזרח־בלוט":

"אַ קול נאָר הערט זיך אין רמה,
רחל וויינט אויף אירע קינדער..."

און עס ציט צוריק אַ היים, צו מוטערשן "רוף פון פייערן" אויף זיכערע ברעגן... *).

נעמט אַראָפּ ערגעץ ווו די כלומרשט איראָנישע "גענדזנפיסלעך" און ס'באַ־קומט זיך אַ גאַנץ אָביעקטיוו בילד פון דעם, וואָס דער זעלבער קריטיקער רופט "אידעאָלאָגישע ירידה", וואָס שייך דער קינסטלערישער מייסטער־שאַפט פון דער "הזכרה" איז בראַנשטיין, וואָס איז, דאַכט זיך, באַרופן צו שעלטן לשם מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע, טוט ער אָבער דאָס זעלבע וואָס אַמאָל בלעם — זיינע רייד זענען פול מיט לויב און מיט בענטשונג: "קושניראָוו דערהויבט זיין דיכטערישע שורה ביז די העכסטע טעכנישע דערגרייכונגען פון אונדזער פאָעזיע... פאַרשטייפט זיין דיכטערישע סטראָ־פע מיט אַזאַ שטרענגקייט אַז איר קאָנט פון דאָרטן קיין זילב ניט אַרויס־וואַרפן...

אַזאַ ראַפינירט פאַרטיפט בילד ווי: "נאָר די טיר פון מיין אייגענעם שבת / האָט וואַך מיט אַ שטערן פאַריגלט" ווערט אויף לאַנגע יאָרן פאַרבלייבן אַן אידעאַל פון קאָמפּליצירטן פאָעטישן וואָרט". און פריער אָנווייזנדיק, אַז קושניראָוו ווערט "צוגלייך מיט האָפשטיינען פאַררעכנט אַלס דער פייאיקס־

* י. בראַנשטיין — "אַטאַקע" ז. 145—146 צענטראַלער פעלקער־פאַרלאַג מאָסקווע־כאַרקאָוו־מינסק, 1920.

טער נאָוואָטאָר פון דער יידישער ליריק", פאַרגעסט נישט בראַנשטיין פאַר־צייכענען דערביי אַז. "קושניראָוו ווי האָפשטיין זעטיקט אָבער גאַנץ שטאַרק אַן, זיין דיכטערישע שורה מיט אַלטער יידישער קולטור־טראַדיציע, — ס'איז אייגנטלעך אויך אַ מין "צוריקקער אַ היים" אין געביט פון פּאָעטיק (אַ דערשייבונג, וועלכע איז געווען גאַנץ פאַרשפּרייט אין יענעם נאַציאָנאַליס־טישן פּעריאָד פון דער קיעווער יידישער פּאָעזיע")... דאָס שטערט דאָך ניט אונדזער מאַרקסיסטישן קריטיקער אָנערקענען, אַז קושניראָווס "הזכרה" גיט "אַ גלענצנדיקן מוסטער פון פולשטענדיקער קינסטלערישער גאַנצ־קייט"... "דאָס שטרענגע און געזעצמעסיקע בילד־וואָרט, די פּאַרהאַרטע־וועטע לײַדנשאַפט פון "האַרבסטיקער בענקשאַפט" — מאַכן דאָס דאַזיקע ליד (גיכער לירישע פּאָעמע) פאַר אַ שעדעווער". *

וואָס שייך דער הײַנטצייטיקער עפּיגאָנישער קריטיק פון "סאָוועטיש היימלאַנד". חזרט זי איבער גאַנץ בלײַך בראַנשטיינס טרעפלעכע כאַראַק־טעריסטיק פון קושניראָוון דעם קינסטלער, אָבער דערביי קומט למשל ה. רעמעניק צו גאָר אַן אויסטערלישן, וואָלט איך איידל געזאָגט, אויספּיר איינטערפּעטירנדיק די "הזכרה" שיער ניט ווי אַן אַנטירעליגיעזע פּאָעמע, ווי "אַ געזאַנג, וואָס באַצייכנט אַ שאַרפן קער אין לעבן פון פאָלק, דאָס איז טאַקע אַן אַנטשיידענע געזעגענונג מיטן אַלטן צו וועלכן ס'איז שוין ניט פאַראַן קיין אומקער..." *

טאַקע נאָר הײַנטיקע "יידיש־אָפּשטאַמיקע" ליטעראַטור־פאַרשונג קאָן זיך דערלויבן אויף אַזאַ משונה־ווילדער טראַנספאָרמאַציע פון "צוריקקער אַ היים" אויף "אַנטשיידענע געזעגענונג מיטן אַלטן"...

קושניראָוו אַליין, דער דיכטער פון געצוימטער און אַ מאָל פּשוט פאַרבאַר־גענער יידישער לײַדנשאַפט, האָט זייער גוט געשפּירט, אַז "הזכרה" איז אַ לירישע פּאָעמע, וואָס טראָגט אַ גוואַלדיקן רעזערוו פון נאַציאָנאַלער אנגע־לאַדנקייט, דאָס איז ניט "יעדער פולווער־קאַסטן" אין וועלכן ער האָט זיין "זינדיקן, פאַרשטויסענעם" און "פאַרשייטן קאָפּ געטראָגן אויף צו שליידערן ווי אַ פונק", — דאָס איז ער טאַקע דער אייַנציקער פולווער־קאַסטן איבער וועלכן ער האָט טאַקע און באמת געקאָנט פאַרלירן זיין אומרויקן און ברויזיקן קאָפּ אויף שטענדיק...

* דאָרט. ז. 147.

* "סאָוועטישע היימלאַנד" נומ. 3, 1967. ה. רעמעניק — "אונדזער דיכטונג אין נאָכאָקטיאַבער־פּעריאָד".

קושניראָוו דער ייד האָט שטיל און גליקלעך געוויינט, ווען עמעצער האָט אים בסוד־סודות איבערגעגעבן אַז אין ערגעץ איינעם פון די נייע יידישע קבוצות אין דער ווייטער פּאַלעסטינע האָבן חלוצים זיצנדיק ביים שייטער אויף אויסווייניק פאַרחזרט זיין ״שטאַרב, שטאַרב מיין געשריי, וועסט במילא / אין הימלען ניט ווערן דערהערט...״ /
און

״צעמאָלט מיך, צעמאָלט ווי אַ קערנדל,
מילשטיינער פון אַלע צייטן,
אויב דורך דעם וועט ווערן נאָר
דער מאָרגנשטערן, ווי אַן עפּל צייטיק״.

זיי, די חלוצים, האָבן דאָס אויפגענומען ווי דעם שטאַרקסטן אויסדריק פון זייער אייגענעם געמיט — אַ מין יידישער גילגול פון עכט־רוסישן קרבנותפולן אידעאַליזם.

קושניראָוו, ועמען מען האָט שפּעטער פּראָקלאַמירט ווי אַ זינגער פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע, ווי אַ פאַרגייער פון פּעפערן, קושניראָוו דער קאָמוניסט, וואָס איז ציינטווייס אַפילו געווען אַ ״פירער״, וואָס... האָט זיך געלאָזט פירן, פאַרפירן ביז ער האָט זיך פול שרעק אַרומגעקוקט, אַז דווקא אין דער ״הזכרה״ שטעקט די גרעסטע סכנה ניט נאָר פאַר זיין איבערגעטריבענער פּראָלעטאַרישקייט, נאָר פאַר זיין אייגן לייב־און־לעבן פאַר ״ליבע צו ווייב און צו קינד״ און פאַר ״חברים פון זיין דור״, דער זעלבער קושניראָוו האָט דאָך געלאָזט דרוקן אין מיינסטנס פון זיינע ווייטערדיקע זאַמלונגען די ״הזכרה״, איבערשטעלנדיק דאָ און דאָרט אַן אַנדער אויסדרוק אָדער וואָרט, אַריינשטעלנדיק דאָ און דאָרט אַן אַנדער ליד, אָדער גאָר צעשיטנדיק באַזונדערע לידער איבער אַנדערע ציקלען, כדי צו באַשטעטיקן דעם פּאַטעטישן טעזיס פון ״איצט זענען מיר באַוואָרנט און באַפרייט פון רוישן צווישן האַרבסטיקן געבלעטער״, געווען, הייסט עס, אַ קריזיס, אַ ״ירידה״ אָבער ״איצט זענען מיר באַוואָרנט און באַהיט פון איבערזאָגן שוין געזאָגטע ווערטער״...

ס׳וועט אויף ווייטער און אויף שטענדיק פאַרבלייבן קושניראָווס ״פאַרש־טייפטער פערז״ זיין געצוימטע ליידנשאַפט, ס׳וועט ערגעץ ווו נאָך אַ קלינג טאָן דער ליריש־אומאַנזשיניסטישער מינאָר, ס׳וועט פאַרבלייבן די נאָגנ־דיקע בענקשאַפט פון ״יוגנט פאַרשייטער און דרייסטער וואָס האָט אירע

האָפּנס אויף שיפן פון אומזין פאַרביטן". באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש איז, אין דעם פּרט די ליד "אשר שוואַרצמאַן" (זע די זאַמלונג "מיזרח און מערב" מלוכה־פאַרלאַג עמעס" 1940).

אָבער איצט ווען די אבסטראַקטע סימבאָלן פון רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק: ווינטן, שטורעמס, ברויזיקע טיפן, יאָגנדיקן אומרו, אייביק־זוכנדיקע שיפן, — באַגריפן אַבסטראַקטע און דאַכט זיך גאַנץ אָפּגעריבענע, וואָס קושניראָוו האָט אַ דאַנק דעם גרויסן כישוף פון פּאָעטיש־תמימותדיקער אויפריכטיקייט און פאַרגלויבטקייט, אַ דאַנק דער סקולפּטאַרישקייט פון בילד, און געשליפענעם פערז — אומגעקערט פון באַנאַליטעט צו דער פרישקייט פון ערשט אַרויסגעבראַכטן וואָרט, אָט די סימבאָלן ווען אַלץ בלייכער ווערן זינט דעם ליד "האַרבסט" (1926) אַ ליד אַ וויטיקפולע וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ מין פאַרענטפערונג, אַז "יעדער מענטש פאַר בענקשאַפט האָט אין האַרץ אַ נעסט" און וואָס פאַרמאָגט נאָך אַזעלכע שורות ווי: "אַ, מיין אַלטע היים צוקאָפּנס פרעמדער גאַס, / ווו הימל האָט געטריפט מיט רו. אויף שטויב פון געסלעך / אַלע שאַרפשטיינער פון ליבע און פון האַס / האָבן אויסגעשאַרפט אויף דיר אַ מעסער". /

און צי באַוווסטזיניק, צי געצוווּנגען, נאָר דער דיכטער קאָנסטאַטירט: "ניט צוריק איז בליק מיינער געווענדט איצט / אויף צו זעען טייערס און געגאַרטס / און אויף שטילער שיין פון אַלטע פענצטער / ציט מיך ניט צו וואַרעמען דאָס האַרץ".

אָט ווו רעמעניק וואָלט געווען גערעכט! אָט דאָ האָט דער דיכטער פאַרראַטן זיך אַליין, אָוועק באַרג אַראָפּ נישט נאָר פון דער "הזכרה" נאָר אויך פון זיין "יוגנט פאַרשייטער"...

און פון דאַנען שוין די אמתע ירידה צו סאָצרעאַליסטישע צייטונגסבאַנאַליטעטן פון אַזעלכע לידער ווי "פּרילינג" "נאָך אַ רייזע" "באָלשעוויסטיש וואָרט" "קיראָוו" "רום פון מיין לאַנד" "די שטים פון פאָלק" דער געגראַמטער בריוו־אויסטויש צווישן אים און פעפערן, וואָס וואָלט אויסגעזען צו זיין קאָמיש, ווען ס'וואָלט געווען בלויז אַ שפּיל אַזאַ, אַ קאָמעדיע, ווען די מחברים וואָלטן דאָס ניט געמיינט גאַנץ ערנסט. טויט־ערנסט ווי די שרעקלעכע גרימאַסע פון יענער צייט...

באַזונדערס טראַגיש איז דער פּרווו פון קושניראָוו אָנצושרייבן אַ פּאָעמע אונטער דעם פיינעם נאָמען "גענעראַלע ליניע" דאָס ערשטע קאַפּיטל א. ב. "מיין צווייטער העלד" איז אָפּגעדרוקט געווען אין מאָסקווער ליטעראַרישן

אַלמאַנאַך „סאָוועטיש" (פאַרלאַג „עמעס", 1934 / און פאַרמאָגט שוין עלעמענטן פון דעם „נייעם שעפערישן מעטאָד" פּראָסט־פּשוט — אַ בלייכע קאָפּיע פון פּעפערס „מאָנומענטאַלע" „געוועטן" „פּלאַסטן", „גרויסע גרע־נעצן"...

צייטנוויס געפינט ער נאָך אַ באַהעלטעניש „פון טיפער רו" אין איבער־דיכטונגען פון אינטערנאַציאָנאַלע פאָלקלאָר־מאָטיוון און באַזונדערס — סלאַווישע און בפרט רוסישע, וועלכע זענען אים טיף איינגעבאַקן אין האַרץ — די פּראַקטיקע איבערדיכטונגען פון „געזאַנג וועגן איגאָרס חייל" (מיטלאַלטערלעכער רוסישער פאָלקס־עפּאָס), די איבערדיכטונג פון לאָפּע דע וועגאַס דראַמע „שעפּסן־קוואַל". זיין דראַמאַטישער טאַלאַנט בליצט אויף מיט אַ באַזונדער קראַפט אין דער איבערדיכטונג פון זיין באַליבטן לערמאָנטאָוו, פון יענעמס יוגנטלעכער דראַמע „שפּאַניער", וועלכע גיט אים אַ מעגלעכקייט ווידער אומקערן זיין טיפסטע ליידנשאַפט צום אייגענעם געדריקטן און געשטיקטן פאָלק ישראל.

צווישן דעם טאַראַראַם פון זיין ביראָבידזשאַנער ציקל „ווייטער מזרח", קומט אומגעריכט אַ ליד „די סאָסנע":

> „אויף ווילדן פעלדז, אויף העכסטן שפּיץ / אַ סאָסנע שטייט און רוישט. / מיט גרינעם קאָפּ אין קעלט אין היץ / פאַר זון פאַר ווינט אנטבלויזט. שוין וויפל דונערס דאָ געקנאַלט / און שטורעמס דאָ פאַרביי / און זי מיט יאָרן זאַט און אַלט, / זי שטייט און רוישט דאָ פריי. /
>
> „נאָר פלוצלינג בלייבט זי שווייגן שווער / און אָטעמען ניט וואַגט, / זי קוקט מיט שרעק: ווי קומט אַ הער / אַ מענטש... און מיט אַ האַק?!" („מזרח און מעריב").

אָט די ליד טיילט זיך אויס פון דער אויפגעבלאָזנער „ביראָבידזשאַן־עפּאָפּייע" אין דער יידיש־סאָוועטישער דיכטונג, וווּ ס'ווערט באַזונגען דאָס אויסקאָרטשעווען די ווילדע וועלדער (טייגע). און דאָ... ווי זשע קומט אַהער אַזאַ דורכדרינגלעכער מיטלייד צו דער סאָסנע, וואָס בלייבט אין איינע שרעק: „ווי קומט אַהער אַ מענטש... און מיט אַ האַק?!"

דאָס ליד איז דאַטירט: 1938, ווען ערשט ניט לאַנג האָט די האַק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די סאַמע נאָענטע חברים פון זיין דור — כאַריק, קולבאַק, מאַקס עריק, ליטוואַקאָוו, בראַנשטיין און נאָך און נאָך...

און אפשר איז דאָס אַ רמז אויף די ווייטער קומענדיקע טראַגישע געשעע־נישן, ווער ווייסט ? און...

אין 1939—1940 שרייבט ער אַן זיין דראַמאַטישן פאַלסיפיקאַט "אין אַ וויגנע", ווו ער אידעאַליזירט די שטורמישע רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענ־הייט" פון איינעם אַ... יונגן יוסף דזשוגאַשווילי (סטאַלין) —

אַזאַ מין פאַרשוועכונג פון אייגענער "יוגנט פאַרשייטער און דרייסטער" איז, בין איך זיכער, אַן אָנגעצווונגענע טאַקע אויס מורא פאַר דער בלוטיקער האַק פון זעלבן דזשוגאַשווילי.

מיר ווייסן נאָך פון דוד האָפשטיינס שוין דערמאָנטער הקדמה צו "וועגט", אַז שוין דאַן, ביים סאַמע אָנהייב פון קושניראָווס דראַמאַטישן דערנער־וועג אין דער יידישער דיכטונג אויף רוסישער ערד, האָט ער, דער דיכטער שוין געהאַט הינטער זיינע פּלייצעס אַ שווערע און אַ העלדישע לעבנס־דערפאַרונג: "סיביר, רוסישע קאַזאַרמעס, דער נאָך פראָנטן". פּונקט ווי זיין יוגנט־חבר אשר שוואַרצמאַן האָט ער פריער אַנטייל גענומען אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, דער נאָך זיך אַנגעשלאָסן אין בירגער־קריג טאַקע אויף איין פראָנט מיט שוואַרצמאַנען אין די שלאַכטן קעגן די ווייס־פּאָליאַקן.

ערגעץ ווו, אין באַזונדערע לידער איז די דאָזיקע דערפאַרונג קוים קוים רעאַליזירט געוואָרן, ווייל צו פיל האָט זיך "געאיילט דאָס לעבן", לויט האָפשטיינס אויסדרוק, און קושניראָוו איז גראַד ניט געווען פון יענע פּאָעטן, וואָס האָט צו אַזאַ צייט געקאָנט פאַרדייען אַלץ וואָס דאָס לעבן האָט פאַרקאָכט... אומזיסט איז געווען זיין דעקלאַראַטיווע בראַוואַדע, מיט וועלכן ער הייבט אָן זיין ציקל "רוף" אין דער זאַמלונג "ברויז" (1928).

> ווויל צו די, וואָס קומען צו דער צייט
> ווויל צו די, וואָס האָבן ניט פאַרשפּעטיקט

די יידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור־קריטיק האָט מיט גרויס היתפּלות אויפ־גענומען די דאָזיקע בראַוואַדע אַלס באַווייז ווי סאָוועטיש־פאַרגעשריטן, ווי פּאַרטייאיש, אונדזער קושניראָוו איז געווען, ברענגענדיק אַלס באַווייז די "סאָצרעאַליסטישע" באַנאַליטעטן וועגן וועלכע מיר האָבן שוין דערמאָנט און וועלכע זענען צו אונדזער מזל נישט צו פיל פּראָדוצירט געוואָרן דורך דעם גרויסמייסטער פון דער יידישער דיכטונג.

יאָ, דאָס לעבן האָט זיך געאיילט מיטן "צווייטן געשאַנק — פאַרגעסנ־הייט פון איבערגעלעבטן". קושניראָוו איז גאָר זעלטן "געקומען צו דער

צייט״. ער האָט אָבער אַ פּאָר מאָל איבערגעיאָגט די צייט. באַזונדערס מיט זיין אומשטערבלעכער ״הזכרה״.

און דאָס איז שוין ״גענוג און איבערגענוג!״ און דאָס לעבן האָט ווייטער געיאָגט אין האַלדז־און־אַקן און אָט ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה דער דאַן שוין באַיאָרטער אהרון קושניראָוו וואַרפט זיך פרייוויליק אין די שלאַכטן קעגן נאַציזם, ער גייט אַוועק אויף דער פאָדער־ליניע, אין סאַמע פייער. ער האָט זיך העלדיש געשלאָגן ניט נאָר פאַרן יידישן פאָלק, וועמען די נאַצי־דייטשן האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אויסצומאָרדן. ער האָט אויך געקעמפט פאַר דער רוסישער ערד, וועלכע ער האָט ליב געהאָט בלב ונפש...

✶

ערגעץ אין אַ פראָסטיקן פעברואַר 1942 האָבן אין די בריאַנסקער וועלדער אַרומגעוואָגלט רעשטן פון די אַרומגערינגלטע און צעשמעטערטע דורכן שונא, סאָוועטישע אַרמיי־טיילן. פאַרפרוירענע הונגעריקע, באַוואָקסענע אָנגעטאָן אין צעשליסענע שמאַטעס...

מיינסטנס פון זיי האָבן שוין לאַנג פאַרוואָרפן זייער געווער און געשטרעבט זיך איבערגעבן אין געפאַנגענשאַפט צו די דייטשן.

איינעם אַן עלטערן שוין, אָבער ענערגישן פּאָלקאָווניק צוזאַמען מיט אַ קליינער גרופּע באַוואָפנטע אָפיצירן, האָט זיך איינגעגעבן צונויפזאַמלען אַ גאַנץ היפּשע טייל פון אָט די דעמאָראַליזירטע און איבערגעלאָזטע אויף הפקר סאָוועטישע סאָלדאַטן. אויסגעשטעלט זיי אין אַ שערענגע האָט דער אַלטער פּאָלקאָווניק באַפוילן:

— זאָלן אַרויסטרעטן פון דער ריי די, וואָס ווילן מיט שלאַכטן זיך דורכברעכן צו אונדזער אַרמיי.

קיינער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט.

— פּאַרטיי־מיטגלידער און קאָמסאָמאָלצעס — איין טראָט פאָרויס!

קיינער האָט זיך פון אָרט נישט גערירט.

מיט צאָרנדיקער לײדנשאַפט האָט שוין דער פּאָלקאָווניק ניט באַפוילן אויף די הויכע טענער, נאָר איינגעהאַלטן, כמעט שעפּטשענדיק אַ פרעג געטאָן: — צי דען איז צווישן אייך נישט פאַראַן קיין איין עכטער רוס, וואָס איז גרייט זיך מקריב זיין פאַר רוסלאַנד?...

און דאַן איז אַרויסגעטראָטן דער ערשטער — אַ גרוילעכער, אַ נידעריקער מאַן און קענטיק, לויט די כוחות, ניט קיין גרויסער גיבור. דאָס איז געווען דער יידישער דיכטער אהרון קושניראָוו...

איינע פון זיינע שלאַכט־אויסצייכענונגען האָט דער דיכטער באַקומען, ווייל ער איז געווען צווישן די ווייניקע, וואָס האָבן זיך צוזאַמען מיט יענעם פּאַלקאָווניק דורכגעבראָכן צו די פאָדער־ליניעס פון דער סאָוועטישער אַרמיי. דער קאַפּיטאַן קושניראָוו האָט דערביי באַוויזן אַרויסצוטראָגן פון דער פיינטלעכער אַרומרינגלונג אַן איבערפולטן פּלאַנשעט מיט וויכטיקע אָפּעראַטיווע שטאַבס־דאָקומענטן.

וועגן דעם האָבן געוווּסט זייער פיל יידישע און רוסישע שרייבער. וועגן דעם האָט אָבער קיינער קיין מאָל ניט גערעדט און ניט געשריבן. מען האָט זיך בלויז געשעפּטשעט אין די ווינקעלעך, ווייל ס׳איז דאָך געווען אַ געפאַר צו זאָגן אַז אַ ייד האָט געקאָנט זיין מער פּאַטריאָט פון פיל רוסן...

✶

צווישן די לעצטע לידער קושניראָווס לוינט זיך פאַרצייכענען זיין זאַמלונג ״פּאָטער־קאָמאַנדיר״ (אָגיז, מלוכה־פאַרלאַג ״דער עמעס״ 1948). מלחמה־לידער, געלייטערטע אין טיפסטן צער, געשריבן אין אַ שטילן דורכזיכטיקן מינאָר — ״פּאָטער־קאָמאַנדיר״, ״סאָלדאַטישע פּיס״ ״קיינעמס ערד״, ״אומ־הימלעכע מלחמה״, וועגן דעם געפאַלענעם זון ״יוניק״ ״ליבע צו ווייב און צו קינד״ ״די מוטער רחל״ — לידער, וואָס לאָזן זיך אַזוי גרינג נישט פאַרגעסן.

און דאָס לעבן האָט ווייטער געיאָגט. 1949. איצט איז אהרון קושניראָוו שוין לאַנג נישט קיין רעדאַקטאָר פון אַלמאַנאַך ״היימלאַנד״: דער 8טער נומער איז ליקווידירט געוואָרן צוריק מיט אַ יאָר, צוזאַמען מיטן פאַרלאַג ״עמעס״. דער מוטיקער גוואַרדיע־קאַפּיטאַן אהרון קושניראָוו שלעפּט זיך אום ווי אַ שאָטן — אַן אַלטער צעבראָכענער ייד. אַלע חברים פון זיין דור האָט מען שוין לאַנג צוגענומען — וועמען אויף קנעכטשאַפט און וועמען אויף אומקום... אַפילו פיל יינגערע פון אים האָט מען שוין אַרעסטירט.

אין אַ קילן רעגנדיקן טאָג האָב איך אים צופעליק באַגעגנט ניט ווייט פון שרייבער־הויז אויף וואָראָווסקי־גאַס, געהויקערט, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָלנער, אַ שוץ פאַר רעגן און ווינט.

— האָ ? — האָט ער פֿאַרווונדערט אויפֿגעהויבן אויף מיר זײַנע אויגן און אַ צעפּײַניקטן שמייכל געטאָן:

— גוט וואָס מע טרעפֿט נאָך אַ היימיש פּנים... און כּמעט מיט אַ מין אײַנגעהאַלטענער כּליפּערײַ:

— אָבער פֿאַר וואָס קומען זיי ניט נאָך מיר, קערלער? כ׳בין דען ערגער פֿון אַלע מײַנע פֿרײַנט? בין איך דען אַזאַ אויסוווּרף?...

אַזוי אָנערעך האָט ער צו מיר גערעדט און איך געדענק שוין ניט, צי האָב איך אים געהאַט וואָס צו ענטפֿערן.

מער האָב איך אים שוין בײַם לעבן ניט געזען. דערצײלט האָט מען מיר שפּעטער, אַז דעם טאָג ווען מען האָט אים אַרויסגערופֿן אויף אַ פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונג, ווו מען האָט באַדאַרפֿט באַהאַנדלען די פֿראַגע וועגן די ״שונאים פֿון פֿאָלק״ צווישן די ייִדישע שרײַבער, האָט ער בעת עסן פֿריש־טיק צעבראָכן די צײַן־פּראָטעזע און ווען זײַן פֿרוי ליובע האָט זיך שטאַרק געערגערט, האָט ער מיט פֿאַרלײַכטערונג זי געטרייסט: נאַרעלע, דאַנקען גאָט — נישטאָ מיט וואָס צו ריידן...

און ווען אויף דער פֿאַרזאַמלונג האָט מען אים אַרויסגערופֿן צום פּרעזי־דיום־טיש: זאָל ער טאַקע זאָגן, ער, דער ״קאָמוניסט״, ער, דער ייִדישער שרײַבער, ער דער ייִד, וואָס איז אַזוינס געשען מיט די שרײַבער פֿון זײַן נאַציע, זיי זענען דאָך אַלע זײַנע נאָענטע חברים געווען...

איז ער קושניראָוו אַרויס אַ בלייכער, האַלטנדיק אין איין האַנט דעם צעבראָכענעם פּראָטעז און מיט דער צווייטער אָנווייזנדיק אויפֿן אָנצײַניקן מויל: — נישטאָ מיט וואָס צו ריידן...

אין זאַל איז אויסגעבראָכן אַ ווילד געלעכטער. דער דיכטער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך אָנגעכאַפּט בײַם האַרץ...

געשטאָרבן איז ער, דאַכט זיך, דעם זעלבן חודש. געשטאָרבן דערפֿאַר, ווײַל מען האָט אים צו דער צײַט ניט גענומען אין אַרעסט, גלײַך מיט אַלע גרויסע ייִדישע דיכטער אויף דער ליבער און פֿאַרשאָלטענער רוסישער ערד.

★

זעליק אַקסעלראָד

געבוירן אין יאָר 1904, צעשאָסן דורך די סאָוועטישע טורמע־וועכ־טער אין יאָר 1941, בעת דער מלחמה־עוואַקואַציע פון מינסק.

אהרון קושניראָוו

געבוירן אין יאָר 1890, געשטאָרבן פון אַ האַרץ־אַטאַק אין יאָר 1949. נאָכן טויט איז די משפחה פאַר־שיקט געוואָרן קיין סיביר.

נאָך אַלעמען...

ביים דענקמאָל פון מיכאָעלס

דיין שטאָלצער אָפּגעהאַקטער קאָפּ,
מיר דאַכט זיך, פּלוצעם גראָ ווערט,
ער הייבט די ברעם די בראָנדזענע
פאַרחידושט:
— געקומען זייט איר היינט
מיר אָפּצוגעבן כבוד
און לאָזט ניט צו צו מיר
מיין מאַמע-לשון יידיש?

דאָ זענען פריינד,
סיי אייגענע, סיי פרעמדע
און אפשר אומפריינד
זענען אויך געקומען...
צי שטייט כאָטש הינטער זיי
פאַרשעמט און שטיל —
מיין לשון,
ווי אַן אָרעמינקע מומע?

די שפּראַך פון מענדעלען,
די שפּראַך שלום-עליכמס
און אויך די נייע קרוין
פון מיין שעקספּירן.
אַהער, מיין טרייער לץ,
באַהיט מיך מיט דיין שמייכל —
מיין וואָרט, מיין קרוין,
צוזאַמען מיט דער וועלט
אויף ס'ניי פאַרליר איך!
צי אפשר וויל גאָר אויסמיידן
אַליין דאָס וואָרט
די דאָזיקע, מישטיינס געזאָגט,
מקומות,

ווייל ס'וואַרנט,
ווי אַ שוואַרצער פינגער אים,
פון אָט דעם אָרט, —
דער לאַנגער קרעמאַטאָריע-קוימען ?

נאָר ניין !
די קלאָרע וואָר איז —
פון שרעק אַזעלכע איז מיין וואָרט
באַוואָרנט :
דורך פיין און בלוט,
דורך היטלערס קרעמאַטאָריעס —
קיין זילב קיין איינציקן
האָט יידיש ניט פאַרלאָרן !

טאָ וווּ זשע, פרעג איך,
איז מיין שפּראַך,
מיין האַרץ, מיין אָטעם
און מיין דאַך
איבער דעם קאָפּ
דעם בראָנדזענעם,
דעם אָפּגעהאַקטן ?

14טער נאָוועמבער, 1959.

געלייענט ביים אַנטהילן דעם דענקמאָל פון ש. מיכאָעלס.

מיט צען יאָר שפּעטער

כ׳וועל מיט יאָרן אָפּטער אַ באַגלייטער
פון לוויות. כ׳בין אָפּטער שוין אַ טרויעריקער גאַסט
ביי קברים טייערע. אויך אונטערוועגנס, היינט,
באַזוכט האָב איך דיין דענקמאָל, מורה-דרך מיינער.
דיין אָפּגעהאַקטער קאָפּ
ז׳געווען פאַרשנייט...
און כ׳שווער, אַז ניט געשפּירט האָב איך
דעם פלאַקערדיקן פראָסט, ווייל אויג-אויף-אויג
מיט דיר אַליין פאַרבליבן כ׳בין
אין אָט דער גרויסער האַרבער וועלט
און דאָך —
היינט האָב איך ווייניקער זיך איינגעהערט
אין דיינע קלוגע פּסוקים,
פאַרהערט האָב איך דיין פאָטערלעכן מוסר,
ב׳האָב היינט ניט אויסגערעדט מיין ביטער האַרץ,
ניט אויסגעטענהט האָב איך זיך,
ווי כ׳טו געוויינטלעך...

כ׳האָב מיט דער דלאָניע אָפּגעשאַרט דעם שניי,
באַפרייט פון אייז דעם טאָוול און דעם שטיין
צופוסנס דער מצבה, אויסגעגלייכט דאָס שטעגעלע
צו איר, פאַרריכט די קברים-בלומען קינסטלעכע
און פרישע כוואָיע-צווייגלעך אויסגעשפּרייט
ביים דענקמאָל...

נאָר פלוצעם האָט מיט חוזק זיך
אַ הייב געטאָן דיין ברעם
און ס׳האָט אַ ברי געטאָן דיין לעבעדיקער בליק:
״אַזוי, אַזוי, דו ביסט צופרידן, יוספּקע —
כאָטש קיינער זעט עס ניט און דאָך —
ווי טיכטיק ביסטו
און ווי טריי מיין אָנדענק...

ווי הערלעך!
דערפאַר טאַקע ביסטו צו מיר געקומען,
כדי אַ בליק טאָן פון דער זייט אויף זיך אַליין?״

און לאַנג נאָך האָט געקלונגען דיין געלעכטער,
ווען כ׳בין פאַרשעמט אַוועק פון דיר...
נאָר ערגעץ האָט אַ פונקל פון פרייד געטליעט:
ס׳לעבט אין מיר דיין חוזק!

.1969

14טער נאָוועמבער, 1959.

11 יאָר נאָכן מאָרד פון שלמה מיכאָעלסן האָט מען ענדלעך דערלויבט אויפצושטעלן אַ דענקמאָל אויף זיין קבר. אויפן בילד — אַ גרופּע געוועזענע אַקטיאָרן פון ״גאָסעט״. פון לינקס: **עטל קאָווענסקע, מאַרק שעכטער** ע״ה, **חנה שמאַיאָנעק, יוסף קערלער** און אנד. נאָך דער אָפיציעלער צערעמאָניע ביים אַנטהילן דעם דענקמאָל, ווו ס׳איז **פאַרווערט געוואָרן זאָגן אַ הספּד־וואָרט אויף יידיש,** האָט דער מחבר דורכגעלייענט זיין ליד ״ביים דענקמאָל פון שלמה מיכאָעלס״.

עדאַ זוסקינאַ טאַנצט

שווייגן דאַרפסטו,
שטומען מוזסטו, עדאַ,
זאָלן דיינע בייגעוודיקע
שלאַנקע אברים רעדן.
טאַנץ, עדאַ, טאַנץ,
טאַנץ אויס דאָס ביטער האַרץ —
מן-הסתם דאָרט ליגט ער שוין פאַרשוואַרצט
אין דער קאַלטער קרקע פונעם שיינעם מויער
און ס'חלומען זיך אים אַפילו ניט
דיינע זינגעוודיקע,
אייביק יונגע גלידער,
פאַרבראָכענע אין ווייגעשריי פון טרויער...

אַוועק איז ער, אַוועק,
דער קלוגער טרייער לץ
דעם אָפּגעגנאַרטן קעניג
אין דער אייביקייט באַגלייטן...

אַצינד באַדאַרפסטו, עדאַ,
טאַנצן נאָך אַנאַנד,
אויב ניט — פאַרגליווערט ווערן מיר
פון ווייטיק.

ניין, ניט קיין פּראָסטע "פּאַ"
נאָר מעסערדיקע בליצן
שפּאַלטן איצט די פינצטערניש,
די לעצטע אינקוויזיציע!
ס'ברומט דער קאָנטראַבאַס פאַרצאָרנט,
ס'וויינט דאָס פידעלע פון ווייטנס —
ס'ווערן ווי אויף ס'ניי געבאָרן
די ניגונים פון פאַרצייטנס...

ווּ האָב איך געהערט דאָס שפּילן ?
ווען האָט מיך דיין טאַנץ געפּיבערט ? —
אויף די שייטערס פון קאַסטיליע,
אין די קאַלכאויוונס און גריבער
פון מיידאַנעק און טרעבלינקע ?
שטיל.
ס'האָט פּולווער זיך פּאַרטייעט
הינטער קלעזמערשע סורדינקעס
און דיין טאַנץ, —
ווי פלאַמען פייער אויף אַ שטורעמווינט,
ווערט פלינקער.

„ס'האָבן זיך די שיך צעריסן,
טאַנץ זשע, טאַנץ זשע אין די זאָקן"...
ערגעץ גרילצן טורמע-שליסל
הילכיק איבער שטומע בלאָקן...

ס'פּלאַצן שוין די זאָקן דינע
און צעפּליקט איז די הלבשה —
פּלוצעם — פּאַלסטו, און די בינע
ווערט מיט פינצטערניש פּאַרגאָסן...
ס'האָבן מידע זיך צעשאָטן
דיינע קלינגענדיקע לאָקן,
העכער-האַלב אין שווערן שאָטן
ליגסטו.
אַלע אברים קלאָגן.

— שוועסטער, שוועסטער,
ביסט געבראָכן,
הילפלאָז ווי אַ גרויער וואָרעם...
— שווייג! דער יידישער בטחון
שפּאַרט אַפילו פון די קברים!
לאַנגזאַם הייבסטו זיך — און ווידער

טוט די ליכטיקייט זיך שפּרייטן —
פון די אָפּגעפּרישטע גלידער
פאַלן גלותדיקע קייטן
שוועבסט אַצינד
אַלץ העכער,
העכער
אויף ניגונימדיקע כוואַליעס,
גלייך דו טראָגסט אַ פולן בעכער
אַז קיין טראָפּן זאָל ניט פאַלן,
זאָל ניט פעלן! העכער, העכער
אונדזער כוס דעם בלוטיק שווערן...
נאָט אייך, יושרדיקע שטערן!...

און אויף ס׳ניי זאָל זיין „אַ פריילעכס״ —
הערט מיך אויס, וואָס איך דערציייל אייך,
הערט, וואָס אַלע גלידער שרייען:
קינד און רינד און ווינט און פייער!...

טאַנצסט און שפּירסט ניט, ווי סע ברענען
אונטער דיר די בינעברעטער,
ווי אַ שלאַנג דאָס פייער, שוועסטער,
נאָך די שפּורן דיינע קלעטערט...
ס׳קראַכט דאָס יידישע טעאַטער
אינעם קרייז פון שייטער-הויפנס
און וווּהין דו זאָלסט ניט לויפן —
שטעכיק דראָט און קראַטן, קראַטן.

טאַנץ, עדאַ, טאַנץ,
דער פאַרהאַנג פאַלט נאָך ניט,
די שפּיל איז ניט פאַרענדיקט,
אפשר קומען וועט די שטראָפנדיקע האַנט
אויף אויסצומעקן סדום — אויף שטענדיק...
טאַנץ!

וועגן צוויי ייִדישע אַקטריסעס

אין 1949טן יאָר האָב איך אָנגעשריבן דאָס ליד "עדאַ זוסקינאַ טאַנצט". דאָס געשריפטס שפּעטער פֿאַרניכטעט און פֿאַרקריצט די שורות אין זכרון, דורכגעטראָגן זיי דורך אַלע טורמע־און לאַגער־יאָרן . . .

עדאַ זוסקינאַ איז באַקאַנט געווען אין דער ייִדישער טעאַטער־וועלט אונטערן נאָמען עדאַ בערקאָווסקאַ — איינע פֿון די פֿירנדיקע אַקטריסעס אין מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער.

די לעצטע פּאָר יאָר, זינט זי איז צוזאַמען מיט איר טעכטערל אַללאַ זוסקינאַ "באַפֿרייט" געוואָרן, צוריקגעקומען פֿון פֿאַרשיקונג, און איינע פֿון די ערשטע זיך דערוווּסט וועגן שרעקלעכן מאָרד פֿון איר מאַן — דעם גרויסן ייִדישן פֿאָלקס־אַרטיסט בנימין זוסקין ז"ל *, איז עדאַ אומגעגאַנגען אַ שטערבלעך־קראַנקע. זי האָט געוווּסט, אַז ס'איז איר נישט לאַנג געבליבן צו לעבן און דאָך האָט זי קיינער קיין מאָל נישט געזען אין קיין דעפּרעסיוון צושטאַנד. פֿאַרקערט — דווקא אפֿילו אין די לעצטע וואָכן אירע, פֿלעגט זי ווי שטענדיק אויפֿנעמען מיט אַ פֿריינדלעכן שמייכל אירע געסט, באַזוכן טעאַטער־פֿאַרשטעלונגען, קאָנצערטן און אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער אינטערעס צו די לעבן־געבליבענע ייִדישע קינסטלער, אַרטיסטן, דיכטער . . .

זי איז געשטאָרבן אין 1957טן יאָר, אַ פֿרוי אין די פֿריע מיטל־יאָרן.

מיר האָט זיך איינגעגעבן אַרויספֿירן אויף דער פֿריי מיין הספּד־וואָרט פֿאַר דער קרעמאַציע פֿון עדאַ זוסקינאַ־בערקאָווסקאַ.

* פּרטים זע אין "ירושלימער אַלמאַנאַך"־9, 1977. ז"ז 192–194 "דאָקומענטן, קאָמענטאַרן" . . . ווי אויך "מיין פֿאָטער דער ייִדישער אַקטיאָר זוסקין" פֿון אַ. פּערלמאַן־זוסקין ז"ז 182–191.

1. אַ וואָרט וועגן עדאַ בערקאָווסקאַ

אַוועק איז פון אונדז עדאַ בערקאָווסקאַ. אָט אַזוי ווי זי האָט אָפּגעלעבט איר קורץ און טראַגיש לעבן, — אָט אַזוי איז זי אויסגעגאַנגען — שטיל און שטאָלץ.

יאָ, אָט אַזאַ איז זי געווען אין לעבן, אָט אַזאַ איז זי פאַרבליבן אין די שרעקלעכסטע טעג פון איר גורל:

פאַרלאָרן די בינע־ברעטער אונטער די שלאַנקע פיס — שטיל. שטאָלץ.

אַן שום שולד פאַרלאָרן אויף אַ צייט, די פרייהייט און עלע־מענטאַרע מענטשן־רעכט — שטיל. שטאָלץ.

פאַרלאָרן דעם ליבסטן און טרייסטן לעבנס־פריינט — אונדזער גרויסן פאָלקס־אַרטיסט בנימין זוסקין — ווידער שטיל און שטאָלץ.

די, וועלכע האָבן געהאַט דאָס גליק נעענטער צו זיין באַקאַנט מיט בער־קאָווסקאַ, די אַלע וויסן זייער גוט, אַז אונטער איר אויסערלעכער געצוימט־קייט, פלעגט זיך שעמעוודיק אויסבאַהאַלטן אַ שיינע, אַ פּילבאַרע, אַ וווּנ־דערלעך־גוטע נשמה. ניט יעדערער האָט געהאַט די זכיה דאָס צו וויסן...

מיר ווילן ניט, מיר ועלן ניט, מיר זענען נישט בכוח פאַרגעסן אירע גוטע גרויע אויגן, דאָס פיין־געשניצטע פּנים אין קרייז פון די באַגילדעטע לאָקן, אירע גרינגע, זינגעוודיקע טריט.

מיר איז שטענדיק געווען צום האַרצן, ווען זי פלעגט מיט איר עטוואָס הייזעריקלעכער שטים אַרויסברענגען דאָס יידישער וואָרט — צערטלעך און יום־טובדיק פלעגט עס קלינגען. אָבער נישט אין דעם איז געווען די קראַפט פון בערקאָווסקאַ, דער אַקטריסע פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער.

איר טאַלאַנט האָט זיך דער עיקר אַנטפּלעקט אין דער פּאָזע און אין טאַנץ.

קיינער האָט נישט געקאָנט אַזוי אויסדריקלעך און פילדייטיק שווייגן אויף דער בינע!

מיר געדענקען, ווי זי האָט, כמעט צוויי אַקטן, שווייגנדיק אָפּגעשפּילט די הויפּט־ראָל אין בראַדערזאָנס "ערב יום־טוב".

וואָס האָט זיך נאָך פאַרגעדענקט אַזוי בוילעט אין יענעם ספּעקטאַקל, חוץ דער איינזאַמער געשטאַלט פון דער לעבן־געבליבענער געטאָ־פרוי?

דאָס דאָזיקע געשטאַלט האָט זיך פאַרקריצט אין זכרון, אַריינגעגאַנגען אין אונדזער האַרץ, ווי עדאָס גורל אַליין — שטיל און שטאָלץ.

אַ גאַנצע גאַלעריע פון דורך איר געשאַפענע געשטאַלטן, שוועבן אַצינד פאַר מיינע אויגן — פון דער לירישער און אויפריכטיקער קאָרדעליא פון "קעניג ליר", ביז דער טיראַניש־ליבנדער אַריסטאָקראַטין אַביגאַיל פון "שולמית". אָבער גאָר אומפאַרגעסלעך איז עדאַ פאַרבליבן אין טאַנץ, ווייל דער עיקר איז זי דאָך געווען אַ טענצערין — אַ דראַמאַטישע טענצערין. גראַציעזע און שטאָלץ, אָבער שוין גאָר נישט שטיל זענען געווען אירע טענץ; יעדער פּלאַסטישער זשעסט, יעדער "פּאַ", יעדער ריטמישע פיגור און מוזיקאַל־דראַמאַטישע באַוועגונג פלעגן רעגן און מיטרייסן דעם צושויער מיט זייער פּראָטעסטירנדיק און בונטאַריש וויי־געשריי...

דאָס איז געווען דאָס וויי־געשריי פון פאָלק אַליין. אַזאַ האָבן מיר פאַר־געדענקט דעם טאַנץ פון דער צניותדיקער יידישער טאָכטער פאַר די צע־יושעטע באַנדיטן אין דער באַרימטער קידוש־השם סצענע פון פרץ מאַרקישעס "מאַלצייט". אַזאַ האָבן מיר זי פאַרגעדענקט אין פיל אַנדערע טענץ...

אָפּגעטאַנצט. אָפּגעשפּילט. פרי געפאַלן.

מיר האָבן דיך פאַרלאָרן, ליבע און האַרציק־נאָענטע עדאַ. מיר וועלן איבערטראָגן אונדזער שווערן פאַרלוסט, פונקט ווי דו אַליין וואָלסט עס געטאָן — שטיל און שטאָלץ.

שטיל און שטאָלץ וועלן מיר פאָרזעצן אונדזער גאַנג, טריי צו אונדזער גרויסן באַרוף! מיט וואָרט און בילד, מיט שפּיל און פאַרב, מיט געזאַנג און טאַנץ דינען אונדזער פאָלק און היימלאַנד.

שטיל און שטאָלץ וועסטו אייביק פאַרבלייבן אין אונדזער זכרון, אין אונדזער האַרץ.

— — — — — — — —

2. וועגן ליאַליע ראָם ז״ל

מיר דוכט, אַז געשען איז דאָס אין יאָר 1958, און אפשר בין איך זיך טועה אויף אַ יאָר פריער, צי שפּעטער...

אין יענעם יאָר, ווי איך געדענק, האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוויסע, צוערשט גאָר פאַרזיכטיקע אַקטיוויטעט צווישן די געוועזענע יידישע אַקטיאָרן פון דעם לאַנג שוין ליקווידירטן מאָסקווער מלוכה־טעאַטער.

די מערהייט פון זיי איז געווען פאַרנומען ביי פאַרשיידענע נישטיקע אַרבעטן, וואָס האָבן קיין שום שייכות נישט געהאַט צו זייער לעבנספאַך, אַנדערע זענען געווען מער אָדער ווייניקער בעסער איינגעאָרדנט ביי פאַרשיידענע בייע קוואַליפי־קאַציעס — דאָס זענען געווען די, פון יינגערן דור. נאָר דווקא, זיי די יינגערע, האָבן, נאָך אַ שווערן אַרבעטס־טאָג, זיך אָנגעהויבן צו קלייבן האַלב־געהיים, געטרוימט, געבוויט פּלענער וועגן אויפשטעלן אַ יידיש טעאַטער און... ביסלעכ־ווייז אָנגעהויבן רעפּעטירן שלום־עליכמס איינאַקטערס ״מזל־טוב״ און ״מענ־טשן״... אפשר וועט קומען אַ געלעגנהייט — מע וועט דערלויבן ערגעץ אַרויס־טרעטן...

ס׳איז געקומען אַ צייט, ווען אויך די עלטערע, די וואָס האָבן געהאַט אַ נאָמען, אַ טיטל פון ״פאַרדינסטפולן אַרטיסט״, רעגירונגס־אויסצייכענונגען, אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אויסגעהיט פאַרבינדונגען מיט אָנגעזעענע רוסישע טעאַטער־טוער, — האָבן אָרגאַניזירט אַן איניציאַטיוו־גרופּע צוליב זיך דערשלאָגן עפּעס ממשותדיקס אין די ״הויכע פענצטער״... אין יענער גרופּע האָט זיך אויך איינגעשלאָסן די פאַר־דינסטפולע אַקטריסע פון דער רוסלענדישער סאָוועטן־רעפּובליק — **ליאַליע ראָם.** די באַיאָרטע שוין יידישע אַקטריסע האָט ממש אויפגעלעבט, זי האָט ווי אָראָפּגע־וואָרפן פון זיך נישט נאָר די יאָרן און די שווערע האַרץ־ווייטיקן, זי האָט ווי אַראָפּגעשליידערט פון זיך אַלע יענע שוידערלעכע איבערלעבענישן פון די פאַר־שאָלטענע סטאַלין־צייטן: בלוט־בלבולים, באַליידיקונגען, חשדים און שרעק...

ס׳האָט זיך אַזוי געוואָלט גלייבן, אַז יענער קאָשמאַר איז פאַרביי: פיל פון די לעבן־געבליבענע יידישע שרייבער בראָש מיטן ליבן האַלקינען, האָבן זיך אומגע־קערט פון די לאַגערן, שרייבער, קינסטלער, אַקטיאָרן. צווישן די רעהאַביליטירטע זענען אויך געווען די געהרגעטע מיכאָעלס און זוסקין — אירע סאַמע טייערסטע און ליבסטע לערער און קאָלעגן... מע האָט גערעדט וועגן אַ ווידעראויפלעבונג פון יידיש: אַ צייטונג, אַ זשורנאַל... פאַר וואָס זאָל מען טאַקע זיך נישט דערשלאָגן אויך אַ יידיש טעאַטער? — באַזונדערע גרופּקעלעך יידישע זינגער און

אַקטיאָרן זענען דאָך שוין אַ פּאָר יאָר אַרומגעפּאָרן מיט זייערע קאָנצערט־פּראָגראַ־מען... דער קולטור־מיניסטער, די פורצעוואַ, איז טאַקע קאַטעגאָריש קעגן, אָבער ערגעץ אַנדערש, אין צ.ק. למשל זאָגט מען, האָט מען דאָך זייער וואַרעם און איידל אויפגענומען און אַפילו באַגיטיקט און צוגעזאָגט עפּעס צו טאָן...

אַלץ איז „געגאַנגען גוט", ביז... די „איניציאַטיוו־גרופּע" האָט פון איינעם אַ טאָג אָנגעהויבן ביסלעכווייס זיך צעפאַלן... איינס נאָכן אַנדערן האָבן די „פּאַר־דינסטפולע" אָנגעוואָרן פּלוצעם דעם חשק צו כלאָפּאָטשען וועגן עפענען דעם יידישן טעאַטער.

ליאַליע ראָם איז אומגעלאָפן אַ צעטומלטע פון איינעם צום אַנדערן. אָבער איינער איז אָפּגעקומען מיט אַ תרוץ, אַז ער איז קראַנק אָדער שטאַרק באַשעפטיקט מיט וויכטיקערע זאַכן, אַנדערע האָבן אָפּגערעדט, געזאָגט — סע לוינט זיך ניט. מען וועט אַלציינס נישט דערלויבן...

— פאַר וואָס?... וואָס טוט זיך דאָ, רבונו של עולם? — האָט ליאַליע נישט פאַרשטאַנען. זי איז איצט אַליין שוין געגאַנגען — אָפּגעקלאַפּט די שוועלן ביי פאַרשיידענע מלוכה־אינסטאַנצן... ביז... איין מאָל האָט מען זי שטרענג און געהיים אַרויסגערופן אין איינעם אַ זייער שטרענגן און זייער געהיימען אַנש־טאַלט... מען האָט זי אָפּגעהאַלטן אַ פּאָר שעה. אויסגעפרעגט ווער זענען עס צוזאַמען מיט איר די אָנטיילנעמער פון דער אונטערערדישער אַנטי־סאָוועטיש־נאַציאָנאַליסטישער אָרגאַניזאַציע, וואָס רופט זיך „איניציאַטיוו־קאָמיטעט"? זאָל זי דערציילן גענויער וועגן זייער פאַרברעכערישער טעטיקייט...

ליאַליע איז געבליבן צוערשט געפּלעפט. דער נאָך אַ ביסל געקומען צו זיך גענומען זיך אין די הענט און רויק געענטפערט:

— אויב דאָס איז אַ שפּאַס, מיינע הערן, איז דאָס נישט גאָר קיין פריילעכער שפּאַס. סע שמעקט מיט די פאַשיסטישע פּראָוואָקאַציעס פון די צייטן פון סטאַלינען און בעריא... איר האָט פאַרשפּעטיקט דעם זייגער... און כ'וועל ניט ענטפערן אויף אַזעלכע אומגעלומפּערטע פראַגן...

יענע, די „געהיימע", האָבן איר געענטפערט גאַנץ איידל, אַז זיי ווייסן בעסער דעם דופק פון דער צייט און אויב זי זאָגט זיך אָפּ צו ענטפערן אויף די פראַגן — איז דאָס איר זאַך. קיינער צווינגט אַצינד ניט. זאָל זי נאָר אונטערשרייבן אַ פּאַפּירל, אַז אַלץ וועגן וואָס מען האָט דאָ געשמועסט, וועט זי קיינמאָל קיינעם נישט אַרויספּלאַפּלען...

און ווען אויך אין דעם האָט זיי ליאַליע קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, האָט איינער, דער ייִנגסטער צווישן די דריי, אַ פאַרקרימטער פון שנאה אויסגערופן:

— איר קאַנט נאָך האָבן דעם זעלבן סוף, וואָס אייער פּאַרטנער דער שפּיאָן מיכאַ־עלס האָט געהאַט !

דער עלטערער צווישן זיי האָט אים בייז אַ צי געטאָן פאַרן אַרבל : אידיאָט ! און צו ליאַליען מיט זייער אַ העפלעך שמייכעלע :

— איר זייט פריי, בירגערין ראָם...

— — — — —

ליאַליע האָט עס שפּעטער מיר איבערגעגעבן, באַטאַנענדיק, אַז אויך מיר האָט מען זיך נאָכגעפרעגט, כאָטש, איין גאָט ווייס דעם אמת, אַז צו דער "איניציאַ־טיוו־גרופּע" האָב איך קיין שום שייכות נישט געהאַט...

✶

ליאַליע ראָם האָט זיך איין מאָל פאַרהאַלטן שפּעט אין דער נאַכט ביי אירע פריינד, — אַ משפּחה פון אַ יידישן קאָמפּאָזיטאָר. אַ היים גיין איז געווען נישט ווייט, דאָס געסל איז געווען גאַנץ טונקל באַלויכטן און פוסט. זי האָט זיך גע־איילט. פּלוצעם האָט זי דערהערט ווייטע טריט הינטער די פּלייצעס, זי האָט דאָן פאַרשנעלערט איר טראָט, אַרומקוקנדיק זיך אהינטער : צוויי פאַרשוינען האָבן אויך פאַרשנעלערט זייער גאַנג, זי האָט אָנגעהויבן לויפן, יענע — נאָך איר, אָבער דאָס הויז אירס איז שוין געווען נישט ווייט. זי איז האַסטיק אַרויף אויפן דריטן שטאָק צו איר קוואַרטיר, באַוויזן אַ קלינג טאָן אין גלעקל און... געפאַלן ביי דער סאַמע שוועל...

אויך ביי איר לוויה איז מיר אויסגעקומען צו זאָגן אַ הספּד־וואָרט, וועלכן איך, געפין פאַר נייטיק צו פאַרצייכענען דאָ, אויפן קומענדיקן זייטל פון אָט דעם בוך...

— — — — — —

— — — — — —

ס'פּאַסט נישט, אַז ביי דער קבורה פון אונדזער גרויסער פאָלקס־אַקטריסע זאָל שטייען דאָס יידישע לשון ערגעץ פאַר־רוקט ווי אַן אָרעמינקע מומע.

איך וועל איר אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד — אויף יידיש.

...אַ פריער פרילינג איז האיאָר. נאָר קיין קנאָספּן האָבן זיך נאָך אויף די צווייגן נישט באַוויזן און אוודאי האָבן נאָך קיין קנאָספּן ניט גע־פּלאַצט... זי האָט זיך נישט דערוואַרט ביז די קנאָספּן וועלן פּלאַצן — דאָס האַרץ האָט גע־פּלאַצט.

און זי האָט יאָרן־לאַנג גע־חלומט וועגן פרילינג...

ביי לייטן לעבט מען און ביי לייטן לעבט מען זיך אויס די יאָרן...



ניט לאַנג בין איך בייגעווען אויף אַ פּאַניכידע פון איינער אַ גרויסער רוסישער אַקטריסע *. איר טויט איז געווען, וואָלט איך געזאָגט, נאַטירלעך און געזעצמעסיק — זי האָט געשענקט דער קונסט אַלץ, וואָס זי האָט פאַרמאָגט און זי האָט גענומען ביי דער קונסט אַלץ, וואָס איר איז געקומען.

נישט אַזוי איז באַשערט געווען צו שטאַרבן אונדזער ליאַליע ראָם...

אין סאָמע בלי פון איר גרויסן טאַלאַנט איז פון איר אָפּגעשניטן געוואָרן די יידישע בינע. און ווי באַוווסט טוען אימפּוטירטע גלידער מורהדיק ווייַ דאָס גאַנצע לעבן.

דאָס וואָס אונדזער ליאַליע האָט באַוויזן אויף דער בינע פון מאָסקווער "גאָסעט" פלעג דערשיטערן און אויפטרייסלען... אָבער נאָך גרעסער איז זי געווען אין דעם, וואָס זי האָט נישט באַוויזן, זי איז אין אינגאַנצן געווען

* טורטשאַנינאָווא — אַ באַרימטע רוסישע אַקטריסע פון "מאַלי טעאַטער". געשטאָרבן אין טיפן עלטער.

אין דער פּאַטענץ. גרויסע קרעפטן האָבן נאָך געדרעמלט ערגעץ אין די טיפענישן פון איר אַרטיסטישער נשמה...

פון אונדז איז אַוועק איינע פון די הערלעכסטע שעפער פון דער יידישער קולטור אין סאָוועטן-פאַרבאַנד; אַן אַרטיסטין פון גוואַלדיקער אינערלעכער דינאַמיק, אַן אַקטריסע פון דערשיטערנדיקער פשטות און פאָלקסטימלעכקייט, אַ ווירדיקע מיטשפּילערין פון שלמה מיכאָעלס.

פּונקט ווי ביי שלמה מיכאָעלס איז די קרוין-ראָל געווען טביה איז ביי ליאָליע ראָם איר קרוין-ראָל געווען — גאָלדע, שלום-עליכמס "גאָלדע-סערדצע"...

געדענקט איר ווי גאָלדע-ראָם — אַט שלעפּט זי זיך אַן איינגעבראָכענע, און אַט, דאַכט — זי פליט ממש צו איר טראַגישן סוף: איינס נאָך איינס פאַלן די שאָלן ווי אונטערגעשאָסענע פליגל, אָדער ווי צווייגן פון אַן איינזאַמען בוים אין שטורעם, ביז וואַנען זי טוט אַ פאַל ווי אַן אונטערגעשניטענע און דעם גאַנצן טעאַטער-זאַל שוידערט עס דורך פון אירע לעצטע ווערטער, וועלכע זי זאָגט אַרויס אַזוי שטיל און פשוט:

— אוי, טביה, איך שטאַרב... ווער וועט דיר קאָכן וועטשערע?...

יענץ בילד האָט זיך ביי מיר צוזאַמענגעגאָסן מיט דער געשטאַלט פון ראָם זעלבסט און כ'שטעל זיך אַנדערש נישט פאָר דעם סוף פון דער דאָזיקער פאָלקס-אַקטריסע.

מיר דאַכט, — שוין אַ יאָרצענדליק ווי זי איז געפלויגן צו איר טראַגישן פינאַל:

איינס נאָך איינס פאַלן די אונטערגעשאָסענע פליגל — מיכאָעלס... זוסקין... שטיימאַן ... יידיש טעאַטער, און אַט פאַלט זי שוין אַליין אַן אונטערגעשניטענע:

— אוי, שלמה, איך שטאַרב... ווער וועט נאָך אַלץ געדענקען אַזוי ווי איך?...

פאַרלאָזט האָט אונדז ליאָליע ראָם. איר הערלעך געשטאַלט איז מיט אונדז, אין אונדז, פּונקט ווי מיט אונדז איז דער גרויסער טרוים און די בענקשאַפט צום יידישן וואָרט, צו יידיש טעאַטער.

כל זמן דאָס פאָלק לעבט, וועט לעבן איר אָנדענק, וועט לעבן דאָס יידישע טעאַטער.

זאָל זיס איר זיין די אייביקע רו — מיר האָבן געירשנט איר אייביקן אומרו...

דער לעצטער ערשטער מאַי

1טער מאַי 1948, מאָסקווע.
אין דער דעמאָנסטראַנטן־קאָלאָנע פון מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער:
משה בראָדערזאָן ז״ל, זיאַמע טעלעסין, לייב קוויטקאָ ז״ל, און בנימין זוסקין ז״ל.
און כאָטש די שרעק האָט שוין געפלאָטערט איבער זיי צוזאַמען מיט די רויטע פאָנען און טראַנספּאַראַנטן איז דאָס פאָרט געווען דער פרילינג־יום טוב פון 1טן מאַי...

פאַרן אומפאַרגעסלעכן יידישן פאָלקס־אַרטיסט בנימין זוסקין, פאַר די גרויסע דיכטער לייב קוויטקאָ און משה בראָדערזאָן איז דאָס שוין געווען דער לעצטער ערשטער מאַי.

די ייִדיש-סאָוועטישע דיכטונג אין דעם נאָך-סטאַלינישן פּעריאָד *

דאָס יאָר 1948 האָט מיט זיך געשלאָסן איינעם פון די טראַגישסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון דער וועלט-קולטור — דאָס קאַפּיטל יידיש-סאָוויעטישע ליטעראַטור. אין דעם דאָזיקן יאָר זענען ליקווידירט געוואָרן די איינציק פאַרבליבענע יידישע צייטונג "איינִיקייט", און דער איינציק פאַרבליבענער פאַרלאַג "עמעס". עס זענען צוגעמאַכט געוואָרן די לעצטע צוויי זשורנאַלן: "היימלאַנד" אין מאָסקווע און "שטערן" אין קיעוו. די פיר לעצטע יידישע מלוכה-טעאַטערס זענען אויך בהדרגהדיק געשלאָסן געוואָרן: דער מאָסקווער "גאָסעט", איינער פון די בעסטע טעאַטערס אין ס"פ, צוזאַמען מיט זיין פּראַכטפולער סטודיע, דער מינסקער טעאַטער, דער טשערנאָוויצער (געוועזענער קיעווער טעאַטער) און דער ביראָבידזשאַנער. 1948 האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער פאַשיסטישער מאָרד-אַקציע איבער דעם פאַקטישן לידער פון דער יידישער נאַציאָנאַלער מינדערהייט אין סאָוויעטנ-פאַרבאַנד, דעם גרויסן פאָלקס-אַרטיסט און געזעלשאַפטלעכן טוער שלמה מיכאָעלס און פאַרענדיקט האָט זיך דאָס זעלבע יאָר מיטן ק. ג. ב.-פּאָגראָם אויף דער געביידע פון יידישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט און מיט דער ליקווידאַציע פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט, — פאַקטיש דער איינציקער סימ-באָלישער רעפּרעזענטאַנץ פון די סאָוויעטישע יידן.

די גרעסטע מערהייט יידישע שרייבערס, קינסטלערס, קולטור-טוערס זענען אַריינגעשליידערט געוואָרן אין די טורמעס און צוואַנגס-לאַגערן. די וויכטיקסטע פון זיי האָט מען מערדעריש אומגעבראַכט.

אין יענע יאָרן האָבן די מעכטיקע פּאַרטיי און מלוכה-אַפּאַראַטן, די גאַנצע סאָוויעטישע פּראָפּאַגאַנדע פונאַנדערגעוויקלט אַן אומדערהערטע,

* רעפעראַט אויפן סימפּאָזיום א. ד. ט. "יידישע קולטור און יידישע שאַפונג אין ר"פ", איינגעאָרדנט פון קולטור-דעפּאַרטאַמענט פון יידישן וועלט-קאָנגרעס (ירושלים 10—31 יאַנואר 1972).

זינט היטלערן, אַנטיסעמיטישע פּאָגראָם־העצע. די דאָזיקע העצע איז גע־גאַנגען אין צוויי ריכטונגען: "קאַמף קעגן בורזשואַזן קאָסמאָפּאָליטיזם" און "קאַמף קעגן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם". אַלס "קאָסמאָפּאָליטן" זענען געש־טעמפּלט געוואָרן מענטשן, וועלכע האָבן זיך שוין לאַנג אָפּגעריסן פון זייער יידיש־נאַציאָנאַלן מקור, געוואָרן אַנגעזעענע שאַפערס פון דער רוסישער, אוקראַינישער, ווייסרוסישער, ליטווישער א. אַנד. קולטורן. די מיינסטע פון זיי זענען באַוווסט געווען מיט זייערע נישט־יידישע פאַמיליע־נעמען אָדער פסעוודאָנימען. אַלס "קאָסמאָפּאָליטן" זענען אויך געשטעמפּלט געוואָרן פיל פון דער אַסימילירטער טעכנישער און וויסנשאַפטלעכער אינטעליגענץ.

עס איז גענוג געווען למשל, צו געפינען אין די ווערק פון אַ ליטעראַטור־קריטיקער אַ קרום וואָרט וועגן אַ מיטלמעסיקן רוסישן ליטעראַט, גענוג געווען צו געפינען ביי אַ קונסט־קענער אָדער וויסנשאַפטלער אַ לויבוואָרט פאַר לודוויק וואַן בעטהאָווען, אָדער נאָרבערט ווינער, כדי מען זאָל זיי שטעלן צום עפנטלעכן שאַנדסלופּ פון "אַנטיפּאַרטייאישקייט". זיין זענען, האָט מען געשריבן, פאַרביסענע שונאים פון רוסישן פאָלק און זיין קולטור, זיי פויזן פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישן אויסלאַנד... זיי זענען "די פינפטע קאָלאָנע".

אַנטיסעמיטישע אַרטיקלען האָבן דאָן געשווירבלט און געגריבלט מיט פאַמיליעס פון "קאָסמאָפּאָליטן", ביי וועמען מען האָט אין קלאַמערן אָנגע־געבן זייערע אַמאָליקע יידישע פאַמיליע־נעמען. מע פלעג זיי אָנרופן לויט דער צאַרישער, שוואַרץ־מאהדיקער טערמינאָלאָגיע: "פּאַספּאָרטלאָזע בראָ־דיאַגעס"...

לאָמיר אַלזאָ, פאַרגעדענקען, אַז דער קאַמף קעגן די אַזוי גערופענע "בורזשואַזע קאָסמאָפּאָליטן" איז דער עיקר געווען געווענדט קעגן דעם אַסימילירטן יידנטום. דערמיט האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי געגעבן צו וויסן, אַז דער יידיש־אָפּשטאַמיקער עלעמענט איז שעדלעך פאַר דער רוס־לענדישער קולטור, וויסנשאַפט, טעכניק.

די צווייטע ריכטונג — "קאַמף קעגן בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם" איז אָנגע־גאַנגען נישט אַזוי אויף די צייטונג־שפּאַלטן פון "פּראַוודאַ" און "איז־וועסטיאַ", ווי אויף פילצאָליקע געהיימע זיצונגען ערגעץ אין די הויכע פענצטער, אין די אינקוויזיטאָרישע אויספאָרשונג־קאַבינעטן און פייניקונג־קאַמערן פון ק. ג. ב.

צוזאַמען מיט דער ברוטאַלער ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור

און אירע וויכטיקסטע שעפערס, זענען גערודפט, געמשפט און אומגעבראַכט געוואָרן טויזנטער יידישע בירגער פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז אין קיין שום בורזשואַזן נאַציאָנאַליזם האָט מען די אַלע מענטשן נישט געקאָנט אַפילו חושד זיין, ווייל די מינדסטע שפורן פון וועלכער ניט איז נאַציאָנאַלער אָדער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע זענען שוין מיט יאָרן צוריק מערדעריש אויסגעראָטן געוואָרן. עס איז געגאַנגען אַלזאָ אַ רייד וועגן מענטשן, כאָטש אויף דורך און דורך סאָוויעטישע, דאָך אָזעלכע, וואָס זענען געווען צוגעבונדן צום יידישן פאָלק און צו זיין קולטור, וועגן מענטשן, וואָס האָבן געגלויבט פאַרן גורל פון יידישן פאָלק, וועגן מענטשן וועלכע האָבן נאָך געטראָגן אין זיך די אילוזיע פון "נאַציאָנאַלער פאָרם און סאָציאַליסטישן אינהאַלט".

מיטן בלוטיקן ק. ג. ב.־טעראָר קעגן אָט די מענטשן, האָט די קאָמוניס־טישע פאַרטיי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַליין די פאָרם — (פאָלקס־ צוגע־בונדקייט, שפּראַך, מוזיק, טעאַטער) — אויב זי איז נאָר יידיש, איז זי שוין "רעאַקציאָנער" און מוז פאַרניכטעט ווערן.

לאָמיר דאָס פאַרצייכענען און לאָמיר פאַרגעדענקען: אויב אַסימילירטע יידן ווערן פאַרפאָלגט און פאַריאָגט פון זייערע פּאָזיציעס אַלס "בעזראָדנע קאָסמאָפּאָליטן", "פּאַספּאַרטלאָזע בראָדיאַגעס", "פּאַראַזיטן אויפן געזונטן לייב פון דער רוסישער קולטור", אויב יידן, צוגעבונדענע צום נאַציאָנאַלן שורש ווערן פאַרפאָלגט און געמשפּט ווי "בורזשואַזע נאַציאָנאַליסטן", "פאָלקס־פאַררעטער", "מערדער אין ווייסע כאַלאַטן" און "אַגענטן פון יידישן און אַלוועלטלעכן אימפּעריאַליזם", טאָ וועלכן־זשע גורל האָט פאַרגרייט פאַרן סאָוויעטישן יידנטום סטאַלין און זיין פאַרטיי? נאָר בלינדע, אָדער אַזעלכע וואָס מאַכן זיך נישט זען, וועלן נישט וועלן באַנעמען, אַז פאַר דעם סאָוויעטישן יידנטום איז דאַן געגרייט געווען בלויז איין וועג — "ענדלייזונג", לויטן גוט באַקאַנטן נוסח פון די היטלעריסטישע מאַסן־מערדערס. און ווער ווייסט אין וועלכן מצב עס וואָלט איצט געווען דאָס סאָוויעטישע יידנטום ווען סטאַלין ימ"ש וואָלט צו דער צייט נישט געפּ־גרט... נישט אומזיסט זענען אין די יאָרן 1952—53, ביי די שטעט מיט אַ יידישער קאָנצענטראַציע, ערגעץ אין פאַררוקטע אייזנבאַן־טופיקן, געשטאַנען פאַרגרייט גאַנצע עשאַלאָנען מיט ליידיקע פראַכט־וואַגאָנעס... עס איז שוין אַפילו אָנגעוועגדט געוואָרן דער ערשטער פּרווו פון מאַכן "יידן־ריין" מאָסקווע: אין איינעם אַ פאַרנאַכט פון 1952 האָט מען אין באַגלייטונג

פון באַוואָפנטע ק. ג. ב.־לייט און הינט אַרויסגעשיקט קיין צפון־אַזיע אַלע יידישע איינוווינער פונעם הינטער־מאָסקווער שטעטל דאַווידקאָווע...

נאָר, ווי שוין געזאָגט, איז געשען איינע פון די גרויסע פורימדיקע ניסים — "דער אומשטערבלעכער פאָטער פון אַלע פעלקער" האָט פּלוצעם גע־כאַפּט אַ שטאַרב.

מיר ווייסן שוין איצט, אַז אין בייזן בלוטדורשטיקן געשלעגל און שטו־פּעריי פאַר אומבאַגרענעצטער מאַכט האָבן סטאַלינס באַגרענעצטע יור־שימלעך גערן אָדער אומגערן אַראָפּגעשליידערט פון פּיעדעסטאַל אין דעם אייגענעם חזרישן שמוץ זייער גרויסן געטש. מיר ווייסן, אַז גערן אדער אומגערן האָבן די סאָוויעטישע מנהיגים געמוזט, זייער פאַרזיכטיק, אַפילו נישט אויף האַלב, נאָר דאָך געמוזט, עטוואָס אַנטפּלעקן די אייטערדיקע מכה, וועלכע זיי האָבן אָנגערופן "פּערזאָנען־קולט". און געוויס מיט גרויס אומ־ווילן איז די נייע כרושטשאָוו־אָנפירונג געצוווּנגען געווען רעהאַביליטירן און פריילאָזן פון די טורמעס, טויט־לאַגערן און קאַטאָרגעס מיליאָנען אַרבעטס־קנעכט.

קראַנקע, צעבראָכענע, טראַומירטע פון שרעק און אַנטוישונג, פאַרבי־טערטע פון צאָרן, האָבן זיך אויך צוריקגעקערט לעבן־געבליבענע יידישע דיכטער. ס׳רוב פון זיי דערוויל נאָך נישט קיין רעהאַביליטירטע, אָן שום לעגאַלע רעכט אַפילו צו וווינען אין די אייגענע היימען, ווו ס׳האָבן אויף זיי געוואַרט פרוי און קינדער... אין אַזאַ לאַגע האָט זיך אויך געפונען שמואל האַלקין ז״ל — דער איינציקער פון דער גרויסער און פּרעכטיקער פּלעיאַדע נאָך־אָקטאָבערישע דיכטער וועלכער האָט זיך על פּי נס אַרויס־געגליטשט פון אונטער דער מערדערישער האַנט... געקומען איז ער אַהיים, ערגעץ אין 1955, האַלקין האָט אין לאַגער זייענדיק דורכגעמאַכט צוויי שווערע האַרץ־אַטאַקעס. די לעצטע יאָרן האָט ער פיל געקרענקט. פון דעסטוועגן האָט ער פאַרמאָגט און אויסגעהיט אין זיך אַזויפיל חן, פּאָעטישע גאַנצקייט און מענטשלעכע גוטסקייט, אַז אַלע אַרום — יינגערע און אַפילו עלטערע — האָבן זיך געטוליעט צו אים און האָבן זיך געוואַרעמט ביי זיין שיין.

האַלקינען איז פרעמד געווען טראַגישע פּאַטעטיק, זיין אַלץ אַרומנעמענ־דיקע מילדקייט און זיין פאַרטיפטער ליריש־פילאָזאָפישער אוניווערסאַליזם האָבן נישט געדולדעט קיין שום מין קעמפערישן טעמפּעראַמענט. דערצו איז ער, צי פון געווינשאַפט, צי פון ביז גאָר ביטערער דערפאַרונג, פאַרב־

ליבן זייער פּאַרזיכטיק, געהיט פֿון אַ בייז אויג און צייטנווייז זיך געלאָזט פֿירן דורך דער רוצחישער האַנט פֿון אינערלעכן צענזאָר. דאָך און טראָץ דעם זענען די מערהייט פֿון זיינע פּאָעטישע ווערק, געשאַפֿענע אין צוואַנגס־לאַגער און אויך נאָך דער אַזוי גערופֿענער באַפֿרייונג, — די לידער און באַלאַדעס, סיי די פֿאַרעפֿנטלעכטע און נאָך מער די נישט פֿאַרעפֿנטלעכטע, — דער וואָגיקסטער בייטראַג צו דער יידישער וועלט־ליטעראַטור. די דאָזיקע גוטע, זיבן מאָל אין פֿיין געטובלטע, לירישע סטראָפֿן פֿונעם לעצטן גרויסן יידישן דיכטער אויף רוסישער ערד, וועלן מער פֿון אַלץ עדות זאָגן און באַלייכטן די שטאָק־פֿינצטערע עפּאָכע אינעם לעבן פֿון סאָוויעטישן יידנטום.

זייענדיק אין "טאָל פֿון ליידן, וואָס ניט אַרומצוכאַפּן מיטן בליק און ניט מיט ווערטער זיי אַרויסצורייידן" זייענדיק דאָרט, וווּ "ס׳פּלאָגט דיך דאָס געיאָמער פֿון מענטשן־לייב וואָס ווערט געפּלאָגט, ווייל ס׳איז קיין אויס־לייזונג ניטאָ מער פֿון אָט דעם שדים־כּתב — דעם "נאָמער", / וואָס יעדער אויף דער פּלייצע טראָגט"... געפֿינט נאָך דער דיכטער קראַפֿט און מוט אין זיין צעווייטיקט האַרץ, כּדי דערמאָנען די אומגעבראַכטע פֿריינד און קאָלעגן:

די לעצטע זיינען אַפּ — ס׳האָט זייער טראָט פֿאַרשלונגען / דאָס אייביקע געטומל פֿון פּיס, וואָס לעבן הייסט; / און ווי יתומים ווי פֿאַרשעמטע, ניט געטרייסט — / די לידער זייערע, וואָס האָבן אַזוי דרייסט געקלונגען, / אַוועק אין קלעם אויף קיינמאָל ווערן אויסגעלייזט, / און אַלע זייערע די שענסטע, בעסטע טואונגען — / פֿאַרשוואַרצט, פֿאַרמעקט, פֿאַרעכנט זיי פֿאַר אַלדאָס בייז / ("ווי וואָלט איך לעבן דאָרט").

און אָט ווענדט זיך אין איינעם אַ ליד די פֿרוי פֿון געפֿאַנגענעם דיכטער:

און אויב איר ווילט דעם ריינעם, שיינעם אמת, — / זיי מוחל ליבער, מיר דאָס האַרבע וואָרט, / אויב ס׳איז דאָס בעסטע, שענסטע אין דער קלעם איצט / דאַרפֿסטן זיין דאָרט, איז איצטער דאָרט דיין אָרט. /("איך בין זיין פֿרוי").

דער דאָזיקער ווירדיקער שטאָלצער שלוס־אַקאָרד שטעלט פּאַקטיש צום שאַנד־סלופּ אויף דורות די סאָוויעטישע פֿאַרברעכער קעגן מענטש און מענטשלעכקייט.

ס׳איז אַלעמען אַזוי גוט געווען וואָס האַלקין האָט פֿאַר די לאַגער־יאָרן, אין פֿראָסט און אין ווייוגע, נישט אָנגעוואָרן זיין גלעטנדיק־ברוסטיקע שטימע

און לייענענדיק זיינע טרויעריקע און דאָך פול מיט לויטערן בטחון לידער, האָבן זיינע מילדע אויגן אַריינגעקוקט גלייך אין האַרצן אַריין:

און יענע שאַרפע גוף־צעברעכנדיקע שטיינער / אין וועג, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען מיך אַנטקעגן — / זיי האָבן ניט פאַרקרימט דעם וועג פון מיינע וועגן, / ניט אָפגעשטויסן מיך פון אים, ניט אָפגעפרעמדט, / ווען צווישן שטיין און שטיין בין איך געווען פאַרקלעמט / דו זעסט, דער קוואַל, ער ווערט דאָך נאָכאַמאָל געלייטערט / און דו האָסט זיך פון אים ניט ווילנדיק דערווייטערט / אַף איין שפּאַן מער, ווי דו האָסט רעכט דערויף — / און דיין נשמה אין דער קלעם, כאָטש פריי דער גוף /.

די סטראָפן געהערן צו אַ ליד "דער אַנהויב וועג". און פאַרשטענדלעך איז געווען פאַר אַלע, אַז בלויז טרייהייט צום אייגענעם שטאָם, צו די געלייטערטע פאָלקס־קוואַלן, צום אמת, האָבן געקאָנט אויסהיטן דעם דיכ־טער פון פיזישער פּיין און מאָראַלישן אונטערגאַנג. אַפילו אין קלעם פון "גוף־צעברעכנדיקע שטיינער", אַפילו ווען דער קערפּער איז פאַרקנעכט, איז מעגלעך אויסצוהיטן שטאָלצע אינערלעכע פרייהייט. און פאַרקערט: האָסטו כאָטש אויף איין שפּאַן דערווייטערט זיך פון יענעם קוואַל, "פאַר־קרימט דעם וועג פון דיינע וועגן" — וועט דיר קיין שום אַזוי גערופענע אויסערלעכע פרייהייט נישט העלפן — "די נשמה בלייבט אין קלעם" — פאַרבלייבסט אַ פאָדלער קנעכט. און דאָס, מיין איך, איז דער איינציקער צוגאַנג מיט וועלכן מיר זענען באַרעכטיקט צו אַנאַליזירן די שאַפונגען פון דער יידישער פּאָעזיע אין ס"פ פאַר די לעצטע 17–18 יאָר. געוויס זענען פיל דיכטער געקומען פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, אַנגעלאָגלטע נישט נאָר מיט צער און צאָרן, מיט בלוטיקן פאַרדרוס, מיט נישט פאַרגעגלעכער פּיין, ווער — מאָראַליש געפאַלן און ווער — פאַרקערט — מאָראַליש געש־טאַרקט און אויפגעריכט. זיי זענען אויך געקומען יעדער מיט זיין געזאַנג, אויסגעוויטיקט אין געהיים. אויך יענע, וועלכע זענען דורך אַ צופאַל געב־ליבן אויף דער פריי און געוואָרט, ווער מיט שרעק און ווער מיט האָפענונג, אויפן ביינאַכטיקן קלאַפּ אין דער טיר, אויך יענע האָבן, ווייזט אויס, געהאַט וואָס צו זאָגן...

אין דער צווייטער העלפט פון די פופציקער יאָרן, נאָך לאַנגע שתדלנותן און נאָכן ענדגילטיקן קלונג ערגעץ פון די גאָר הויכע פענצטער, האָט דער מאָסקווער פאַרלאַג "סאָוועטסקי פּיסאַטעל" אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין רו־סישער איבערזעצונג אייניקע ווערק פון די אומגעבראַכטע יידישע דיכטער.

דער ציל איז דאָ געווען אַ דרייפאַכער: ערשטנס — ווי אַ מין פאַרגיטיקונג פאַר די פאַרבליבענע אלמנות און משפחה־מיטגלידער; צווייטנס — געבן אַ רמז פאַר דער אויסערלעכער וועלט, אַז די יידישע ליטעראַטור אין ס״פ איז רעהאַביליטירט און ווידער גלייכבאַרעכטיקט, וואָס די פראַ־סאָוויעטישע פרעסע אין אויסלאַנד האָט, פאַרשטייט זיך, אונטערגעכאַפּט און צעלייגט אויף טעלערלעך; דריטנס — געבן צו וויסן די פאַרבליבענע יידישע שרייבערס, אַז יאָ, טאַקע דאָס און נאָר דאָס איז זייער אמת גליק: אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן ״דערגרייכן צום ברייטן אַלפאַרבאַנדישן לייענער״ און דאָס קען געטאָן ווערן בלויז אויף דער שפּראַך פון דעם ״עלטערן ברודער צווישן די גלייכע״ — אויף רוסיש, אפשר אַמאָל אויך אוקראַיניש און ווייסרוסיש, אָבער וועגן אַרויסגעבן ביכער אין יידיש? ״צוליב וואָס? ווּ איז דער לייענער?״ און כדומה אַנדערע תירוצים האָט מען אַרויסגעשטעלט צו די וועלכע האָבן געפּרוווט צווואַרפן אַ גוט וואָרט וועגן דער ווידער־אויפלעבונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין ס״פ.

יעקאַטערינאַ פורצעוואַ, דער סאָוויעטישער קולטור־מיניסטער און אויך מיטגליד פון קאָמוניסטישן צ. ק., האָט אין יענע יאָרן, ערגעץ אין פּאַריז דאַכט זיך, אַרויסגעפּלאַפּט איר ״מאַרקסיסטישן שטאַנדפּונקט״, וועלכער האָט געקלונגען אַן ערך אַזוי: ״אַלע די, וועלכער טרוימען וועגן אַ ווידער־געבורט פון עפּעס אַ יידישער קולטור, ווילן ציען די יידישע מאַסן אויף צוריק — פון סאָציאַליזם צו רעאַקציע...״

שפּעטער האָבן אָנגעהויבן ביסלעכווייז דערשיינען אויך אין רוסישער איבערזעצונג ביכער פון די לעבנגעבליבענע יידישע דיכטער. לויט דער ביבליאָגראַפישער נאָטיץ פון אבא פינקעלשטיין ״ווערק פון יידישע שרייבער אין די יאָרן 1955—1961״ (״ס. היימלאַנד״ 3 — 1962), קאָן מען דרינגען, אַז אין די דאָזיקע, לויט פינקעלשטיינען, פּעטע זיבן יאָר זענען אַרויס — דער עיקר אין ״סאָוועטסקי פּיסאַטעל״ — ביי די 21 לידער־זאַמלונגען פון טעטיקע, פאַרשיידנאַרטיקע, יידישע דיכטער.

ס׳איז שווער צו אורטיילן וועגן דער קינסטלערישער הויך פון אַט די אַלע ביכער, ווייל צווישן דיכטער און לייענער שטייען געוויינטלעך אַ גוטע 6—5 איבערזעצער פון פאַרשיידענע אינדיווידועל־קינסטלערישע און פּאָעטיש־פאַכמענערישע קוואַליטעטן. די טעמאַטיק פון אַט די לידער־זאַמלונגען (ביי וועמען מער און ביי וועמען ווייניקער): מלחמה, העלדישקייט, פראָנט, געזאַנג וועגן שלום, פאַלקסטימלעכע שטייגער־און ליבע־

לידער, צווישן דער באַנאַל געוואָרענער קאַזיאָנער מאַזשאָריסטיק פון אַ טאַלאַליעווסקי, אַ כאַראַל, אַ שטורמאַן, רייסן זיך אַ מאָל דורך רעקוויעם־און הזכרה־טענער אויף די יידישע קדושים, אויפן פאַרשווונדענעם יידיש־לעבן נאָכן היטלער־חורבן (ז. טעלעסין, ש. דריז, מ. גרוביאַן, מ. טייף און אַנדערע). ס'איז אָבער ווייטיקלעך אָפּצומערקן, אַז אין דער איבער־וויגנדיקער מערהייט פון אָט די זאַמלונגען וועט איר אומזיסט זוכן כאָטש אַ שמץ פון דער אויפטרייסלענדיקער טראַגעדיע, וועלכע ס'האָט נאָר וואָס דורכגעמאַכט דאָס יידישע פאָלק אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד. אַפילו די פּערזענ־לעכע שווערע איבערלעבענישן אין טורמע, לאַגער, אויף דער פריי, געפינען נישט קיין אָרט ביי דער גרויסער מערהייט ליריקער און עפּיקער. גלייך ווי עמעצער וואָלט אויפגעהאַנגען אַ שווערן וועטאָ־שלאָס אויף די צעבלוטיקטע דיכטערישע הערצער. כמעט דאָס זעלבע וועט איר מערקן אויך פּיל שפּע־טער, ווען עס איז שוין דערלויבט געוואָרן אַרויסלאָזן זאַמלונגען אויך אויף מאַמע־לשון, שוין אָפּגערעדט פון דעם זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד"...

דער זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד" האָט דערזען די ווייסע שיין, נישט אַזוי צוליב דער שטילער שתדלנות פון וויכטיקע פּראָ־סאָוויעטישע און קאָמוניסטישע קרייזן פון אויסלאַנד (די דערפאַרונג האָט דערוויזן אַז מאָסק־ווע רעכנט זיך ווייניק וואָס מיט די אויסלענדישע טאָוואַרישטשעס), נאָר דווקא אַ דאַנק דעם קאָלאָסאַלן דרוק פון דער עפנטלעכער געזעלשאַפטלע־כער מיינונג אויף גאָר דער וועלט, אַ דאַנק דעם הילכיקן פּראָטעסט פון דער בירגערלעכער און אַנטי־סאָוויעטישער פּרעסע. **דאָס דערלויבן אַרויסגעבן אַ יידישן זשורנאַל אין ראַטנפאַרבאַנד איז בלי ספק דער ערשטער ערנסטער זיג פון וועלט־יידנטום.** מיר, די געקומענע פון רוסלאַנד ליטעראַטן, וואָלטן פּיל געקאָנט דערציילן וועגן דער פּרינציפּיעל־פּיינטלעכער באַציונג פון די הויכע סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע־און קולטור־טשינאָווניקעס צו דער עצם אידעע וועגן אַ ווידער־געבוירענעם יידישן אות און יידיש וואָרט.

אָבער ווי באַלד, ווי זאָגט מען, שוין פרעסן חזיר, זאָל כאָטש רינען איבער דער באָרד. די סאָוועטן האָבן קענטיק פעסט באַשטימט פאַרוואַנדלען זייער מפּלה אין אַ נצחון. צוליב דעם דאַזיקן ציל זענען, ווייזט אויס, נישט געווען קיין מער פּאַסיקע קאַנדידאַטורן פאַר דער רעדקאָלעגיע און פאַרן רעדאַקציע־שטאַב ווי די גוט אויסגעפּרוּווטע אין די געוויסע געהיים־קאַבינעטן ווער־געליס, אויסלענדער, סאַניע פריי און גאַנטאַר...

דעם אויפמערקזאַמען לייענער וועלן זיך וואַרפן אין די אויגן גאַנצע דריי

פעריאָדן במשך דער צעניאָריקער עקזיסטענץ פון ״סאָוועטיש היימלאַנד״. דעם ערשטן פעריאָד (1961—1963) וואָלט איך אָנגערופן מיטן דעוויז ״פאַרגעסן, פאַרגעבן, ס׳איז קיין זאַך נישט געשען!״, דעם צווייטן פעריאָד (1963—1967) — ״דער יידישלעכער מאַסקן־באַל״, דעם דריטן פעריאָד וואָלט מען געדאַרפט באַצייכענען ווי ״סאָוועטיש היימלאַנד אַנטפּלעקט זיין אַנטי־יידישן פּרצוף״ (פון 1967 און ווייטער).

אין הסכם מיט אָט די דריי פעריאָדן וועלן מיר פּרווון אַ לופטער טאָן דעם פּאָעזיע־זשאַנער נישט נאָר פון זשורנאַל, נאָר אויך פון איינציקע יידישע לידער־זאַמלונגען וועלכע זענען שפּעטער אַרויס פון דרוק.

״מיר הויבן אָן אונדזער אַרבעט ווען די גאַנצע סאָוועטישע ליטעראַטור איז באַפליגלט מיט די אידעען...״ ״אויף די אומענדלעכע רחבותן פון אונדזער לאַנד קומען פאַר געשעענישן פון ריזיקן פאַרנעם...״ ״אָפּשפּיגלען די וויכטיקסטע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט...״ ״באַווייזן ווי די קאָ־מוניסטישע אידעען באַהערשן די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן...״

מיט אַזעלכע אויסגעדראָשענע דורכן פּופּציקיעריקן פאַרזשאַווערטן פּראָ־פּאַגאַנדע־ראַטאַטאַר פּראַזן, גיט איבער די רעדקאָלעגיע ״אין די הענט פון טייערן לייענער״ זיין ערשטן נומער ״סאָוועטיש היימלאַנד״. אין יענעם אַריינפיר ווערט אויך אונטערגעשטראָכן דער פאַקט ״וואָס ביי די יידישע דיכטער דויערט און ווערט נישט אָפּגעשוואַכט דער אינטערעס צו דער ״פּאָעמע״ באַזירט כלומרשט ״אויף דער דערפאַרונג פון דער פילשפּראָ־כיקער סאָוועטישער ליטעראַטור״ וואָס לערנט, אַז ״אין גרויסע צייטן בליען אויף גרויסע זשאַנערן״ און טאַקע, כדי צו באַשטעטיקן אָט דעם צווייפל־האַפטן אמת — שיינט אַרויס אינעם אויבן־אָן פון ערשטן נומער די פּאָעמע פון מ. טייף ״דאָס געזאַנג ווען ברידער״. אין גרונט פון אָט דער פּאָעמע ווערט גענומען דער פאַקט, וואָס צוויי געוועזענע העלדישע זעלנער־מיניאָרן האָבן געראַטעוועט אַ פרידלעכע שטאָט דורך דעם, וואָס זיי האָבן באַצייטנס אומשעדלעך געמאַכט אָן אַלטע מלחמה־באָמבע. ביי איינעם פון די צוויי האָבן די סאָוויעטישע צייטונגען אָנגעגעבן זיין יידישן נאָמען.

דאָס איז, ווייזט אויס, געווען גאַנץ גענוג, כדי דער פּאָעמע־שרייבער זאָל מאַכן ברייטע סאָצ־רעאַליסטישע פאַראַלגעמיינערונגען וועגן ״דער בליענ־דיקער פעלקער־פריינטשאַפט״. לאָמיר צוגעבן, אַז אָט די פאַראַלגעמיינע־רונגען זענען געמאַכט געוואָרן דאַן, ווען דער דיכטער אַליין האָט אָקאָרשט נישט לאַנג, אויף דער אייגענער פעל (און נישט צום ערשטן מאָל שוין)

געשפּירט דעם טעם פון יענער "פעלקער־פאַרברידערונג", וועלכע ס'איז אויף דער פּראַקטיק שווער צו אונטערשיידן פון אמתן ראַסן־האַס...

קענטיק, אַז דער פּאָעמע־שרייבער האָט זיך שטאַרק געאײַלט אויסצופילן די "סאָציאַלע באַשטעלונג" אויפן "גרויסן זשאַנר פון דער גרויסער צייט". אַנדערש וואָלט זיך אַזאַ געניטער פּאַכמאַן ווי טײַף, אויסגעהיט פון די אַלע באַנאַליטעטן און געשמאַקלאָזיקייטן, מיט וועלכע דאָס ווערק איז אָנגע־פּיקעוועט ווי למשל: "דאָס האַרץ עס רײַסט זיך פון דער ברוסט, דאָס בלוט האָט דאַכט זיך אָנגעהויבן פרירן..." צי "דאָ, ביי דעם געבורטס־הויז, זינגט מען ניט קיין סערענאַדעס(?), די לײַכטע לידער ווערן דאָ געקעפּט(!), דאָ איז די ערשטע און די שווערסטע באַריקאַדע, ווו ליבע ראַנגלט זיך, ווו ליבע לעבט"...

אין אָט דער "פּאָעמע" איז אויסגעמישט אַלץ ווי זאָגט מען דאָרט, קעבעבע מיט פּימסנהאָלץ, קאַשע מיט באָרשטש. באַנאַנד מיט פיינע אַפּאָריסטישע סטראָפן, פול מיט האַרץ־קלעמעניש פאַרן פאַרשניטענעם שטעטל "פון יענע שטיבלעך, ווו מלאכה איז מלוכה און ווו מען האָט דורותלאַנג געגלויבט, אַז משה האָט צעבראָכן זײַנע לוחות. ווייל רײַכקייט קומט פון "תגנוב" אָרעמ־קייט פון "לא", "אָ, ברידער אומגעבראַכטע — פידעלעך צעבראָכענע! זאָל אייער ניגון זיין אין האַרץ מיינעם פּאַרהיט. דאָ, אין די שטעטלעך אונטער שינדל־דעכער מאַכיקע, האָט אייער ליד געקלונגען און געבליט..." די דאָזיקע זעלטענע שורות וועלכע שלאָגן אָן אין די שענסטע טענער פון כאַריק און אַקסעלראָד ווערן אָבער דערטרונקען אין אַ ים פון אַרכאַאישער און קינסטלעכער פּאַטעטיק: "מלחמה־אלמנות! בינדט קווייטן אין קרענץ, יתומים פון אַלערליי לענדער — טוט אָן אויף די קעפּ פון צווײ ערלעכע פרײַנד, וואָס גייען דעם טויט איצט פּאַרלענדן!". אין פאַלשער נאָסטאַלגיע נאָך דער אויף דורך און דורך פאַלשער ראָמאַנטיק פון די דרײַסיקער יאָרן: "פּיוועס... פּיוועלע, געדענקסטו, צי געדענקסטו יענע יאָרן, ווען מיר פלעגן פרײַ־באַגינען גיין צוזאַמען צו דער אַרבעט, אין די לעדערנע טוזשור־קעס, אין די שטיוועלעך פון יוכטע, איך — אַ מאַשיניסט אַ יונגער, דו — אַ דאָקטאָר פון מאָטאָרן". און אַפילו, די יאָרן פון קאָלעקטיוויזאַציע, וועלכע — דאָן איז דאָס שוין באַוווּסט געוועזן — האָבן רויִנירט און פאַרמשפּט אויף קנעכטשאַפט און הונגער־טויט מיליאָנען מענטשן, פּאַקטיש צעבראָכן און אומגליקלעך געמאַכט אַ גרויס לאַנד, — אויך יענע יאָרן ווערן באַזונגען און ראָמאַנטיזירט לויטן גוט באַקאַנטן נוסח פון דער פּראָלעטקולטישער

״באַנדע כאַפּוגעס און וויזשיגעס״, ווי מאַיאַקאָווסקי האָט זיי באַצייכנט: ״ווייטע יאָרן, שווערע יאָרן... אין די דערפּער בעל־גופים צינדן אָן די שייטערס תבואה. ווי אַ בער האָט זיך צערעוועט אונדזער שטרויענע ראַסייא״...

איין גליק כאַטש, וואָס אויף דעם רייסט איבער דער פּאָעט די דאָזיקע בלוטיקע טעמע און קומט אַרויף צו מלחמה־זכרונות און ווידער... צו פאַרברידערונג! צום סוף האָט, ווייזט אויס, דער פּאָעמע־שרייבער באַשטימט צו יידישן די גאַנצע מעשה, וועלכע איז אין גרונט גענומען נישט גאָר קיין כשרע און אַריינגעפּלאָנטן די שיינע נביאישע וויזיע וועגן אייביקן פרידן פון ״אַ וואָלף מיט אַ שעפּס און אַ קינד אין דער מיט״. דאָס העלפט אָבער נישט — די שטרענגע מאָס פון האַלקינען איז גילטיק: ״און דיין נשמה — אין דער קלעם, כאָטש פריי דער גוף״.

ווי איינע און די זעלבע טעמע לאָזט זיך גאָר פאַרשיידן טייטשן איז צו זען אין די לידער אויך וועגן פעלקער־פריינדשאַפט פאַרעפנטלעכטע פון גאָר אַן אַנדער דיכטער — זיאַמע טעלעסין. רעדנדיק וועגן די ״סלאַווישע ווערטער״, וועלכע האָבן בפירוש אָפּגעשפּילט אַזאַ קאָלאָסאַלע ראָל אין באַרייכערן און זעלבסשטענדיק מאַכן אונדזער מאַמע־לשון, זאָגט דער דיכטער אָן שום לאַקייאישער חניפה, ווי ס׳פּאַסט פאַר אַ ווירדיקן ייד: ״די סלאַווישע ווערטער אין יידישן לשון — זיי זענען ווי שטענדיקע תושבים געקומען. מיט זיי האָט מיין זיידע געזייט און געדראָשן און ציגל געקנאָטן און וואַפּנע געלאָשן, ער האָט ניט געבאַרגט זיי, ער האָט זיי גענומען, מיט בלוטיקע פּראַצע געצאָלט, מיט מזומן...״

ער רעדט וועגן גלייכער פריינדשאַפט צווישן אים און זיין שלאַכט־חבר, דער טאָטער סאָיט. ער דערציילט וועגן דער פריינדשאַפט צווישן אים און דעם גריך און שטרייכט אָפּילו אונטער די אויסערלעכע ענלעכקייט זייערע, ווייל ״איך און דער גריך, עס טרעפט אַז מיר בענקען ביים ים, נאָך גריכנלאַנד בענקט דער גריך, און איך? — נאָך מיין היימישן קאַנט״... דער שפּירעוודיקער לייענער וועט מעגלעך בלייבן אַן איבעראַשטער: אַנט־שולדיקט, פאַר וואָס אַזאַ שאַרפע דורכדרינגלעכע קרובהשאַפט צווישן צוויי פאַרשיידענע בענקשאַפטן? מיר ווייסן דאָך: מאַנאָליס איז עלנט און פאַר־טריבן, פאַריאָגט פון זיין היימלאַנד. וואָס האָט עס פאַר אַ שייכות צו טע־לעסינען, מיט זיין באַנאַל־צוגעגעסענעם אויסדרוק ״היימישן קאַנט״? — אָט טאָקע אין דער מעגלעכקייט פון אַזאַ פראַגע שטעקט דער סוד פון אַ

דיכטער, וועמענס גוף איז אין קלעם און די נשמה מער־וויניקער פריי!

אוודאי זענען אין ס״פ פאַר די ערשטע דריי יאָרן געדרוקט געווען פּאָע־טישע ווערק פון איינציקע דיכטער, כאָטש מיט אַ ריינער יידישער שפּראַך און אויף אַ פּאַכמענערישער הויך. צומאָל גאַנץ אויפריכטיק אין זין פון זייער קינסטלערישן באַנעם. מען דאַרף אָפּמערקן אייניקע לידער פון רחל בוימוואַל און באַזונדערס — אירע סאַטירישע מעשהלעך מיט אַ קוים־פאַרשטעלטן און קלוגן ווונק אויף דער באַגרענעצטקייט פון סאָוויעטישן קליינבירגער און אויף דער טעמפּקייט פון גרויס־רוסישן שאָוויניזם (זע אירע ״מעשהלעך פאַר דערוואַקסענע״, (״סאָוו. היימל״. נומער 5, 1963). ס׳לוינט זיך אַנווייזן אויף דעם טאַלאַנטפולן אָבער טראַגישן פאַרשפּילן זיך מיט דעם קינדער־ליד, וועלכן ס׳האָט אָנגעהאַלטן ביזן טויט שיקע דריז; כ׳זאָג ״טראַגיש פאַרשפּילן זיך״, ווייל קיין קינדער וואָס וואָלטן געקאָנט הנאה האָבן פון זיין זאַפטיק און פאָלקסטימלעך מאַמע־לשון האָט ער שוין דאָן אַ יאָר 30 נישט געזען אויף די אויגן... הירש אָשעראָוויטשעס סענטענציע־לידער, ראַציאָנאַליסטישע, בילדערישע, פּאַכמענערישע, טיפ־זיניקע, אָבער ליידער אין תוך — ווייניק־זאַגנדיקע אונדזער שווער־געפּרוווט געמיט. אַזוי זיינע אַבסטראַקטע פּאָעמעס וועגן קאָנקרעטע געשעענישן. אַזוי אַפילו, זיינע קורצע אַפאָריסטישע לידער. אין איינעם אַזאַ ליד זאָגט ער: ״דאַרף מען וועמען נאָך דערקלערן, אַז דעם אמת מוז מען הערן, און אַז ווי ער זאָל ניט שניידן, מוז מען קענען אים פאַרליידן?... ניין, מען דאַרף ניט! — יאָ, מען דאַרף!״ ס׳מאַכט דעם איינדרוק גלייך ווי אָשעראָ־וויטשעס דיכטונג פון יענער צייט וואָלט זיך געהוידעט אויף די וואַגשאָלן פון אָט דעם ״ניין, מען דאַרף ניט! — יאָ, מען דאַרף!״...

לאָמיר נישט זיין קליינלעך און נישט פאַרוואַרפן דעם געוועזענעם רעד־קאָלעגיע־מיטגליד אָשעראָוויטשן זיין ליד ״רוף מיך נישט איך וועל נישט גיין״, מיט וועלכן ס׳עפנט זיך די פּאָעטישע אַנטאָלאָגיע ״האָריזאָנטן״ פאַרן יאָר 1965. סיי ווי האָט דאָס דאָזיקע לידל נישט געשפּילט קיין שום ראָל ביים האַמעוועזן דעם דראַנג פון סאָוועטישע יידן אַרויסצורייסן זיך ״פון קלעם אַרויס״ — צום אויסגעחלומטן לאַנד ישראל...

אַ סימן — ער, דער מחבר אַליין, האָט אָפּגעוואָרפן אָט די ״שאַפונג״ ווי עפּעס אַ טריפענעם שרץ און איז געקומען מיטן עליה־שטראָם צו אונדז...

אוודאי איז בוויטיק זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן דעם קלוגן, קערנדיקן און אויפריכטיקן בעסאַראַבער דיכטער **מאיר כאַראַץ**, וועגן דעם קרעפטיקן און

צומאַל ווירטואָזן ליריזם, גאַנץ קרוביש צום האַלקינישן ביי **איטשע באַ־רוכאָוויטש.** מען קאָן דערמאָנען שלמה רויטמאַן, וועלכער דיכטעט מייסטע־ריש און טאַלאַנטפול ערגעץ אויף זייטיקע וועגן פון אַנגעווייטיקטע הײנט־צייטיקע פּראָבלעמען,* דערמאָנען נאָך אַ צוויי־דריי נעמען, נאָר נישט אין דעם גייט עס און נישט זייער דיכטונג לייגט זיך אויפן שווערפּונקט, כדי צו אַנטשיידן די ריכטונג פון דער סאָוויעטישער פּאָעזיע אין יידיש, און די ריכטונג, ווי שוין געזאָגט, איז געווען: "פאַרגעסן, פאַרגעבן, ס'איז קיין זאַך ניט געשען".

מיר באַהאַנדלען די צייט 1961—1963, "די ליטעראַטור פון די זעכציקער יאָרן" ווי די רעדאַקציע פון "סאָוועטיש היימלאַנד" האָט עס פּאַטעטיש, אָבער גאַנץ שווינדלעריש אַליין באַצייכנט. דאָס איז געווען די צייט פון 20־טן און 22־טן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן, ווען ס'האָט געדאַכט, אַז דאָס אייז האָט געריירט און ס'האָבן אָנגעהויבן בלאָזן פרייע פרילינגדיקע ווינטן איבער די קאַלטע רוסלענדישע שטרעקעס. סאָוויעטישע צייטשריפטן און זשורנאַלן זענען דאָן פול געווען מיט פלוך, שולד־געפיל, פאַרביטערונג און טיפער אַנטוישונג. ס'האָבן זיך אומעטום באַוויזן לידער, דערציילונגען, ראָמאַנען, וועלכע האָבן מער אָדער ווייניקער וואָרהאַפטיק געשילדערט די בלוטיקע עפּאָכע פון דעם אַזוי גערופענעם "פּערזאָנען־קולט". ס'האָט זיך באַוויזן דער גרויסער אמת־זאָגער און יושר־זוכער אַלעקסאַנדער סאָלזשע־ניצין און דער שאָטן פון זיין פראָסטן פאַלקישן קאַצעטניק איוואַן דעניסאָ־וויטש האָט געוואַגלט איבערן גאַנצן לאַנד; ביי אייניקע געוועקט און צעשטורעמט דאָס פאַרשלאָפענע געוויסן, אַנדערע נישט געלאָזט שלאָפן פאַר שרעק, אַז אָט־אָט קומט זי, די צעצאָלונג, פאַר מיליאָנען אומשולדיקע קרבנות און טראָמירטע פאַרדאַרבענע הערצער. ס'איז געווען די צייט ווען ס'איז פאָרגעקומען דער גרויסער חשבון־הנפש די גרונטיקע איבער־שאַצונג פון ווערטן אין דער טיפעניש פון אַלע סאָוועטישע פעלקער; אָבער דער יידישער ליטעראַטור פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד האָט מען פון סאַמע אָנהויב נישט געלאָזט קומען צום וואָרט, נישט געלאָזט פאַרעפנטלעכן קיין איין באמת קינסטלערישן דאָקומענט וועגן די סאַמע פינצטערע יאָרן פון סאָוויעטישן יידנטום. יעדנפאַלס דאָן, ווען אויף דעם ברייטן שליאַך פון דער רוסישער און פילשפּראַכיקער סאָוויעטישער ליטעראַטור, באַזונדערס

* זע צום סוף — "שפּעטערדיקע באַמערקונגען".

פּאָעזיע, האָט זיך געמערקט אַ פרילינגדיקע אויפלעבונג פון אויפריכטיקייט און געוויסן, אַ גרונטיקער קער צום ביטערן אמת פון דער וואָרערווירקלעכ־קייט, גראָד דאָן האָט מען אויף דער יידישער פּאָעזיע געהאַלטן אַ וואַכזאַם אויג, כדי זי פאַרביינען אין דער סטאַליניסטיש־רעאַקציאָנערער קאַזיאָנשטי־נע פון די דרייסיקער יאָרן... דאָס האָט אויסגעזען ווי אַ בייזער חלום, אַ נייער מין סאַדיסטישע דיסקרימינאַציע בנוגע אַ קולטור, וועלכע איז טיפער פון אַלע געווען באַעוולט. און דאָס דאָזיקע טייוואָניש שטיקל אַרבעט איז אָפּגעטאָן געוואָרן מיט יידישע הענט.

איך זע נישט קיין אומגליק אין דער גרויסער צאָל פּאַטריאָטישע און אַפילו אין דער נאָך גרעסערער צאָל פסעוודאָ־פּאַטריאָטישע לידער. פאַר פּאַטריאָטיזם, פאַר ליבע און צוגעבונדנקייט צום געבוירן־אָרט, קאָן מען שטענדיק געפינען אַ באַרעכטיקט, אויפריכטיק פּאָעטיש וואָרט. איך זע אויך נישט קיין באַזונדערן חטא אין דעם, וואָס אַ דאָרע כייקין, צי אַ גרוביאָן זענען אַזוי בלוטיק פאַראינטערעסירט געוואָרן מיטן גורל פון דעם וויטן קאָנגאָ. ס'איז אין דער טראַדיציע פון אונדזער יידישער נאַציאָנאַלער דיכטונג אויסצודריקן דעם טיפסטן מיטגעפיל צום געפּאַלענעם, פאַרשקלאַפּ־טן, געבן פולע שטיצע יעדן מין באַפרייאונגס־קאַמף ווו ער זאָל נישט פאַרקומען — אין קאָנגאָ, וויעטנאַם, טשעכאָסלאָוואַקיי, צי גאָר אין סאָוויעט־רוסלאַנד. פאַרדעכטיק איז אָבער דער פאַקט, וואָס דאָרע כייקין, יאָ דער־הערנדיק דאָס געוויין פון דער אלמנה פון וויטן קאָנגאָ, איז פאַרבליבן טויב ווי די וואַנט און שטום ווי אַ פיש צום קלאָג פון מיליאָנען אלמנות ביי זיך אין לאַנד. סוף כל סוף אָטעמט זי יעדן טאָג ממש אָן אַרומגערינגלטע דורך די אלמנות פון אירע עלטערע קאָלעגן, די אומגעבראַכטע יידישע דיכטער. ניין, זי האָט נישט געקאָנט נישט דערהערן די פלאָג פון אַ פייגע האָפשטיין, ווייל יענע וווינט דאָך מיט איר אינעם קיעווער שרייבער־הויז, כמעט אַ טיר ביי אַ טיר! ניט אַנדערש, אַז אויך די קאָנגער אלמנה גייט איר ווייניק וואָס אָן. פשוט, זי נוצט ספּעקולאַטיוו אויס יענערס ווייט געוויין, כדי צו פאַרהילכן פאַר אַלעמען די קלאָג פון די נאָענטע, כדי צו פאַרשטומען אין זיך אַליין די נעבעכדיקע פישטשעריי פון אייגענעם, נישט גאָר זויבערן געוויסן...

קיינעם קענען נישט וווּנדערן, אויך נישט אויפרעגן די אומגעהייערע צאָל דעקלאַראַטיווע לידער וועגן דער פאַרטיי, די לויבגעזאַנגען "לענין טאַטע, זיי געבענטשט", וועלכע טראָגן אייגנטלעך דעם זעלבן געצנדינערישן

כאַראַקטער ווי די אַמאָליקע געזאַנגען צו ״סטאַלין אונדזער פאָטער״, די אַנצאָליקע ״ליכטיקע פרימאַרגנס״, ״בליענדיקע פעלדער״, ״רומפולע פאַנען״ א.א.וו. מיר זענען אַלע שוין צוגעוווינט צום שווערן מלוכה־צינש, צו דער אידעאָלאָגישער ״גאַס־פּאַסטאַווקע״, וואָס די סאָוויעטישע דיכטונג האָט שטענדיק געמוזט טראָגן! אַפילו אין דער עפּאָכע פון נאַציאָנאַלער אויפוואַ־כונג ביי דער יידיש־סאָוויעטישער דיכטונג (1942—1948) האָט מען אויך געמוזט צאָלן אַזעלכע צינשן, אפשר נאָך מער גרויזאַמע ווי איצט, כדי אויסהיטן פון אַ בייז אויג דעם טיף נאַציאָנאַלן אונטערשטראָם פון יענער פּאָעזיע... אָבער אין דעם פּעריאָד, וועלכן מיר באַהאַנדלען אַצינד — די ערשטע העלפט זעכציקער יאָרן פון ״סאָוועטיש היימלאַנד״ — האָבן זיינע ״טרובאַדורן״, פּוסטע, ווי פּוילע ניס, גאָר נישט געהאַט וואָס אויסצוהיטן. פאַרקערט — די סקאַרבאָווע פּאַרטיי־סטראָפן האָבן צומאָל אַ קלונג געטאָן מיט אָפענעם ציניזם. אַזוי שרייבט מ׳ירע כענקין: ״זאָרגן און פאַרדראָסן פון מיין לעבן / גייט אַוועק, ניט מאַטערט מיך, ניט בינדט! / גאָרנישט, גאָרנישט קאָנט איר מיר ניט געבן, / נאָר מיין אויג וואָס וואָך איז מאַכן בלינד. / זאָרגן און פאַרדראָסן פון מיין לעבן, / ניט פאַרשטעלט דעם וועג מיין הויכער פרייד. / ס׳האָט מיין לאַנד איין לעבן מיר געגעבן, / כ׳זאָל עס רימען און באַזינגען שטילערהייט...״

און אָט איז דער דיכטערינס אַן אַנדער ליד: ״אין די אָקטיאַבער־טעג״ — ״זיי שטעלן זיך אַוועק, אַלע אונדזערע אָקטיאַבערס, / פון סאַמע סאַמע, ערשטן וויכער אינעם לאַנד / — אָט קוקן זיי אויף אונדז — אי שטרענג, אי חבריש, / און ס׳דוכט זיך מיר — זיי זאָגן: איר האָט גוט געשפּאַנט!...״ (ס. ה. 61, נומ׳ 2). מיט אַ זשורנאַל־נומער שפּעטער וועט כענקינען צו־באַמקען אַ דיכטער פון העכערן ראַנג און העכערן קאָמציניזם — אַ דיכטער דווקא פון ישראל — / ״אַלע אומעטן אָקטיאַבער האָט פאַרגאָסן / מיט אַ קאָפּיקער אַ רויטער פאַרב. / אויב אין האַרצן טליען נאָך פאַרדראָסן, / וועט אָקטיאַבער זיי באַפעלן: שטאַרב!״ /

ווי ווייט זענען די דאָזיקע פון פאַרויס אויסגערעכנטע פּאָליטיקאַנישע ״אַנטפּלעקונגען״ ביז צו האָפשטיינס צי מאַרקישעס אויפריכטיקע און פאַרגלייבטע געזאַנגען צו דער באמת לעבעדיקער דאַן רעוואָלוציע!

ווען איר בלעטערט די זשורנאַלן פאַר יענעם פּעריאָד, שווינדלט ממש אין די אויגן פון אַזאַ מין, אַנטשולדיקט מיר, ״פּאָעזיע״, געמישטע מיט לידער פון אַזעלכע אויטאָרס, וועלכע פאַרשטייען, אַז ס׳איז לייטישער און

געזינטער נישט באַרירן קיין שמוציקע ענינים. זיי לאָזן זיך קלוגעטשקער־הייט אַוועק צו אַלגעמיין־הומאַניסטישע אַבסטראַקציעס, וועגן שלום, למשל. זיי לאָזן זיך אויף דער שויס, אַזוי צו זאָגן, פון דער מוטערל נאַטור און באַזינגען די "מלכּה־פרילינג". מען דערגייט אַפילו ביז צו "פייגעלע, פייגע־לע, פּי־פּי־פּי" אָדער צו אַ זיסלעך־צוגעשימלטער "קאַלווירטישער" פּאַס־טאָראַליע פון איינעם א. לייבוש — "אַלע קליידעלעך פּאַסטן מיר, / ס׳פּאַסט אויך פעלד און וואַלד, / דאָס קאַלווירטיש פּאַסטעכל פּאַסט אַזוי צו מיר, / צו מיין געשטאַלט!"

אָבער קלוגעטשקער פון אַלע האָט דאָן אָפּגעטאָן ער אַליין, דער שעף־רעדאַקטאָר ווערגעליס: ער האָט אָפּגעטאָן אויף טערקיש סיי די פּאַטעטישע פּאַרטיי־פּאַרטאַטשעס, סיי די אַבסטראַקטע הומאַניסטן, סיי די זיסלעכע ראָמאַנסירער, גלייך ווי ער וואָלט נעבעך קיין שום שייכות נישט געהאַט צו אָט דער גאַנצער חבריה. ער האָט זיך גאָר אַוועקגעשטעלט דאַווענען מיטן פּנים צו דער אייביקייט. "ריינע קונסט" האָט עס אַמאָל געהייסן, "קונסט לשם קונסט", אָבער נישקשה, צוליב הויכער פּאַרטיי־פּאָליטיק, צוליב געפעלן ווערן די בירגערלעכע פיינשמעקער פון אויסלאַנד, מעג מען זיך אויך אַזוינס דערלויבן (אָבער נאָר ער, ער אַליין!...) ער זינגט וועגן "אַ מיידל, וואָס שפּיליעט צו דעם זאַק" "...האָט זיך דאָס מיידל אָפּגעש־טעלט אין הוילער שרעק / אַ זאַק... זיך אָפּגעשפּיליעט... כ׳וועל אים באַלד פאַרלירן... / ...און גלייך גענומען צושפּיליען דעם זאַק... / די חבֿרטע האָט זי פאַרשטעלט פון פרעמדע אויגן, / און זי — מיט צניעות, וואָס אַ מיידל נאָר פאַרמאָגט, / איבער דעם פּוס דעם אייגענעם האָט זיך פאַרבויגן".

הערט זיך איין מיט וואָס פאַר אַ שטילער לעמעלע־ריינקייט ער "דוכנעט" איבער אָט דעם מיידל: "ווי זי וואָלט אָפּגעדעקט אַ הייליקייט צי אַ גניבֿה גאָר, / האָט זי געהיים און שעמעוודיק דאָס קלייד עטוואָס פאַרהויבן און זיך אַליין פאַרדעקט די אויגן מיט די האָר, / ווי גלייך געשראָקן זיך דאָס אייגן לייב באַרויבן".

ענדלעך פאַרשפּיליעט שוין די יפהפיה "סיי גיך און סיין באַשיידן" איר אומגליקלעכן זאַק. דערנאָך קומט זי צו דער פליאַזשע און וואַרפט אַראָפּ פון זיך נישט נאָר די זאָקן, נאָר אויך דאָס העמדל פון אַקסל. געבליבן, ווי זאָגט ער, "הויל אינגאַנצן, / אַ קוק געטאָן מיט אומשולד אויף דער גרויסער וועלט, / אַריין אין ים — אַנטלאָפן פון די מאַנצבלען".

דאָס בילדל איז, דאַכט זיך, וואָרהאַפטיק אין טראָגט אין זיך די "סאָציאַלע באַשטעלונג" — וואַרפן אַ שיין אויף דער געטלעכער אומשולד און נשמה־ריינקייט פון אויטאָר זעלבסט.

אָבער דאָך איין זאַך מעג מען בפירוש גלייבן דעם "פּאַסטעך" פון דער יידיש־סאָוויעטישער פּאָעזיע: ווען ער זאָגט אין זיין ליד "שעפּע" — **"אָפט איך שלאָף ניט און איך רו ניט, ביז דעם מאָרגן־ליכט דעם טריבן, / און איך טראַכט צי אַלע רינדער כ'האָב אין גוטע הענט פאַרטריבן"**.

ער איז טאַקע נישט געשלאָפן דורך די נעכט, אַלץ באַזאָרגט געווען ווי בעסער באַשטאַטן די קאַפּריזע "אָלימפּישע" שאָף און רינדער זיינע!

געוויס האָבן פיל לייענער באַמערקט, אַז אין די ערשטע צוויי יאָר פון "סאָוועטיש היימלאַנד" איז כמעט פאַרטריבן געוואָרן פון דאָרט די טעמאַטיק פון יידישן חורבן בעת דער היטלער־אינוואַזיע. מיר ווייסן פון פיל וויכטיקע ווערק — לידער, דערציילונגען און ווערטפולע דאָקומענטאַציע, דערין אויך דאָס טאַלאַנטפולע טאָגבוך פון מאַשע ראָלניק, וועלכע האָט קינדווייז דורכ־געלעבט און באַשריבן די טראַגעדיע פון חורבן־ווילנע — וואָס זענען קאַט־טעגאָריש אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך דער רעדאַקציע. די רעדאַקציע האָט דאָן אַרויסגערוקט אויפן אויבן־אָן און מיט פּלאַם פּראָפּאַגאַנדירט איינס אַ צופעליק לידל דווקא פון אַ ווילן מענטש און פיינעם דיכטער — דעם טשערנאָוויצער יאָסל לערנער. נחום אויסלענדער האָט אָט דאָס לידל אַרויס־געשטעלט אַלס מוסטער פאַר אַלע יידיש־סאָוויעטישע דיכטער. אויף איינער אַ באַראַטונג וועגן דעם יידישן ליד האָט מ. טייף, דער דעמאָלטיקער פאַרוואַלטער פון פּאָעזיע־אָפּטייל, געזאָגט: "די ליד פון טאַלאַנטפולן דיכ־טער י. לערנער... איז אין תוך גענומען אַן ענטפער אויף דער גרויסער צאָל פּסעוודאָ־נאַציאָנאַלע לידער, וואָס פאַרבלאָנדזשען נאָך צום באַדויערן אויף אונדזער בינע" (ס. ה. נומ' 3, 1961, ז' 127).

אָט איז עס, עטוואָס געקירצט דאָס לידל (געדרוקט אין סאַמע ערשטן נומער פון זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד"):

"...קברים אויף די וועגן? היימען אין רואינען? / דרויסן זון און רעגן און די טאָלן גרינען, / און די שטערן רוישן, און די הימלען וואַכן, — / וועסט די טייערע קדושים לעבעדיק ניט מאַכן!... / לייג דיין קאָפּ אַנידער אויף מיין פעסטן אַקסל, / הער, עס זינגען לידער קינדערלעך, און וואַקסן, / ניין און ניינציק וווּנדער, ניין און ניינציק חנען... — / גראָבל נישט די ווונדן! הער שוין אויף צו וויינען!..."

אין גרונט איז דאָס לויט אונדזער פאַרשטאַנד אַ ליד, וואָס רופט פאַרגע־סן... פאַרגעסן די היטלערישע רציחות!

אַן אַנדער דיכטער, מאָטל גרוביאַן, שרייבט אויך צו יענער צייט:

״איך וועל אַרויס מיט אָפענעם האַרץ / דעם זומער אַנטקעגן, / זיך אַנטאָן אין וואַלדישער גרינקייט, / אין דורכזיכטיקן העמדל פון רעגן, / ניט ביים הימל כ׳וועל בעטן / אויסברענען פון האַלדז / די ליד פון מיין לאַנגן צאַרנדיקן וועג, / וואָס פאַרפאַלגט מיך און פלאָגט, / איך וועל אַליין, ווי אַ האָגל, זי טרעטן...״ (״מיין שייטער״).

ס׳איז נישט נייטיק געווען מע זאָל ״גראַבלען די וואונדן״ און דערמאָנען די היטלערישע מערדערייען איבער דעם יידישן פאָלק, ווייל אַזאַ דערמאָנונג רופט אַרויס צו נאָענטע אַסאָציאַציעס און, ווי שוין געזאָגט, איז אַרויפגע־לייגט געוואָרן אַ שטרענגער וועטאָ: נישט דערציילן, חלילה, וועגן דער אַנטי־יידישער מאַסן קאַמפּאַניע פון סטאַלינס צייטן און וועגן די מאָרד־אַקציעס איבער דער יידישער ליטעראַטור און אירע וויכטיקסטע שעפער.

כ׳האָב בכיוון אָפּגעגעבן אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט די ערשטע יאָרן פון ״סאָוו. היימלאַנד״, ווייל דאַן און נאָר דאַן איז דורכגעפירט געוואָרן דורך אָט דער אויסגאַבע דאָס גרעסטע פאַרברעכן קעגן דער יידישער ליטעראַטור: די דיכטער האָבן נישט געטאָרט אַרויסזאָגן זייער וואָגיק, ווייטיקדיק, אמתדיק וואָרט וועגן די שרעקלעכסטע יאָרן, וועלכע זיי האָבן מיטגעמאַכט צוזאַמען מיטן פאָלק. מע האָט זיי מיט גוואַלד פאַרשטאָפּט דאָס מויל, גראָד דאַן, ווען די אָפיציעלע מאַכט האָט אַלעמען מער ווייניקער דערלויבט זיך אויסריידן דאָס פאַרביטערטע האַרץ.

אין האַרבסט 1963 איז פאַרגעקומען אַ פאַרברייטערטע זיצונג פון סעק־רעטאַריאַט ביים סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד. אויף דער דאָזיקער זיצונג איז באַהאַנדלט געוואָרן די טעטיקייט פון ״סאָוועטיש היימלאַנד״. אַ גאַנצע ריי יידישע שרייבער האָבן שאַרף און שטורמיש קריטיקירט די פאַלשע איינשטעלונגען פון זשורנאַל, באַזונדערס די פּאָליטיק פון פאַרשווייגן און פאַרגעסן אונדזערע מיליאָנען קרבנות. ס׳איז אויך באַוווסט געוואָרן, אַז אַ גרויסע צאָל זשורנאַל־אַבאָנענטן פון ״פאָלקסדעמאָקראַטישן פּוילן״ האָבן דעמאָנסטראַטיוו צוריקגעשיקט אין רעדאַקציע דעם אַפּריל־נומער, אַלס פּראָטעסט קעגן דעם, וואָס ״סאָוועטיש היימלאַנד״ איז געווען די איינציקע יידישע צייטשריפט אויף דער וועלט, וועלכע האָט דאַן פולקאָם איגנאָרירט די טרויער־פייערונגען לזכרון די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

איז דאָן די רעדאַקציע געצוווּנגען געווען גרינטלעך אָפּצוּוואַרפן איר שטע־לונג פון "גראַבל ביט די ווונדן" און "שוין גענוג צו קלאָגן"... דער ערשטער האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרקאַטשעט די אַרבל דער שעף־רעדאַקטאָר אַליין, אַרויסגעבנדיק פון זיך קלאָג־און גראַבל־פּאָעזיע: "וואַלד, וואַלד... וואַלד... גוואַלד! גוואַלד! גוואַלד! / אַ וואַלד פון שטיינער אויף מענטשנס ביינער"...

באַרירנדיק די טעמע וועגן טרעבלינקע געפינט ער דאָס בעסטע אָרט פאַר ביליקע בדחונישע ווערסיפיקאַציעס: "אַ שטיין פון זיין חן, פון זיינע ציין, פון זיין גייון, פון זיין שטיין, פון זיין יאָ, פון זיין ניין — אַ שטיין"... ניין, אַצינד זינגט ער שוין אַזוי, גלייך ער וואָלט גאָר קיינמאָל גאָרנישט נישט געוואָלט אויסשטרייכן פון אונדזער זכרון. אַ סימן — זעט אָקאָרשט ווי ער טענצלט אויס אויף איין פּיסל דעם קאַמף־מאַרש פון וואַרשעווער געטאָ: "יעדע גאַס און יעדער געסל אין מוראַנאָוו זינגט די ליד: / ניט פאַרגעסן, ניט פאַרגעסן, ניט פאַרגעסן — קיינמאָל ניט!..."

אָנהייבנדיק פון דעם פּעריאָד, טוט די רעדאַקציע פון "סאָוועטיש היימלאַנד" אַלץ, כדי אָפּצונאַרן די וועלט, אַז דאָס איז נישט קיין זשורנאַל אויף יידיש, נאָר ממש אַ יידישער זשורנאַל. מע טוט אַזעלכע זאַכן, וואָס קיינער, דאַכט זיך, וואָלט זיך עס נישט דערלויבט ביז דעם גרויסן חורבן פון דער יידיש־סאָוויעטישער ליטעראַטור. מע רעדט וועגן אַ "גאָלדענער קייט" פון דער יידישער וועלט־ליטעראַטור, מע צעגיט אין יענעם פּעריאָד אינדולגענציעס מאַנגערן, אַשן, גלאַטשטיינען, אַפילו גלאַנץ־לעיעלעסן, אַפילו באַראַכאָוון, מע רעהאַביליטירט אַפילו ביאַליקן. מע בראַקט אַריין אין די טעקסטן, וויפל יעדערער איז בכוח, אַ וועלט מיט העברעישע פּסוקים...

דאָס אַלץ ווערט אָבער געטאָן כדי צו כשרן דאָס חזיר־פּיסל, כדי אויס־צובאַהאַלטן פאַר דער יידישער עפנטלעכקייט אין אויסלאַנד דעם קוים פאַרבאַרגענעם דאָן אַנטי־יידישן תוך און כאַראַקטער פון דעם הייגטצייטיקן סאָוויעטישן אָפּיציאָז אין יידיש. דער אמתער פּרצוף פון זשורנאַל "סאָוועטיש היימלאַנד" איז ערשט אַנטפּלעקט געוואָרן נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה. אַצינד קאָן מען שוין זאָגן, כאָטש ס׳ווערט נאָך מיט דער גאָרער ערנסטקייט פאַרגעזעצט דער יידישלעכער מאַסקנבאַל פון אָט דעם זשורנאַל, דאָך גייען זייגע טרובאַדורן אין געשלאָסענע אַנטי־יידישע רייען צוזאַמען מיט די רויטע שוואַרץ־מאַהניקעס, די איוואַנאָווס און קיטשקאָס, צוזאַמען מיט זייערע גאָר וויניק פאַרבליבענע אויסלענדישע פריינד — די יידישע

קוויזלינגען און „קעמפערישע" גראַפאָמאַנען פון דעם „זאָ געגאַנטן" „פּראָגרעסיוון" און עקסטרעם־לינקן לאַגער, צוזאַמען מיטן „על אחרם" און „דויטשע זאַלדאַטן־צייטונג".

אָבער לאָמיר זיך מער נישט פאַרנעמען מיט אַט דעם אַנטי־יידישן אַפּיציאָז, אונדז איז וויכטיקער צו פּרוּוון אַנאַליזירן יענע פּאָעזיע, וואָס דער גרעסטער טייל אירער האָט אויסגעמיטן „סאָוועטיש היימלאַנד" (אָדער זי איז געדרוקט געוואָרן אין דער אויסלענדישער פּעריאָדיק — דער עיקר איז די וואַרשעווער „יידישע שריפטן" און „פאָלקס־שטימע", אָדער זי איז אַריינגעדרונגען אין די ווייניק־דערשינענע יידישע לידער־זאַמלונגען פון באַזונדערע דיכטער).

כ'מיין, אַז דער סאַמע טראַגישסטער צווישן די היינטצייטיקע סאָוויע־טישע דיכטער איז געווען דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער שיקע דריז. אַט דער ביז גאָר באַגאַבטער פאָלקס־דיכטער האָט צוגעגעבן פיל חשיבות און נאָך מער וואַרהאַפטיקייט דעם יידישלעכן מאַסקנבאַל פון דער אָפיציעלער היימלאַנד־פּאָעזיע, ווייל ער איז געגאַנגען אין איר שפּאַן... האָט ער טאַקע איינע אַ ליד „אַ ציאַצקע אויף רעסאָרן", ווו ער פאַרענטפערט זיך פאַרן קינד וואָס ער איז נישט בכוח אים קריגן אַ פערדל, און ער זאָגט ווייטער:

„ניאַקע־וויאַקע בערעלע / אַליין וועל איך זיך שפּאַנען — / אפשר וועסטו כאַטש אַמאָל / צום גוטן מיך דערמאָנען. / אַ פּאַרוויינטער פאַר מיין קבר, / שטיין וועט־ניט־וועט — / ניסים און מופתים פון רב שיקען דערציילן, / סאַראַ פערד ער איז געווען!"

יאָ שיקע דריז איז געגאַנגען אין שפּאַן, אָבער נישט שטענדיק געהאָרכזאַם, צומאָל פלעגט ער צוזאַמען מיט די שלייעס אָוועק אין גאָר אַ פאַרקערטער ריכטונג, און דאַן שרייבט ער אַן אַזעלכע איצט באַרימטע עכט־נאַציאָנאַלע לידער ווי „באָבי יאַר" און „אַ שייגער בוים"...

שטעלט אייך פאָר אַ ייד, אַ קינסטלער, אַ פריילעכער לונג־און־לעבער, וואָס טראָגט אין זיך געזונטן וואָרצלדיקן פאָלקס־אָפּטימיזם, כאָטש מע האָט נישט איינמאָל שוין „...די הויט פון מיר געשונדן / דעם מאַרך פון מיר אַרויסגעצויגן, / געלאָזט אין הוילע ווונדן", שטעלט אייך פאָר, אַז אַזאַ ייד דערזעט זיך אַרומגערינגלט אַ פאַרקלעמטן אין דער מיט פון עפּעס אַ מין שדים־קאַרנאַוואַל... אַרום מאַסקעס... מאַסקעס... מאַסקעס! אַן עכטע סאָץ־רעאַליסטישע פאַנטאַסמאַגאָריע: הינטער דער מאַסקע פון פעל־

קער־פריינדשאַפט — ראַסנהאַס, הינטער דער מאַסקע פון שלום־קעמפער — מלחמה־צינדער, הינטער דער מאַסקע פון סאָציאַלן יושר — אונטערדריי־קער א.א.וו. וואָס בלייבט נאָך פאַר אַזאַ מין פאַרקלעמטן דיכטער, אויב נישט אַרויפציען אויף זיך די מאַסקע פון אַ פריילעכן לץ, אַ קונצנמאַכער מיט אַ פנים, „וואָס ניט סע וויינט און ניט סע לאַכט״?

„טיפ־טאָפ, גייט און קויפט / אַ ברייטשקעלע פון אייזן, / זעצט אייך אויף און קומט צו מיר, / וועל איך אייך עפּעס ווייזן: / אויף די ווייסע מיינע ווענט / וועלן שווימען שוואַנען, / שפּרינגען וועלן וועווריקעס / אויף די שלאַנקע טאַנען, / אויף מיין סטעליע אין דער הייך / וועלן וואַקסן קוווייטן, / און אַ פּאָרל ציגעלעך / שפּילן אויף די פלייטן. / טאַנצן וועט אַ מאַלפּעלע / אויף דעם העלפאַנדס רוקן. / און אַ לץ מיט גלעקעלעך / וועט פאַר אייך זיך בוקן. / וועט איר שוין מסתמא שרייען / בראַוואָ, בראַוואָ — ביס... / מיר, דעם קונצנמאַכער / דעם לץ רב שיקע דריז. / נאָר מיין מאַמעס שווייגן וועט, / מיין טייבעלע מיין שוואַכס / און מיט אַ גאָלדן פעדעמל / צירעווען מיין האַרץ /״...

דאָס איז דאָך די קלאַסישע פריילעכע מאַסקע, הינטער וועלכער ס׳קאַרט־שעט זיך דער צעוויטיקטער פּאַיאַץ. דאָס איז די אַלטע שפּיל פון טראַגישער לצנות אין גאָר אַ נייער קינסטלערישער קוואַליטעט, אין גאָר נייע אומשטענ־דן פון יידיש־סאָוויעטישערווירקלעכקייט! נישט אומזיסט טוט זיך אַ זאָג דער דיכטער, פאַרויספילנדיק דעם נאָענטן טויט: „ווי לאַנג נאָך אויף דער וועלט, איז גלויב איך און האָף: דעם פּורים־שפּיל מיינעם דערשפּילן ביז סוף״...

אין זיין נישט איבעריק גרויסער לידער־זאַמלונג „די פערטע סטרונע״ (סאָוועטסקי פּיסאַטעל״ 1969) קאָן מען אָנציילן אַ גוטן טוץ לידער, וועלכע דערשיטערן מיט זייער יידיש־מענטשלעכן פּיין, און וועדליק אונדזער מלך ראַוויטש זאָגט ערגעץ, איז דאָס, דאַכט זיך, גענוג כדי אַריינצוגיין אין דער אייביקייט. *

✶

אומזיסט איז פונדעסטוועגן דער באַס פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ געווען אַזוי זיכער, אַז נאָר אים אַליין איז געגעבן דאָס רעכט צו דערמאָנען דעם

* זע צום סוף שפּעטערדיקע באַמערקונגען.

פאַרשיקונג־לאַגער וואָרקוטאַ, און אויף דער לענין־סטאַלינישער אידעישער הייך זינגען וועגן מאָרד פון פּרץ מאַרקיש. אויך גאַנטאַרס לאַקייאישע לאַ־גער־איבערלעבענישן זענען, פאַרשטייט זיך, גאַנץ כשר, ווייל אַלע זיינע גראַמערייען וועגן לאַגער גייען זיך צוזאַמען אין איין אומשולדיקער סכע־מע: ווען נישט זיין געוועזענער גוטער פריינד, וואָס האָט אויף אים אָנגע־רעדט אָדער אָנגעשריבן אַ מסירה (ער „זוכט אַלץ אַ מיטל צו וואַשן אים ריין"...), וואָלט ער דאָך פאַרשפּאָרט, זיך מאַטערן נעבעך אין פאַרשיקונג און אַזוי בענקען נאָך די געטרייע ווייב און קינד, נעבעך!

ניין, די צוויי זענען נישט פאַרבליבן די איינציקע, וואָס האָבן „געוואָגט". אויף די שפּאַלטן פון דער אויסלענדישער פּרעסע האָבן זיך דאָך דורכגעריסן פּאַטעטישע ווערק, וועלכע האָבן מער אָדער ווייניקער אָפן גערעדט וועגן דעם צווייטן נאָך היטלערן פּרווו צו פאַרניכטן דאָס יידישע פאָלק און זיין קולטור. אַזעלכע לידער האָבן פאַרעפנטלעכט מאיר כאַראַץ, יוסף קערלער און נפתלי הערץ. קאָן, ז"ל. איינער פון די ערשטע, דאַכט זיך, האָט דורכגעבראָכן די שווייג־בלאָקאַדע אַרום דעם רוצחישן מאָרד איבער די סאָוועטיש־יידישע שרייבערס זיאַמע טעלעסין, דער ווייסרוסיש־פּאַליעסיער זינגער פון דורות־דיקן שטאַם און פאַרוואָרצלטקייט, אַ דיכטער וואָס ווייס דעם סוד ווי צו מאַכן פון „אַ קוואָרט אַ וואָרט", ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען דעם אַזוי היימישן און אַזוי פיינלעך באַקאַנטן, שוין לאַנג פאַרשניטענעם שטייגער פון אַ פּאַליעסיער שטעטל, — אין ריינער, מיט טרויער־באַהויכטער פּאָעזיע...

ער, טעלעסין, האָט איינער פון די ערשטע פאַרעפנטלעכט צוויי לידער אין די וואַרשעווער „יידישע שריפטן", לידער, וועלכע אָטעמען מיט עכטן און גערעכטן צער־און־צאַרן. דאָס זענען „די באַלאַדע וועגן מיין מעמאָריאַלער ברעט" און „דאַברושינס שטעקן" — אַ ליד, פון וועלכן מע קאָן נישט ציטירן קיין באַזונדערע שורות אָדער סטראָפן. מע מוז עס דורכלייענען פון אָנהייב ביז צום סוף.

„ווער ווייס ניט זיין הילצערנעם שטעקן — / אַ זכר נאָך אים אַ פאַרבלי־בענער, / ווער ווייס ניט דאָס הענטל פון שטעקן, / וואָס איז ווי אַ ריש אַ פאַרשריבענער. / אָט זע איך די סוקלעך די קרומע, / אַזוי ווי פון קופּער געשמאָלצענע, / דאָס שיכל דאָס ווייכע פון גומי, / ניט קלאַפּן די פּוס זאָל די האָלצענע. / ס'איז דער בעל־הבית פונעם שטעקן / געווען אַ ייד שוין אַן עלטערער / אים האָט ביז צום שטאַרבן געעקלט / דאָס קלאַפּן אַזוי אין דער וועלט אַריין. / אָט גייט ער אַ גרייזער אַ גרויער, / זיין גוף איז

געזעצט און ברייט־ביינערדיק, / די אויגן מיט חכמה און טרויער, / אַפילו זיין הינקען איז חנוודיק. / אַט זיצט ער — ער איז ווי אַ פּאַטער, / וואָס לאָזט זיינע קינדער ניט ליאַרעמען / די קין זיינע אַנגעשפּאַרט האָט ער / אַן שטעקן — אַן הענטל אַן וואַרעמען. / אַט רעדט ער — עס בליצן די ברילן, / אַ סימן, ער איז אַ דערצאָרנטער. / ס'איז אויס מיט דעם מענטשן דעם שטילן, / ער קלאַפּט מיט דעם שטעקן און וואָרנט אונדז, / געקומען איז ער מיט אַ שליחות / צו זיין מיט אַ האַרץ אַ צעצונדענעם, / "די הייבאַם פון אונדזערע ביכער" / לויט בערגעלסאָנס זאָג דעם געלונגענעם. / די מערדער, די פינצטערע חיות, / ס'איז גוט אונדז באַקאַנט זייער בושעווען, / — זיי האָבן דעם שטעקן אויף דרייען / צעבראָכן אויף אים, אויף דאָב־רושינען! / אַט זע איך די שטיקלעך פון שטעקן, / דאָס הענטל — אַ ריש אַ געשריבענער / מע דאַרף נאָר, אַז כוח זאָל קלעקן / ביי אונדז, ביי די לעבן־געבליבענע. /

אויב סע קלעקן כוחות אויסצוהאַמערן אין סאָוויעטיש־יודענראַטלערישע טעראָר־אומשטענדן אַזאַ וווּנדערלעך רעאַלן דענקמאָל דאָברושינען, האָב איך שטענדיק געגלויבט, אַז אַט אַזאַ קרעפטיקער דיכטער וועט אויך גע־פינען כוח זיך אַרויסצורייסן צוזאַמען מיט רחל בוימוואָל פון יענעם פרעמדן לאַנד, וואָס איז דאָך אונדז ליב, און זיך איבערפלאַנצן אויף דער אייגענער ישראל־ערד. דאָ, אין ירושלים, איז די ערד אַ פעלדזיקע, אַ שטייניקע, און ס'איז נישט אַזוי גרינג זיך אַריינצופלאַנצן, אָבער חוץ ישראל איז קיין אַנדער באָדן פאַר יידישער דיכטונג נישטאָ אויף גאָר דער וועלט, און כוח, גלייב איך, וועט קלעקן ביי אונדז, ביי די לעבן־געבליבענע.

רחל בוימוואָל, זאָגט מען, איז נישט פון די גרינגע מענטשן. אַפילו ווערגעליס האָט געהאַט פון איר צו זינגען און צו זאָגן. און ... ער זאָגט נאָך ביז היינט; אַ סך, מיין איך, וועלן נאָך האָבן אויסצושטיין פון אירע "אמת־אַריינזאָגענישן", און ס'איז נישט קיין חידוש, ווייל אונדזער דיכטערין האָט געהאַט אַ פיינלעך־שווער לעבן, אָנהייבנדיק פון איר אומגליקלעכער קינדהייט. אַ וווּנדער איז יאָ, ווי האָט זי אויסגעהיט אין איר געזאַנג אַזוי פיל קינדערישע פאַרחידושטקייט פאַר וועלט און מענטש, פאַר גראָז און בלעטל. אַפילו אין יענע לידער, וואָס האָבן צו פאַרדאַנקען זייער עקשנותדיקע מייסטערישע רייפקייט דווקא דער ביטערסטער לעבנס־דערפאַרונג, הערט זיך די שטים פון אַ באַעוולט קינד:

"דער אויסדרוק" פון אייזן" — ער צווינגט שוין היינט לאַכן. / איך ווייס,

אַז פֿאַראַן זײַנען שטאַרקערע זאַכן. / נאָר איך װעל פֿון דעם זיך ניט װיסנדיק מאַכן, / מיט טרערן װעל איך אין די אױגן דערװײַזן, / אַז איך בין פֿון אײַזן! / אַז איך בין פֿון אײַזן!"

ס'האָט זיך פֿאַרגעדענקט, װי אױף דער ערשטער און אײנציקער גרויסער באַגעגעניש מיט מאָסקװער ייִדישע לייענער, װאָס מע האָט דעם זשורנאַל "סאָװעטיש היימלאַנד" דערלויבט איינצואָרדענען אין זאַל פֿון שרײַבער־פֿאַרבאַנד, איז דער הייס־דאָרשטיקער נאָך אַ ייִדיש װאָרט עולם ביסלעכװײַז אָפּגעקילט געװאָרן און זיך אָנגעהויבן צו נודזיען, אויסהערנדיק אַזױפֿיל קאַזיאָנע רייד סיי פֿון רוסישע ליטעראַטור־טשינאָװניקעס, סיי פֿון ייִדישע "אידעאָלאָגיש־אויסגעהאַלטענע" גראַמען־פֿלעכטער, און פּלוצעם האָט זיך דער זאַל אַ רודער געטאָן, אױפֿגעלעבט, כאָטש פֿון דער בינע האָט זיך געטראָגן נישט קיין פֿרײלעכער מאַזשאָר, נאָר דער אמת האַרבער טראַגישער אמת. רחל בוימװאָל האָט געלייענט:

"ניט גערעדט מיט דיר לאַנג, מײַן לייענער, / און דו האָסט געװאָרט גערדולדיק / װאָרף ניט אױף מיר קיין שטײנער, / גלויב, אַז ניט איך בין שולדיק! / איך האָב ניט געשטומט װי אַ פֿיש, / און איך האָב װי אַ שלאַנג ניט געשװיגן. / װי אַ באַרג־טײַכל דורכזיכטיק־פֿריש / האָט זיך דורכגעשלאָגן מײַן ניגון, / נאָר אין װעג איז געלעגן אַ שטיין. / און ער איז געװען ניט איינער! / איך גלויב, אַז דו װעסט מיך פֿאַרשטײן / און ניט װאַרפֿן אױף מיר קיין שטײנער. / דו ביסט אַ מבין אויף אַלץ, / אויף שײנעם און אויף ניט שײנעם... / מיר האָבן ניט איין פֿוד זאַלץ / אױפֿגעגעסן אינײנעם, / טאָ װער האָט געמאַכט אַזױ, / אַז מיר זאָלן דאַרפֿן זיך שיידן, / װער האָט געמאַכט אונדז גרוי / מיך און דיך —ביידן?!"

װען די דיכטערין האָט פֿאַרענדיקט לייענען, איז די אומגעריכטע פּאַוזע אויפֿגעריסן געװאָרן פֿון אַ פֿריידיקער פּאַטשערײַ. ענדלעך האָט דער ייִדישער עולם דערהערט דאָס, נאָך װאָס ער איז אַהער געקומען...

צוזאַמען מיט דער גרינטלעכער איבעראַשצונג פֿון װערטן, װעגן װעלכע מיר האָבן פֿריער גערעדט, װי אױך מיט גרויסן נס — דעם נאַציאָנאַלן װידערגעבורט פֿון ייִדישן פֿאָלק אין סאָװעטן־פֿאַרבאַנד, — איז געקומען דער פֿײַנלעכער חשבון הנפש פֿון דער דיכטערין רחל בוימװאָל:

"דאָרט אין דער טיף בײַ מיר — לידער, געטױטע / העגנען אױף תּליות פֿון גלײַכגילט געבױטע, / ליגן אין גריבער דורך צװייפֿל געגראָבן, — / ס'פּיקן זיי טרערן װי פֿינצטערע ראָבן", און זי שרײַט אין פֿאַרצװייפֿלונג:

„לאָזט אויף דער שוועל מיך ניט, שוועסטער און ברידער, / איך בין דער מערדער פון אייגענע לידער!" אַנדייטנדיק אויף דער סאָוויעטישער אָרטאָ־גראַפיע, וועלכע האָט זי געצוווּנגען קירצן די לאַנגע אותיות „ווי דער דייטשישער ייד — זיין קאַפּאָטע", זאָגט זי היינט אַנטשיידן און פעסט: **„היינט הענג איך אַ שלאָס־מעם אויף די לופטשלעסער פון מיין יוגנט".**

רחל בוימוואָל האָט די לעצטע יאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד, ווי זי דריקט זיך אויס, אַ סך געשריבן אין רוסיש און מער נאָך געשוויגן אין יידיש. אין רוסיש האָט זיך איר איינגעגעבן אַנטפּלעקן אפשר נישט מער ווי אַ צענט־חלק פון איר גרויסער באַגאַבונג, און דאָך איז זי באַרימט און באַליבט געוואָרן ביי מיליאָנען רוסישע לייענער. זאָל דאָ, אויף דער פרייער יידישער ערד, פריש און שטאָלץ אַ קלינג טאָן דאָס באַפרייטע פון דער שוויג־טורמע יידיש ליד פון רחל בוימוואָל!

✶

צו אונדז איז אויך געקומען איינער פון די באַדייטנדיקסטע יידישע דיכטער פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד הירש אָשעראָוויטש, וועמען מיר האָבן דאָ שוין דערמאָנט. מיר טראָגן אים אנטקעגן אונדזער האַרציקן ברוך הבא און אויך ער טראָגט אונדז אנטקעגן, ווי אַ פּרעכטיקע מתנה, זיין ערשט נישט לאַנג דערשינענעם פּאָעזיע־בוך „זונענגאַנג". (סאָוועטסקי פּיסאַטעל, 1969). ס'קומט אַ גרויסער יישר כוח דעם דיכטער, וואָס אין זיין „זונענגאַנג" האָט ער געהאַט דעם גרויסן מוט זיך אומצוקערן און פאַרטיפערן די נאַציאָנאַל אחריותפולע טעמאַטיק פון זיין ערשטן בוך „פון קלעם אַרויס" (פאַרלאַג „עמעס" 1948). פאַראַן אינעם דאָזיקן בוך לידער וואָגיקע, ממש אַנגעלאָגלטע מיט נאַציאָנאַלן פיין: **„זיבן פאַרלאָשענע מנורות, איינגעהילט אין פּרוכתן ווייטעק, שטייען אויסגעשטעלט אין מיין זכרון און וואַרטן אויף אַ שוועבעלע, מיט וועלכן מע זאָל זיי ווידער אָנצינדן",** — זאָגט ער אין אַ ליד מיטן כאַראַקטעריסטישן נאָמען „צוריקקער", און ס'לייכט אויף דאָס גרויליקע בילד פון צעשטערטן ווילנער בית החיים:

„אויפן אַלטן בית עולם / האָט דער ווינט פּלוצעם ניט געפונען די מצבות, / אין וועלכע ער פלעגט זיך פאַרטשעפּען, / און דער בית־עולם גופא / שטייט אָן זיין גדר און אָן דעם טויער, / וואָס פלעגט ניט דערלאָזן, / ער זאָל מיט איינמאָל איינשלינגען / די גאַנצע עדה יידן". /

פון דער לעצטער שורה שפּירט זיך דער שרעקלעכער אומרו נישט נאָר

פאַר די טויטע, נאָר אויך פאַר די לעבעדיקע, און טאַקע אָט דער ברענענדי־קער אומרו האָט עס געיאָגט דעם דיכטער אַוועק פון הייַנטצייטיקן סדום, אַנווייַזנדיק צו לעצט מיט ביטול און פאַרביטערונג: „אָט איז ער דער וועג פאַרדאַרבענער פון סדום — סדום פאַרטריבן האָט און אויסגעלאַכט דעם טרוים".

✶

אונדזער פּאָעטישער פאָלקס־אוצר איז געוויס באַרייַכערט געוואָרן מיט נאָך אַ דיכטער, אַ געקומענעם פון ווילנע — יהושע לאַצמאַן. יאָרנלאַנג נאָך דעם ווי ער איז געקומען פון לאַגער־גיהנום, ליגט ער קראַנק און צעבראָכן. ער לאָזט אָבער נישט אַרויס פון צווישן די פעסט־פאַרקרעמפּעוועטע פינגער דעם יידישן גבורה־פאַקל מיטן דעוויז „ניט פאַרגעסן, ניט פאַרגעבן!". די לידער זייַנע, נישט לאַנג פאַרעפנטלעכע אין „די לעצטע נייַעס" — לידער אָנגעהויכטע מיט הבל־הבלים־שטימונגען, פרייען דאָך מיט זייער לויטערער דורכזיכטיקייט, און אַליין די פולקומע שיינקייט פון זייער פּאָעטישער פאָרם לייקנט און פרעגט אָפּ דעם טיפן פעסימיזם פון קראַנקן דיכטער. זאָל ער געזונט ווערן, אונדזער ליבער לאַצמאַן! אַ רפואה שלמה סיי צו זייַן גוף און סיי צו זייַן רייַנער נשמה!

✶

דער וויכטיקסטער צווישן די יידישע פּאָעטן, וועלכע זענען נאָך דערווייל פאַרבליבן אין ראַטנפאַרבאַנד, איז מאיר כאַראַץ * איך זאָג — דער וויכטיקס־טער, האָבנדיק אין זינען נישט נאָר זייַן אָריגינעל־פאָלקישן טאַלאַנט, צו וועלכן איך זע נישט קיין גלייַכן, איך זאָג עס, ווייַל ער איז אַציַנד דאָרט דער איינציקער, וואָס איז נישט פעיק צו זאָגן אַ ליגן אין זייַן דיכטונג. זעט מיט וואָס פאַראַ עכט־חסידישער התלהבות ער טאַנצט עס אויס דאָס הייליקע געבאָט פון זייַן לעבן:

„נישט קיין ליגן זאָגן / צוליב ברויט, / ס'לעבן איז אַ ווידוי זאָגן, /

* שוין יאָרן ווי מאיר חרץ לעבט מיט אונדז אין ירושלים און רעאַליזירט אין דער פולסטער מאָס זייַן פרוכטבאַרע שעפערישע טעטיקייט.

ביזן טויט"... / נישט קיין ליגן זאָגן / צוליב גליק, / ס'לעבן איז אַ ווידוי זאָגן, / פונעם סאַמע וויג. / נישט קיין ליגן זאָגן / צוליב פאַלשער פרייד, / ס'לעבן איז אַ ווידוי זאָגן / טאַנצנדיקערהייט"...

האַרט פאַר דער זעקסטאָגיקער מלחמה איז מאיר כאַראַץ אַרויס מיט אַ ליד, וואָס וועגט אַריבער מיט זיין באַדייטונג די גאַנצע דיכטונג אין יידיש במשך פון צען יאָר "סאָוועטיש היימלאַנד". דאָס ליד איז וואָגיק און היס־טאָריש וויכטיק, ווייל עס איז דאָס איינציקע, וואָס דריקט אויס די אמתע שטימונג פון יידישן פאָלק אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד בעת יענע פאַר ישראל גורלדיקע טעג. אָט איז דאָס דאָזיקע ליד:

"ס'איז שטיל, אַזוי שטיל, אַז איך הער, / ווי ס'ציטערט מיין האַרץ אין דער שטילקייט. / די ערד איז פול מיט געוועהר, / מיט שאַרפער אַנגעצילט־קייט. / ס'איז שטיל, אַזוי שטיל אין דער לופט — / די אויערן ווערן צעריסן / פון וואַרטן אויף אַ רוף — / דער רוף פון וועלט־געוויסן. / ס'איז שטיל, אַזוי שטיל אין דער נאַכט — / די וועלט איז איינגעשלאָפן / און איבערגע־לאָזט אַן אַ וואַך / אַזוי פיל מערדעריש וואָפן. /

וויפל יידישער, וויפל מענטשלעכער אומרו, ליבשאַפט און ציטערניש זענען פאַרבאָרגן אין אָט די פראָסטע שורות!

די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג פון רוסלענדישן יידנטום, דאָס אומקערן זיך צום דורותדיקן יידישן שורש, דער עקשנותדיקער קאַמף פאַר אַ פרייער עליה קיין ישראל, וועלכן ס'פירן דער עיקר יידישע יוגנטלעכע — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערוקט אַ גאַנצע ריי פאָלקס־זינגער, וועמענס לידער ס'גייען פון האַנט צו האַנט, וועמענס לידער מע זינגט און מע דעקלאַמירט. אַזעלכע לידער האָבן פאַרפאַסט און פאַרפאַסן אין יידיש נחום קליינשטיין פון ריגע, דער געוועזענער יידישער פאַרטיזאַן מאַניק (זלמן) האַלצבערג און זיין פרוי אסתּר פון ווילנע, דער מלחמה־אינוואַלד ד"ר אַשר בלאַנק פון לענינגראַד. אַוודאי שטייען זייערע שאַפונגען ניט שטענדיק אויף דער געהעריקער פאַכמענערישער הייך. זיי טיילן זיך אָבער אויס מיט זייער אויפריכטיקייט און באַווירקונגס־קראַפט. אָט די שאַפונגען, ווי אויך אַנאָנימע יידיש־סאָוועטישע פאָלקס־לידער מוזן געזאַמלט און אַרויסגעגעבן ווערן סיי אין יידיש סיי אין עברית־איבערזעצונג, דאָס אַלץ זענען ווערטפולע קינסטלע־רישע דאָקומענטן פון אונדזער גרויסער צייט.

לאָמיר גלויבן און לאָמיר האָפן און לאָמיר זיך ראַנגלען פאַר דעם, אַז אין ס"פ זאָל אויפלעבן אַן עכטע יידישע קולטור סיי אין יידיש, סיי אין עברית

ווי אויך אין רוסיש... דאָס אַלץ מיט אַן אויסבליק אויף פרייע קאָנטאַקטן מיטן וועלט־יידנטום.

די דאָזיקע פּערספּעקטיוו זעט מיר דערווייל אָבער אויס צו זיין זייער ווייט און ווייניק רעאַל, יעדנפאַלס פיל ווייטער אַפילו ווי דער אויסבליק אויף יציאת־רוסלאַנד.

שפּעטערדיקע באַמערקונגען

1. וועגן שלמה רויטמאַן

מיט גרויס פאַרגעניגן נעם איך אויף צוריק מיין דעמאָלטיקע פּעלערהאַפטע אָפּשאַצונג וועגן איינעם פון אונדזערע סאַמע באַגאַבטע יידישע דיכטער שלמה רויטמאַן. די אָפּשאַצונג איז געגעבן געוואָרן אויפן סמך פון זיינע לידער־פּובליקאַציעס אין ״סאָוועטיש היימלאַנד״. צו אונדז איז נאָך דאַן ניט דערגאַנגען זיין לידער־זאַמלונג, אַרויסגעגעבן אין מאָסקווע א.נ. ״דער מאַמעס ניגון״, שוין אָפּגערעדט פון די שפּעטער־פאַרעפנטלעכטע לידער־ווערק אין ישראל ״דער לץ און דער ריטער״, אַרויסגעגעבן דורכן קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל (פּרץ־פאַרלאַג 1975), ווי אויך זיינע פּרעכטיקע סאָנעטן צו ישראל, וועלכע האָבן זיך רעגולער געדרוקט אין ״ירושלימער אַלמאַנאַך״ און שפּעטער אַריינגענומען געוואָרן אין שלמה רויטמאַנס לידער־זאַמלונג ״מיין ישראלדיק שופר״ — סאָנעטן און לידער (1976).

2. וועגן אייניקע ״מעמוארן״

ס׳וואָלט זיך מיר זייער געוואָלט איגנאָרירן די, אײדל גערעדט, טשיקאַווע ״מעמוארן״ וועגן יידיש־סאָוועטישע שרייבער פון מיין קאָלעגע יאַנקל יאַקיר (זע אין ״צוקונפט״ 7–8 פאַרן יאָר 1975 — **״אהרון ווערגעלים און משה טייף״**, ווי אויך אין ״אונדזער אייגן וואָרט״ נומ. 52 פאַרן יאָר 1976 א.נ. **״מיר איז גוט — איך בין משוגע (אַ געשיכטע וועגן שיקע דריז)״**.

יאַנקל יאַקיר איז אַ פיל־געליטענער מענטש און כ׳האָב בפירוש געהאַט אויף אים מיטלייד, ווען ער האָט צוריק מיט אַ שטיק צייט געכאַפּט אַ ביטערן אָפּשניט אין דער ישראל־פּרעסע פאַר די ״געשיכטע״־אויסטראַכטענישן וועגן זיינע באַגע־גענישן מיט איציק מאַנגער און מיט דער מאַנגער־משפחה; אַן אָפּשניט סיי פון איציקס שוועסטער שיינדעלע, סיי פון דעם גרויסן דיכטערס לעבנס־פריינד — דעם פאַרדינסטפולן שרייבער יצחק פּאַנער.

— מילא, — האָב איך געטרייסט, מיין חבר יאַנקל יאָקיר, זאָל לעבן, — און אַז מע טוט אַמאָל אַפּ אַ נאַרישקייט, דאַרף מען זיך אַזוי נעמען צום האַרצן ?...

ער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט טרייסטן און איז דאַן געווען שטאַרק נידער־געשלאָגן...

וואָס זשע קאָן איך אָבער טאָן אַצינד, ווען אָפּגעבריט זיך אויף דער מאַנגער־מעשה, האָט יאָקיר מיט גרויס פלייס אָנגעהויבן צי דרוקן זיינע פאַנטאַסטישע וואַריאַציעס אויף דער טעמע: יידיש־סאָוועטישע דיכטער, "מעמוּאַרן" — אין זעלבן נוסח פון "העכסט־אינטערעסאַנטע פּאַסירונגען", אויסגעזויגענע פון פינגער "ביאָגראַפישע פּרטים", אויסגעקלערטע האַנדלונגען און "אינטימע געשפּרעכן" פון אַ נאָענטן שמועלקע מיט די באַשריבענע העלדן.

יאַנקל יאָקיר איז אַ פיינער דערציילער, מיט אַ חוש פאַר הומאָר, מיט אַ קערנדיקער פאָלקסטימלעכער שפּראַך און ס'איז שווער צו לייקענען, אַז ער קאָן פאַרעכנט ווערן אַלס איינער פון אונדזערע באַגאַבטע און אייגנאַרטיקסטע פּראָזאַי־קער און עסעיסטן (זע זיין בוך "אַ שליטן מיט ישובניקעס". פרץ־פאַרלאַג, תל־אביב, תשל"ד).

דעריבער דאַרף אונדז, די געקומענע פון ר"פ, באַזונדערס פאַרדריסן די "שיינע", "פּיקאַנטע", אָבער אַבסאָלוט פאַלשע באַשרייבונגען און "אידעאַליזאַציעס", וועלכע צייכענען אַ פאַרקריפּלט בילד פון אונדזער נאָענטער ליטעראַטור־געשיכטע, באַ־זונדערס פאַרדריסלעך, וואָס אַזעלכע אין תוך ריכטיקע אָפּשאַצונגען וועגן דער אַטמאָספער אין רעדאַקציע "סאָוועטיש היימלאַנד", וועגן דער ראָל פון אייניקע קאַלאַבאַראַנטן למשל ווי **נחום אויסלענדער** אָדער **אברהם גאָנטאַר** (וואָס האָט, אגב, שפּעטער פון משה טייפן אָנגעהויבן צו "מיטאַרבעטן"...) אָט די אַלע אמתן פאַרלירן זיך אויך אין דער אויסגעקלערטער מעמואַרן־וועלט פון י. יאָקיר. כ'וועל זיך פּרוּוון אין די דאָזיקע באַמערקונגען צוריק ברענגען צו דער נישט לאַנג פאַר־גאַנגענער ווירקלעכקייט די צוויי ליטעראַרישע פּאָרטרעטן, וועלכע ס'האָט פאַר אונדז אַרויסגעבראַכט אין זיינע זכרונות יאַנקל יאָקיר:

א. וועגן משה טייף ע"ה

גאַנץ מעגלעך, אַז משה טייף ע"ה האָט אפשר געגעבן אַ ווערטפולן צושטייער דער יידיש־סאָוועטישער ליטעראַטור מיט זיינע לעצטע ווערק, אין וועלכע ער באַנוצט, אויף זיין שטייגער, תנ"ך־מאָטיוון...

ס׳קלינגט אָבער ווי אַ בייזער חוזק, ווען יאַקיר שטעלט אַרויס טייפּן, — דעם ערשטן, נאָענטסטן און סאַמע טרייען מיטהעלפער פון ווערגעליסן, — אַלס קעגנער און פּראָטעסטאַנט קעגן דעם זעלבן ווערגעליס . . .

אמת, אַז משה טייף האָט נישט איבעריק ליב געהאַט דעם סאָוועטישן רעזשים, וואָס האָט אים צוויי מאָל געררודפט און געוואָרפן אין די צוואַנגס־לאַגערן, ניט געקוקט אויף זיין טרייער דינסט (זע — זיין יעווסעקיש־„פּראָלעטאַרישן״ בוך ״לידער״ מינסק, 1930).

אמת, אַז אויך זיין שעף־רעדאַקטאָר האָט ער פיינט געהאַט און שטילערהייט, אונטער פיר אויגן, האָט ער געקאָנט אַמאָל באַווייזן אַ פייג . . . אין קעשענע . . . אָבער געדינט האָט ער דאָך ווערגעליסן בלב ונפש.

וועגן אַנדערע זאַכן דאַרף מען בעסער שווייגן. זאָל מען אים עס דאָרט מוחל זיין — קיין גרינג לעבן האָט ער דאָך ניט געהאַט.

ב. וועגן שיקע דריז ז״ל

וואָס שייך שיקע דריזן — איינעם פון די סאַמע קאָלאָריטע און טראַגישע דיכטער אין דער יידישער וועלט־ליטעראַטור, איז ער אויך אין לעבן נישט געווען קיין גרויסער בונטאָר, אַפילו ווען ער פלעג זיך פאַרשיכורן.

איך בין נאָענט באַפריינדעט געווען מיט דריזן; פריער פון 1946 ביז מיין אַרעסט — אָנהייב 1950. שפּעטער — סוף 1955, האָט ער דער ערשטער צווישן די ״ביט געזעסענע״ מיך באַגעגנט שוין אויף דער פריי — האַרציק און חבריש.

ער האָט זיך געטוליעט און געזוכט וואַרעמקייט אין אונדזער קליינער יידישער משפּחה. ער האָט דאָן אַפילו געווידמעט איינעם פון זיינע שענסטע לידער־ציקלען מיין קליינינק זונדעלע א.ג. ״בערעלען״.

ווייס איך, קאָן איך עדות זאָגן, אַז שוין דאַן איז ער געווען אַ צעפּייניקטער, אַ צעבראָכענער ייד, ווען ס׳האָט אַן אויפהער געמאַטערט דאָס געוויסן (צום אונ־טערשייד פון אייניקע פּשוט ציניקער, וועמען ס׳האָט קיינמאָל, גאָרניט נישט געקימערט).

געוויס האָט אים געמאַטערט אויך דאָס, וואָס ער האָט ערגעץ אין אוקראַינע איבערגעלאָזט זיין ווייב־און־קינד און אַריינגעפאַלן אין אַ פרעמדער פּאַר אים, אַ פיינטלעכער, וואָלט איך אַפילו געזאָגט, אַטמאָספער פון דער ״אַדעליקער פרוי וואַלענטינאַ פּעטראָוונאַ פּערעסוויעטאָוואַ״, ״דער רוסישער רות המואביה״ — ווי יאַקיר קרוינט זי און אויף וועמענס נאָמען ער טרוימט אַפילו צו פאַרפלאַנצן אין ישראל ״דאָס סאַמע שענסטעביימל לזכר די נשים צדקניות״ . . .

וועגן דער מעשה מיט דער סימולירטער משוגעות פון שיקע דריזן, כדי זיך אויסצוהיטן פון טורמע, האָב איך עפּעס נישט געהערט ניט פון שיקען אַליין, נישט פון זיין "אַדעליקער".

וואָס שייך יידישע ביכער, — האָב איך קיין זכר פון קיין יידיש בוך נישט געזען ביי אים אין שטוב... און דאָס האָט מיך שטענדיק געוווּנדערט. אין יאָר 1958 האָב איך אים געשענקט אַ פּאָר בענדער פון י״ל פּרץ, וועלכע כ'האָב באַקומען פון פּוילן, ער האָט זיך דאַן, געדענק איך, שטאַרק דערפרייט מיט דער מתנה... אָבער אין אַ יאָר אַרום זענען אויך די דאָזיקע צוויי יידישע ביכער פאַרשוווּנדן פון זייערע ביכער־פּאָליצעס.

די לעצטע ווערטער געווענדעט צו זיין פרוי, וועלכע יאַקיר שרייבט צו דריזן:

— איך דאַנק דיר, מיין ווייב, וואָס דו האָסט מיך געמאַכט פאַר אַ משוגענעם... אין דיין זכות שטאַרב איך כאָטש מיט אַ קלאָרן... טויט.

זייער שיין!

אָבער דער ריינער אמת:

שיקע דריז, דעם יידישן דיכטער, האָט מען אין 1950 יאָר אויסגעשלאָסן פון דער פּאַרטיי, כלומרשט פאַר נישט צאָלן קיין מיטגלידס־אָפּצאָל...

מיט שיקע דריזן זענען מיר זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, ווייל ער איז צו פיל אַוועק אין שפּאַן פון "סאָוועטיש היימלאַנד", אָבער קיין פּאַרטיי־מיטגליד איז ער, ווייס איך, קיינמאָל צוריק נישט געוואָרן!

בלויז נאָכן טויט, האָט מען אים איילּיק, אַ דאַנק די באַמיוּנגען פון דער ענערגי־שער פערעסוויעטאָוואַ... צוריק אַריינגענומען אין די רייען פון דער "רומפּולער" פּאַרטיי, כדי אים מקבר זיין ווי "אַ טרייען מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי", ווי ס'איז געשריבן געוואָרן אינעם טרויער־קאָמוניקאַט פון סאָוועטישן שרייבער־פאַראיין...

יאָ, אפילו נאָכן טויט האָט מען געשפּילט מיט שיקע דריזן זיין טראַגישע "פּורים־שפּיל"...

ס'איז געווען אוודאי אַ וואָך צייט פאַר אונדזער אָפּפאָרן קיין ישראל. מיר זענען מיט מיין פרוי געקומען אין גרויסן זאַל פון שרייבער־פאַראיין אויף וואָראָווסקי 51, כדי אַרויסבאַגלייטן אונדזער אַמאָליקן פריינט און באַליבטן דיכטער...

און דאָס האַרץ ווערט ביז היינט צעריסן פון ווײ, ווען מיר דערמאָנען זיך די פּאָמפּעזע פּאַרטיי־"פּאַניכידאַ"... און כ'וואָלט געמעגט שווערן, אַז דער נפטר האָט ביטער אַרויסגעשמייכלט פון זיין ארון אַרויס...

מאָסקווע, 1956. יוסף קערלער און שיקע דריז ז״ל



מיטן דיכטער יאָסל קאָטליאַר ע״ה. (1957)

עליה

די צעשטערטע לעגענדע וועגן ״שווייגנדיקן יידנטום״
(פון אַ רעפעראַט)

פון 1948 ביז 1956 איז ביי כמעט 3 מיליאָן רוסלענדישע יידן אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. דאָס יידישע וואָרט — דאָס שריפטלעכע ווי דאָס מינדלעכע, איז פּאַקטיש פאַרווערט געווען. פּונקט ווי אַמאָל העברעיש, אַזוי שפּעטער איז יידיש דערקלערט געוואָרן אַלע ״בורזשואַז־נאַציאָנאַליסטישע שפּראַך״.

די גרעסטע מערהייט שרייבער, קינסטלער, קולטור־טוער האָבן געשמאַכט אין די סטאַליניסטישע טורמעס און צוואַנגס־לאַגערן. די וויכטיקסטע פון זיי, — האָט מען פּשוט... צעשאָסן. יידישע ביכער, גאַנצע ביבליאָטעקן, האָט מען לויטן היטלעריסטישן נוסח, געשליידערט אויף די שייטערהויפנס, אָדער זיי זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מאַקולאַטור...

מיר וועלן זיך דאָ געוויס ניט אָפּשטעלן, נאָר בלויז דערמאָנען, אַז דאָס אַלץ איז פאַרגעקומען אויפן פּאָן פון אַ טאָטאַל־פּאַנאַנדערגעוויקלטער דורך דער קאָמפּאַרטיי און סאָוועטישער רעגירונג פּאָגראָם־העצע: דאָס בלוט־בילבול אויף יידישע פּראָפעסאָרן־מעדיקער, די אַזוי־גערופענע ״מערדער אין ווייסע כאַלאַטן״; די טאָג־טעגלעכע געמיינע אַנטיסעמיטישע פּובליקאַציעס אויף די שפּאַלטן פון דער גאָרער פּיל־שפּראַכיקער סאָוועטישער פּרעסע; דער פאַרשאַרפטער קאַמף קעגן די אַזוי־גערופענע ״קאָסמאָפּאָליטן״ און ״אַגענטן פון אַלוועלטלעכן אימפּעריאַליזם״ — די כלומרשטע ״ציוניסטן״.

מיר וועלן ניט פאַרגעסן יענע יאָרן, ווען פאַר אַ יידן איז געפערלעך געוואָרן זיך צו באַווייזן אויף עפנטלעכע פּלעצער, ווען אין די שטעט פון יידישער מאַסן־קאָנצענטראַציע זענען שוין פאַרגרייט געווען וואַגאָנען צום דעפּאָרטירן.

די יידישע באַפעלקערונג פון ראַטנפאַרבאַנד האָט אַ גוטן זכרון. מיר האָבן דאָס גוט פאַרגעדענקט. און ווי כ׳האָב שוין אַמאָל פאַרצייכנט: נאָך יענע שרעקלעכע יאָרן אין לעבן פון סאָוועטישן יידנטום 1948—1953, איז פאַר

יעדן פילבאַרן און דענקענדיקן מענטש, אַרויסגעטראָטן דער אַבסאָלוט-נאָ־קעטער און ביז גאָר ווייטיקלעכער אמת: דער בלוטיקער בונד צווישן דער יידישער מינדערהייט מיט דער רוסלענדישער רעוואָלוציע און מיטן סאָוויע־טישן רעזשים — איז ביז צום גרונט אויפגעלייזט געוואָרן. ניין, נישט אונדזער גלויבן אינעם "ווייַן פון פלאַמיקן געדעכט", נישט אונדזער קרבנות־פולע איבערגעגעבנקייט צו די אידייען פון סאָציאַלן יושר; ניט מיר האָבן באַנקראָטירט, באַנקראָטירט האָט דער סאָוויעטיש־סטאַליניסטישער רע־זשים, וועלכער האָט פּראַקטיש פאַרוואַנדלט אַלע שיינע אידייען אין זייער היפּך. דער רעזשים, וואָס אָפּהאַלטנדיק דעם גרויסן נצחון איבערן היטלע־ריסטישן דייטשלאַנד, איז אַליין פולשטענדיק באַהערשט געוואָרן דורך דער ראַסיסטישער יידן־פרעסערישער אידעאָלאָגיע פון צעשמעטערטן שונא. און דאָ, מיין איך, שלאָגן מיר זיך אָן אויף די טיפע וואָרצלען פון דעם גרויסן נס, וועלכן מיר הערן ניט אויף צו באַוואונדערן — די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג פון סאָוויעטישן יידנטום.

נאָך סטאַלינס טויט, ווען פאַר דער גאַנצער וועלט, — דערין אויך דער קאָמוניסטישער, — האָט זיך אַנטפּלעקט דער גאַנצער שוידער פון אומבאַגרענעצטער מאַכט אין די הענט פון באַגרענעצטע אויסוווּרפן; דאַן, ווען די נייע כרושטשאָוו־אַנפירונג איז געצוווּנגען געווען רעהאַבי־ליטירן, פריילאָזן פון די טורמעס און טויט־לאַגערן אויך לעבנגעבליבענע יידישע קינסטלער און קולטור־מענטשן — וועל איך קיינמאָל ניט פאַרגעסן די ערשטע באַגעגעניש מיט דעם וווּנדערלעכן דיכטער שמואל האַלקין ז"ל. ער איז דאַן נאָר וואָס געקומען פון איינעם אַ וויסטן לאַגער ביים צפונדיקן פּאָליאַר־קרייז. דאָרט האָט מען פאַר אים ניט געפונען קיין אַנדער באַשעפ־טיקונג ווי רייניקן קלאָזעטן... געקומען איז ער אויף צוריק ניט ווי קיין רעהאַביליטירטער, נאָר מען האָט אים אָפּגעלאָזט נאָך דעם ווי אַ ספּעציעלע קאָמיסיע האָט באַשטימט, אַז ער איז שוין סיי ווי סיי אַ נוצלאָזער אינוואַ־ליד... (אין לאַגער זייענדיק, האָט ער שוין דורכגעמאַכט צוויי שווערע האַרץ־אַטאַקעס). איצט האָט ער ביי זיך אין דער היים, אויפן פאָרמאַנאָוו־געסל, געמוזט לעבן האַלב־לעגאַל, ווייל אין מאָסקווע איז אים נאָך פאַרווערט געווען צו וווינען.

איך האָב געטראָפן דעם ליבן גוטן האַלקינען אַ באַוואַקסענעם מיט אַ געדיכטער שוואַרצער באָרד, דורכגעוועבט מיט גרייזע, פּראַסטיקע פּעדים. ער איז נאָך געקליידעט געווען אין דער לאַגער־הלבשה — אַ וואַטאָווקע,

אַדער ווי מען רופט עס אין רוסיש — „פּופּייקע״. מיר האָבן זיך זייער דערפרייט און לאַנג זיך ניט געקאָנט אָפּרייסן איינער פון אַנדערן, דער נאָך איז גלייך אַוועק אַ סדרה לידער... קיין זאַך אויף דער וועלט האָט האַלקין אַזוי ניט ליב געהאַט ווי אויסדיכטן, לייענען און הערן לידער; מיט יעדן געלונגענעם פערז, אַן אייגענעם צי אַ פרעמדן, פלעגט ער זיך פרייען ווי אַ קינד. די העכסטע מדרגה פון התפעלות איז געווען אַן אויס־געשריי אין שכנותדיקן צימער אַריין:

— מאַרי, דו הערסט? הער! הער!

אויף וואָס מאַרי ז״ל, די טרייע פרוי זיינע, פלעגט אַריינקומען מיט אַ שיינענדיקן שמייכל:

— איך הער, איך הער. אַוודאי הער איך...

ס'איז מיר אַזוי גוט געווען, וואָס האַלקין האָט פאַר די לאַגער־יאָרן, אין פראָסט און אין וויוגע, ניט אַנגעוואָרן זיין גלעטנדיק־ברוסטיקע שטימע און זיינע מילדע אויגן האָבן אַריינגעבליקט גלייך און האַרצן אַריין. איינע אַ ליד האָט מיך אויפגעטרייסלט אויפן גאַנצן לעבן. די דאָזיקע ליד איז צום גליק דערגאַנגען צו דער פרייער וועלט און פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער „גאָלדענער קייט״. צענדליקער אַנדערע וועלכע איך האָב געהערט פון אים, זיינען ליידער ביז היינט אין ערגעץ ניט פאַרעפנטלעכט...

דער קיצור פון אָט דער ליד: ווען ס'איז צעשטערט געוואָרן דער בית המקדש, האָט דער כהן־גדול אַ וואָרף געטאָן די שליסלען צום הימל און דערפאַר, ווייזט אויס, זיינען פאַרבליבן ביז היינט, צעזייט אויף גאָר דער ערד, כהנ׳ס, קאַגאַנס, קאַגאַנאָווס, כהנובסקיס אאז״וו. מיר האָבן פון אונ־דזער, להבדיל, בית־המקדש, ווען ער האָט געברענט, די שליסלען ניט געוואָרפן, נאָר געלאָזט זיי ביי זיך — אין דערפאַר וועלן מיר באַשטראָפט זיין און אונדזער נאָמען וועט אויסגעמעקט ווערן פון דער ערד...

ווען האַלקין האָט דערזען טרערן אין מיינע אויגן, האָט ער מיך פאָטער־לעך געטרייסט:

— פונדעסטוועגן איז גוט, וואָס איר האָט אויך אין לאַגער געשריבן לידער. מע דאַרף שרייבן, פאַרשרייבן, באַשרייבן באַדאַרף מען, קערלער — ער האָט אַ פיר געטאָן ביים האַלדז: — מע קאָן, חלילה, דערוואָרגן ווערן, ווען סע בלייבט שטעקן די שטומקייט אין גאָרגל!...

נאָך דער
"באַפרייונג..."

שמואל האַלקין
1960–1897

איציק קיפּניס
1976–1896

עטוואָס ענלעכס האָב איך דערהערט, ווען כ׳האָב זיך באַגעגנט מיט נאָך איינעם אַ יידישן קינסטלער, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס אומגעקערט פון די לאַגערן. דאָס איז געווען דער אַמאָל באַרימטער אַרטיסט און זינגער מיכאל עפּלבאום. מען קאָן ניט זאָגן, אַז ער פלעגט פולקאָם באַהערשן דעם סוד פון קינסטלערישער מאָס, נאָר דער עולם האָט אים פאַרגעטערט, דער־פאַר ווייל די גאַנצע ריזן־קראַפט פון זיין טאַלאַנט און די מעכטיקע שטים האָט ער ממש בלב ונפש אַריינגעאָטעמט אין יעדער ליד באַזונדער. איך האָב זיך מיט אים געטראָפן אין אַ קליין צימערל פון איינעם אַ מאָסקווער האָטעלכל "באַלטשוג". ער איז געלעגן קראַנק מיט אַ פוס־טראָמבאָזע.

— איך מוז זינגען — האָט ער ווי אַ פאַרוווּנדעטע חיה געברומט. — כ׳מוז זינגען יידישע לידער, אַז ניט וועל איך דערשטיקט ווערן!

מיט גרויס מי, אויסנוצנדיק דאָס אַזוי־גערופענע ליבעראַלע כרושטשאָוו־ווינטל, האָט ער זיך טאַקע דערשלאָגן אַ דערלויבעניש אויף עטלעכע קאָנ־צערטן פון יידישע פאָלקס־לידער. און דאָ געשעט אויך אַ שטיקל נס: יידן וועלכע האָבן ערשט נעכטן מורא געהאַט אויסריידן אַ יידיש וואָרט — קומען מאַסנווייז אויף יעדן עפּלבאום־קאָנצערט. כ׳ווייס ניט צי מיכאל עפּלבאום האָט אין זיין בלי־צייט געהאַט אַזאַ גראַנדיעזן דערפאָלג, ווי אין דעם לעצטן יאָר פון זיין לעבן. יעדער קאָנצערט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַז אמתער מאַניפעסטאַציע פון ליבשאַפט צום יידישן וואָרט און פאָלקס־ליד...

און אַזוי טאַקע, אויף דער בינע, אונטערן געהילך פון באַגייסטערטע אָוואַציעס, האָט ביי אָט דעם אַרטיסט פּלוצעם געפּלאַצט דאָס איבערפּולטע האַרץ און ער איז אַ פאַל געטאָן ווי אַן אונטערגעזעגטער צעדער דאָרט אין די צפון־וועלדער, פונוואַנען ער איז ניט לאַנג געקומען.

שפּעטער האָבן איינס נאָך איינס זיך באַוויזן באַזונדערע אַרטיסטן־גרופּן אָדער סאָליסטן — רעשטלעך פון שוין לאַנג ליקווידירטע יידישע טעאַטערס אָדער אַנסאַמבלען... די אייביק יונגע, טרויעריק־פאַרשייטע אַנאַ גוזיק, די זאַפטיק־פאָלקסטימלעכע בעסאַראַבערין סידי טאַל, דער זינגער זינאָווי שולמאַן וואָס האָט זיך אומגעקערט פון סיביר מיט אָפּגעפרוירענע פינ־גער... יעדער קאָנצערט איז דערלויבט געוואָרן נאָך לאַנגע מאַטערנישן, אָפּשלעפּענישן און אַ גאַנצער סעריע באַליידיקונגען... ביז היינט דערלאָזט מען כמעט נישט קיין יידישן אויפטריט אין די צוויי אַמאָל וויכטיקע יידישע קולטור־צענטערס: קיעוו און מינסק. אין מאָסקווע גייט אָן די פּראָצענט־נאָרמע — ניט מער ווי צוויי גאַסטראָלן אַ יאָר, סיידן ס׳קומט עפּעס אַ

גרויסע טוריסטן־גרופּע פון אויסלאַנד, וועלכע אינטערעסירט זיך מיט יידישקייט... ביז היינט איז גילטיק דער זאָג פון סאָוויעטישן קולטור־מיניסטער מאַדאַם פורצעווא:

— ס׳איז ניט אין אונדזערע אינטערעסן, אַז אַ סך יידן זאָלן זיך מיט איינמאָל צונויפקלייבן אויף איין אָרט...

אין 1956סטן יאָר האָט זיך אין מאָסקווע באַוויזן אַ יונגע, קליינטשיקע און דאַרינקע פרוי. די ליטווישע פילהאַרמאָניע האָט זי אויסגעוויילט אָנ־טיילצונעמען אין אַל־סאָוויעטישן קאָנקורס פאַרן בעסטן אויספירער פון עסטראַדע־און פאָלקס־ליד. געדאַרפט האָט זי רעפּרעזענטירן דאָס ליט־ווישע ליד, זי האָט אָבער אויך אויסגעזונגען אַ פּאָר יידישע לידער און... דער גאַנצער זאַל, צוזאַמען מיט דער הויכער זשורי, איז מיטגעריסן געוואָרן פון דער בראשיתדיקער פרישקייט און עקשנותדיקער גבורה, מיט וועלכע אַט די קליינינקע פרוי האָט אַרויסגעכישופט דעם יידישן ניגון און דאָס יידישע וואָרט. מען האָט זי געמוזט אויסצייכענען מיטן ערשטן פּרייז פון יענעם קאָנקורס. דאָס איז געווען נחמה ליפשיץ. אויפן אַפיש האָט זיך איר נאָמען געלייענט אויף ליטוויש — ליפשיצייטע.

— וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ מין פאַמיליע — ליפשיצייטע ? — האָט זיך איינער געוווּנדערט.

— וואָס פאַרשטייסטו ניט — האָט אים דער צווייטער פאַרטייטשט מיט אַ גראַם: ווען מע דאַרף זינגען אין שלעכטע צייטן, ווערט פון ליפשיץ — ליפשיצייטע.

ס׳איז אָבער געווען ניט גאָר קיין שלעכטע צייט. ס׳איז געווען דער אָנהייב פון נאַציאָנאַלער דערוואַכונג. אוודאי קאָן מען אויסטייטשן ווי אַ נס דאָס וואָס אויף די קאָנצערטן פון נחמה ליפשיץ, בנימין חיטאָווסקי, קלעמענטינאַ שערמעל און אַנדערע, פלעגן די גרעסטע זאַלן פאַרפולט ווערן, מער ווי אַ העלפט, מיט יוגנט. וואָס איז געשען ? — וועט איר פרעגן, נאָך אַזאַ מין בלוטיקן טעראָר ? (דאָן זיינען שוין פאַריבער מינדעסטנס 25 יאָר זייט ס׳איז פולשטענדיק ליקווידירט געוואָרן דאָס יידישע שול־וועזן). ווי קומט אַזוי פיל, דאַכט זיך, אַסימילירטע יוגנט אויף יידישע קאָנצערטן ? פאַרוואָס נעמען זיי זיך צונויף אין פאַיע בעת די אַנטראַקטן און מען טאַנצט ניט קיין מאָדערנע טענץ, נאָר דווקא אַ ״פריילעכס״, אַ ״שער״, אַ ״האָראַ״ ? פאַרוואָס נעמט מען זיך צונויף אין רעדלעך און אין דער מיט אימפּראָוויזירט איינער אַ בחור אויף אַ גיטאַרע אַ מין ניי־מאָדישן יידיש־פאָלקלאָר אין

רוסיש, אָדער עפּעס אַ הומאָריסטישן מאַקאַראָניק מיט גאַנץ שאַרפע אַנדייטן וועגן "באַנדיטן־אַנטיסעמיטן"? — אַנטקעגן דעם, וואָס מע זאָגט: "דאָס שווייגנדיקע יידנטום פון רוסלאַנד"...

קיינער האָט כמעט ניט באַמערקט ווי ס'איז שוין געוואָרן אַ טראַדיציע, אַז יידישע יוגנט נעמט זיך צונויף מאַסנווייז ביי די איינציקע בתי־הכנסת פון מאָסקווע, ווילנע, ריגע, אָדעס, כדי צו פּראַווען אַ פריילעכן שמחת תורה... און אָנגעפאַנגען האָט זיך עס גאַנץ פשוט: אין איינעם אַ שמחת תורה, ערגעץ אין זעלבן 1956סטן יאָר, איז געקומען צו דער מאָסקווער שול העכער אַ צענדליק יוגנטלעכע מיט אַ טייפּ־רעקאָרדער. אויף דער מאַגנעטאָ־טאַשמע זיינען פאַרשריבן געווען ישראלדיקע טענץ און געזאַנג־לידער, אויך יידישע־פאָלקס־לידער. אַנטקעגן די הויכע טרעפּ, וועלכע פירן צו דער מאָס־קווער קאָלאָנען־שול, האָבן זיי זיך אַ לאָז געטאָן אין אַ התלהבותדיקן טאַנץ. פאַרבייגייער האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרוווּנדערטע, אַרומגערינגלט די טאַנצנדיקע, יידן אין טליתים האָבן ווי האַלב אין דרעמל אַרויסגעקוקט פון שול, דרייסטער געוואָרן, צוגעקומען צום רעדל און אַליין געוואָרן מיטגע־צויגן, אַריינגעוואָרפן זיך אין טאַנץ...

ס'איז דאָן געווען אַן אומדערהערטע חוצפה פון סאָוויעטישע יידן אַרויס אין דרויסן מיטן טלית און אויסטאַנצן די פרייד פון שמחת תורה... ווי אַ פאַרסמטע מויז איז אַרומגעלאָפן דאָס האַרבאַטע שמשל וועלכער באַדינט ניט אַזוי דעם דת, ווי דעם קאַט... אַ טייערן פרייז האָט באַצאָלט פאַר אָט דעם טאַנץ דוד חבקין, איינער פון די בחורים וואָס האָט געבראַכט מיט זיך דעם טייפּ־רעקאָרדער. כרושטשאָווס "ליבעראַלן" האָבן אים פאַרשפּאַרט אויף 5 יאָר "אויסבעסערונג־לאַגער" אין מאָרדאָוויע.

אָבער ווען ער האָט זיך באַפרייט און צוריק אַוועק שמחת תורה צו דער זעלבער שול, איז ער ממש געפּלעפט געוואָרן: דאָס גאַנצע שול־געסל איז שוין פאַרפּלייצט געווען מיט יינגלעך און מיידלעך. פיל טויזנטער האָבן אַציגנד געזונגען פריילעכע ישראל־לידער און געטאַנצט יידישע טענץ, אונ־טער די קלאַנגען פון פאַרשיידענע מוזיקאַלע אינסטרומענטן און טייפּ־רעקאָרדערס.

טייל וווּנדערן זיך און קוועטשן מיט די פּלייצעס: וואָס עפּעס האָבן זיי דאָרט אויסגעקליבן אַלס גרעסטן נאַציאָנאַלן יום־טוב דווקא שמחת תורה?

ווען מיר גיבן אַ בלעטער די געשיכטע פון אונדזער אוראַלט־יונגן פאָלק, דערוויסן מיר זיך, אַז שמחת תורה איז איינער פון די גאָר יינגסטע יום־

טובים ביי יידן, געשאַפן און איינגעשטעלט געוואָרן אין יידישע קהילות צום סוף פון דער גאונים־עפּאָכע, ד.ה. אַרום דעם 9טן און 10טן יאָר־הונדערט. די דאָזיקע פייערונגען דערוויסן מיר זיך ווייטער, האָבן באַקומען אַ באַזונדערע חשיבות דווקא אין די סאַמע טראַגישע און אומגליקלעכע צייטן פון פאָלק, נאָך די שרעקלעכע קרייץ־צוגן, אין דער צייט פון דער שוואַרצער מגיפה אין אייראָפּע, ווען טויזנטער יידן זיינער אויסגעמאָרדעט געוואָרן דורכן צעיושעטן המון, אָן אויפגעהעצטן דורכן וויסטן בילבול, אַז זיי, די יידן, פאַרסמען כלומרשט ברונעמער און פאַרשפּרייטן די פּעסט צווישן דער קריסטלעכער באַפעלקערונג... דווקא אין יענע טעג איז געשאַפן געוואָרן דער פריילעכער יום־טוב שמחת תורה. דאָס אַליין באַווייזט בולט די העכסטע איבערמענטשלעכע עקשנות פון פאָלק צו בלייבן פאָלק — אויסזינגען און אויסטאַנצן מיט דער הייליקער תורה אין די הענט פרייד, דווקא אין דער שטיקנדיקער אַטמאָספער פון רדיפות און גזירות.

מיר געדענקען דאָך, אַז אויך צום היינטיקן אַזוי־גערופענעם סאָציאַליס־טישן רוסלאַנד האָבן זיך דערקייקלט יענע מיטלאַלטערלעכע בלוט־בילבו־לים אויף יידן אין די יאָרן 1948—1953. מיר וויסן אויך, אַז ביזן היינטיקן טאָג ווערן פאַרשפּרייט אין די מיליאָנען די שענדלעכע פּאַשקווילן פון קיטשקאָ, יורי איוואַנאָוו און אַנדערע רויטע שוואַרץ־מאַהניקעס. דאָרט, אונ־טער דעם נעבעכדיקן צודעק פון אַנטי־ציוניזם, ווערט פּאַקטיש געפירט און פאַרשפּרייט איבער גאָר דער וועלט אַ וויסטע, געמיינע העצע קעגן יידן און יידישקייט. דאָרט ווערן איבערגעחזרט אַלע מיטלאַלטערלעכע ליגונים, באַקרעפטיקט מיט שפּאָגל־נייע, אויסגעבאָרגטע ביי געבעלס־שטרייכער און ביי די אַראַבישע נעאָ־נאַציסטן.

טאָ וואָס איז דער חידוש, וואָס דווקא שמחת תורה איז געוואָרן דער נאַציאָנאַלער יום־טוב פון סאָוויעטישן יידנטום ? ס'איז אַ חידוש און אפשר טאַקע אַ נס, וואָס צו דעם האָבן זיך דערטראַכט אונדזערע ייִנגלעך און מיידלעך וואָס וויסן ניט קיין אות אין סידור, רוסיפיצירטע און אָפּגע־פרעמדטע פון יידישער דערציִונג און פאָלקס־טראַדיציע ! מען דאַרף אָנ־נעמען, אַז עס עקזיסטירט, ווייזט אויס, אַ מין בלינדער פאָלקס־אינסטינקט, אַ מין סטיכישער געשיכטלעכער חוש וואָס וועקט זיך און ווערט פאַרשאַרפט אין מינוטן ווען ס'דראָט אַ טויט־געפאַר אונדזער פאָלק, און אַז דער מערדערישער חלף פינקלט שוין פון דער ווייטנס. ווידער פאַרמעסטנדיק זיך אויף אונדזער האַלדז — אין דעם טאָר מען נישט צווייפלען, וויל הונדער־

טער טויזנטער סאָוויעטישע יידן אידענטיפיצירן זיך אָפן און שרעקלאָז מיטן פאָלק ישראל און מדינת ישראל. דאָס אַליין איז אין גוואַלדיקער סתירה צום איצט הערשנדיקן גרויס־רוסישן שאָוויניזם, וועלכער איז אין תוך ראַסיסטיש און אַנטי־יידיש, מעג ער זיך אויסבאַהאַלטן הינטער די שענסטע דעמאַגאָגישע פראַזן וועגן אינטערנאַציאָנאַליזם און פעלקער־פריינדשאַפט.

פאַראַן אַן אוקראַיניש ווערטל „שאָ נאָ מענע, טאָ נאָ טעבע״. דאָס קאָן באַטייטן: וואַרפן אויפן קעגנער די אייגענע שמוץ. די דערפאַרונג לערנט אונדז, אַז דאָס איז אַן אויסגעפּרוּווטע טאַקטיק פון דער סטאַליניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. לעצטנס זיינען די פּראָ־סאָוויעטישע יוצא־משרתים אויף דער יידישער גאַס אַרויסגעטראָטן מיט אַ קלינגעוודיקן, אָבער גאַנץ ווערעמדיקן זאָג וועגן דער כלומרשטער „אַנטי־סאָוויעטישער היסטעריע אויף די שפּאַלטן פון דער בירגערלעכער פּרעסע אין אויסלאַנד״. (ס׳איז נייטיק צוצוגעבן, אַז „בירגערלעכע״ באַטייט אייגנטלעך אויף זייער זשאַרגאָן די גאַנצע יידישע וועלט־פּרעסע, חוץ, פאַרשטייט זיך, דער קאָמוניסטישער). אויב שוין רעדן וועגן אמתער היסטעריע, דאַרף מען אַ בלעטער טאָן די סאָוויעטישע פּרעסע פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר, כדי זיך איבערצייגן אין דער עקזיסטענץ פון אַן עכטער אַנטי־ישראל היסטעריע. כ׳וואָלט געזאָגט — אַ פּערמאַנענטע היסטעריע. ס׳שלאָגט מיט זיי ממש דאָס ניינטע קדחת בלויז ביים דערמאָנען דאָס וואָרט ישראל... מ׳קאָן מיט רעכט זאָגן, אַז אויף קיין איין לאַנד אין דער וועלט האָבן זיי ניט געשליידערט אַזוי פיל שקר און שמוץ ווי אויף ישראל. וועגן קיינעם רעדט מען דאָרט ניט מיט אַזוי פיל גרינער גאַל און בלוט־דורשטיקער רציחה ווי וועגן ישראל... אין דער אומגליקלעכער ביאַפראַ און אין בענגאַליע זיינען אויסגעמאָרדט געוואָרן און געשטאָרבן פון הונגער מיליאָנען מענטשן, אין אינדאָנעזיע און אין די „פּראָגרעסיווע״ אַראַבישע לענדער זיינען אויסגעהרגעט געוואָרן צענדליקער טויזנטער קאָמוניסטן — אָבער די סאָוויעטישע פּרעסע מאַכט זיך ניט קיין גרויסן צימעס פון אַזעלכע קלייניקייטן... די גרעסטע געפאַר, זעט איר, פאַר דער מענטשהייט, שלום און פּראָגרעס, איז לויט זיי, דווקא דאָס קליינע ישראליקל מיט זיינע 3 מיליאָן יידן.

ביז נישט לאַנג איז אַלגעמיין אָנגענומען געווען, אַז דאָס בלאָקירטע יידישע פאָלק פון ראַטנפאַרבאַנד איז אַ פּאַסיווער שווייגנדיקער ציבור. ווען ס׳פלעגט נויטיק זיין, פלעגט מען אַרויסשטעלן און מ׳שטעלט אַרויס ביז היינט דרשענען אין נאָמען פון אָט דעם פאָלק פאַרשיידענע „יידיש־אָפּשטאַ־

מיקע" גענערעלער, רעדאַקטאָרן און סתם אויסוואורפן. מעגלעך, אַז עמעצער פלעגט אָננעמען פאַר ערנסט זייערע ליגנערישע, איינגעחזרטע און אויס־געדראָשענע דרשות. אונדז דאָרט, אין סאָוויעטנפאַרבאַנד, שלאָגן צו דער גאַל זייערע פאַלשע רייד... די דאָזיקע יידיש־אָפּשטאַמיקע אומלייט פון "סאָוויעטיש היימלאַנד" סטאַרען זיך מיט אַלע כוחות אויפהאַלטן די ראַסיס־טישע ווערסיע וועגן דעם, אַז מיר יידן פון פאַרשיידענע לענדער זיינען ניט קיין נאַציע און האָבן איינס מיטן אַנדערן קיין שום געמיינזאַמס ניט. אַז מען הרגעט, הייסט עס, יידן אין רוסלאַנד, דאַרף עס ניט ווײ טאָן דעם יידן פון אַמעריקע, אַז מען שלאָגט יידן אין פוילן, דאַרף עס ניט אָנגיין דעם יידן פון פראַנקרייך. און אַז מען וויל דערשטיקן ישראל — דאַרף עס בכלל קיינעם ניט אַנרירן. פאַרקערט — די "פּראָגרעסיווע יידן" דאַרפן נאָך צוהעלפן דערשטיקן אָט די סאַמע געפערלעכסטע נעסטן פון אימפּעריאַליזם, לויט זייער מיינונג.

די ווירקלעכקייט האָט אָבער דערוויזן, אַז דאַן ווען די פינצטערע חיילות פון האַלב־פעאָדאַלן איסלאַם און נעאָ־נאַציסטישן אַראַביזם האָבן אַרומ־גערינגלט פון אַלע זייטן אונדזער ישראל, ווען די סאָוויעטן האָבן שוין אין זייער פּראָפּאַגאַנדע פון פאַרויס געיובלט זייער נצחון איבער אונדזער היימלאַנד — דאַן זענען אויך געווען די סאַמע דראַמאַטישסטע טעג פאַר די סאָוויעטישע יידן. מיר זענען פאַרצאַפּלטע געזעסן ביי די ראַדיאָ־אויפ־נעמערס און יידן, טרעפנדיק זיך אין גאַס, פלעגן שטילערהייט, לשם קאָנספּיראַציע, פרעגן איינער ביים אַנדערן — אַ מאָל: "וואָס מאַכט דאָס קינד?" און אַ מאָל "וואָס הערט זיך ביי דער מאַמען?" ווייל ישראל איז ווירקלעך אונדזער אַלעמענס קינד און אונדזער אַלעמענס מאַמע...

דער מיטאָס וועגן "שווייגנדיקן ציבור" איז אויפגעריסן און צונישט געוואָרן דורך די סאָוויעטישע יידן גופא. איצט איז שוין קלאָר פאַר דער גאַרער וועלט, אַז דער העראָישער גערעַנגל וועלכן ס׳האָבן געפירט יאַשאַ קאַזאַקאָוו, טינאַ בראָדעצקאַיאַ אָדער רות אַלעקסאַנדראָוויטש, איז ניט געווען קיין גערעַנגל פון יחידים. הינטער זיי זענען געשטאַנען טויזנטער אין אַן אַבסאָלוט אָפענעם קאַמף פאַר אַ פרייער עליה צוריק צום היסטאָרישן פאָטערלאַנד פון אונדזער פאָלק — קיין ישראל. יאָ, דער קאַמף איז אַן אָפענער, ווייל זיינע שטרעבונגען און אַלע זיינע פאָדערונגען באַזירן זיך אויף די אַלוועלטלעכע דעקלאַראַציעס פאַר מענטשן־רעכט, ווי אויך אויף דער סאָוויעטישער געזעצגעבונג.

יאָ, ס'איז נייטיק נאָך אַמאָל און טאַקע ווידער אַמאָל דערמאָנען, אַז דער קאַמף וועלכן ס'פירן די סאָוויעטישע יידן פאַר זייער רעכט, איז פון קיינעם ניט אָרגאַניזירט און דורך קיינעם קיינמאָל ניט געריכט געוואָרן.

דער סטיכישער אויסברוך פון יידישן זעלבסטבאַוווסטזיין, פון יידישער ווירדע און יידישער גבורה, איז אַ גאַטירלעכער רעזולטאַט פון דער קאָלאָסאַלער אויפרייספולער רעזערוו־אָנזאַמלונג פון נאַציאָנאַלער אומרעכט און באַעוולהטקייט במשך העכער 50 יאָר "קאָנסעקווענטע לענין־סטאַליני־שע נאַציאָנאַל־פּאָליטיק" אין באַצוג צום יידישן פאָלק און צו זיין קולטור.

און אַזוי ווי די היינטיקע סטאַליניסטישע קרעמל־וועלף זענען דערוויילניט בכוח צוריקדרייען די ראָד צו מאַסן־טעראָר און מאַסן־מאָרד; אויף וויפל סיי די ברענענדיקע נויט־באַדערפענישן פון זייער עקאָנאָמיק און טעכניק, סיי די גאַנץ ביטערע סיטואַציע פון אויסן, צווינגען זיי אָנבינדן אַלץ אָפטערע און ענגערע קאָנטאַקטן מיט דער אַזוי גערופענער פרייער וועלט — האָבן די דאָזיקע וועלף אויך געמוזט אַרויפציען אויף זיך די פעל פון פרידלעכע לעמער... זיי מוזן זיך אויסדרייען צו אַמעריקע און איי־ראָפּע ניט מיטן אמתן אַזיאַטישן פרצוף, נאָר כלומרשט מיט אַ מענטשלעך, גוטמוטיק־שמייכלענדיק פּנים. ס'איז, אייגנטלעך, ניט אַזוי שווער אָן איבע־ריק מאָל אַריינצונאַרן די נאַיווע וועלט־עפנטלעכקייט, בפרט, ווען די סאָוועט־טן פאַרמאָגן דאָך, ווי ס'קאָן דוכטן, אַ לייטישע געזעצגעבונג מיט אַ גאַנץ, ווי זאָגט מען דאָס, דעמאָקראַטישער קאָנסטיטוציע! אָבער ווי דאָס האָבן שוין אָנטפּלעקט פאַר דער וועלט פילצאָליקע דאָקומענטן פון רוסלענדיש־דעמאָקראַטישן "סאַמאיזדאַט", לעבט ניט דער ראַטנפאַרבאַנד לויט דער אייגענער קאָנסטיטוציע, לויט די אייגן־געשריבענע געזעצן. דאָרט איז גילטיק אַ געהיימע געזעצגעבונג, וועלכע מאַכט אָפּט צו אַש און בלאָטע אַלע עפנטלעכע געזעץ־פּאַראַגראַפן און קאָנסטיטוציע־פּונקטן. דער גורל פון בירגער, פון דער געזעלשאַפט און, ווי ס'האָט שוין באַוויזן די ניט ווייטע פאַרגאַנגענהייט אַפילו פון גאַנצע פעלקער — איז אָפּהענגיק פון אַ געהיימער אינסטרוקציע, פון אַ פאַרמאַכטן בריוו, אָדער פּשוט — פון אַ פאַרטרוילעכן טעלעפאָן־באַפעל פון דעם אָדער יענעם הויכגעשטעלטן סאַטראַפּ. און דאָס איז דער ריינער, אַלגעמיין באַוווסטער אמת און פאַר אָנטפּלעקן דעם דאָזיקן אמת, באַשטראָפט מען אין רוסלאַנד האַרבער ווי פאַר אַרויסגעבן די גרעסטע מלוכה־סודות פון לאַנד. פיל הונדערטער האָט מען טאַקע דערפאַר אַריינגעשלײדערט אין צוואַנגס־לאַגערן און משוגעים־

קאַזעמאַטן, ווייל אייגנטלעך, האָבן ניט די סאָוויעטן קיין גרעסערן מיליטע־רישן אָדער מלוכהשן סוד, ווי אָט דעם ריינעם נאַקעטן אמת.

אויך קעגן דער יידישער באַפרייונג־באַוועגונג פירט מען דאָרט ניט קיין אָפענעם קאַמף, נאָר אַ טיף באַהאַלטענעם, טראָץ אַלע סאָוויעטישע געזעצן. מען רופט אַרויס אין די געוויסע קאַבינעטן פון דער געהיים־פּאָליציי, כדי שאַנטאַזשירן און אָנוואַרפן שרעק אויף די וועלכע האָבן אָנגעגעבן זייערע פּאַפּירן אַרויסצופאָרן קיין ישראל, מען העצט אויף פאַרמאַכטע פאַרזאַמלונ־גען און מען באַשמוצט אין דער פרעסע. מען באַשטראָפט, חלילה, ניט די קיעווער יידן פאַר מאַכן אַן אזכרה איבער די קדושים פון באַבי יאַר, נאָר מען זעצט אין טורמע פאַר שטערן, כלומרשט, די עפנטלעכע רו און אָר־דענונג. מען צעטרייבט, חלילה ניט, די יונגע מתפללים, וואָס קומען צו דער שול, מען גיט זיי בלויז צו 15 מעת־לעת אַרעסט פאַר כלומרשטן כוליגאַניזם.

דעם מאָסקווער אינזשיניער וולאַדימיר סלעפּאַק, וועלכער טרעט אַרויס אָפן און מוטיק פאַר פרייער עליה, האָט מען שטילערהייט אַרויסגעיאָגט פון דער אַרבעט, לויט אַ געהיימער אינסטרוקציע אָפּגענומען ביי אים אַלע רעכט באַשעפטיקט צו זיין לויטן פאַך. אַצינד קלייבט מען זיך אים משפטן, ניט חלילה, ווייל ער וויל פאָרן קיין ישראל, נאָר... פאַר ליידיק־גייערי ("טונעיאַדסטוואָ").

אַלזאָ, די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד פירן אַן אָפענעם און גערעכטן געראַנגל, זיי שטיצן זיך דערביי אויך אויף דער סאָוויעטישער געזעצגעבונג. נישטאָ ביי זיי קיין צענטער, קיין אָרגאַניזאַציע און קיין ציוניסטישער אונטערגרונט, ווי דאָס ווילן אונגדז אריינריידן סיי פאַרביטערטע שונאים, סיי געפערלעך־נאַיווע פריינד. — ס'איז פאַראַן דער גרויסער נאַציאָנאַלער גאולה־דראַנג און ס'איז פאַראַן דאָס גרויסע מאָראַלישע געפיל פון אַבסאָלוטער גערעכ־טיקייט. דעריבער האָבן זיי ניט קיין מורא אַרויסטרעטן אָפן, אָנגעבנדיק זייערע פולע פאַמיליע־נעמען און אַדרעסן. דאַקעגן זשע די סאָוויעטישע אַדמיניסטראַציע, וועלכע פאַרלעצט און ברעכט די אייגענע געזעצגעבונג — זי מוז קעמפן אין געהיים און אַנאָנים. זי איז, נעבעך, פאַריאָגט אין אַ אונטערגרונט און פון דאָרט פּלאָנעווען זיי און פירן דורך אַלע זייערע פינצטערע מעשים. זיי האָבן ניט, פאַרשטענדלעך, דאָס מאָראַלישע געפיל פון גערעכטיקייט; דעריבער, באַהערשנדיק די מעכטיקסטע אָרגאַניזאַציע און גרויזאַמסטן צוואַנגס־אַפּאַראַט, האָבן זיי, פונדעסטוועגן, יאָ מורא פאַר

דער עפנטלעכקייט. אויב ס'איז אין רוסלאַנד פאַראַן עמעץ, ווער ס'געפינט זיך אין אונטערגרונט, איז דאָס דער סאָוויעטישער מלוכה־אַפּאַראַט גופא.

צוזאַמען מיטן וווקס פון אונדזער נאַציאָנאַל־באַפרייערישער באַוועגונג, שטאַרקן זיך אויך די רדיפות קעגן די בעסטע זין און טעכטער פון פאָלק — צענדליקער שמאַכטן אין די תפיסות. די סאָוויעטישע מאַכט־אַדמיניס־טראַציע ווענדט אָן אַלע מיטלען — פון אָפּשרעקן, שאַנטאַזש ביז צו האַרבע רעפּרעסיעס. פונעם באַנאַל־טראַדיציאָנעלן אויסהאַקן די שויבן ביים מאָסקווער כירורג נודעלמאַן, ביז אינסצעניזירטע בילבול־פּראָצעסן מיט דער טענדענץ צו מאָרדן בלויז פאַרן איינעם פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פון "סאָציאַליסטישן גן עדן", ווי דאָס איז געשען ביים לענינגראַדער ענין. טייל ווונדערן זיך, וואָס ניט געקוקט אויף אַלע דראָונגען און רעפּרעסיעס, האַלט זיך אין איין צעפלאַקערן דער גאולה־געדאַנק און די עליה־שטרעבונג פון די סאָוויעטישע יידן. אויף דעם קאָן מען ענטפערן מיטן געניאַלן זאָג פון אונדזער שלום אַש: "אַ ייד האָט מורא פאַר אַ הונט און קריכט אין פייער". און קריכן אין פייער איז דאָ פאַר וואָס: מיר האָבן ב"ה אַ לאַנד און אַ פאָלק אויף גאָר דער וועלט — אַזאַ יאָר אויף אונדז!

פאַראַן אַ פאָלקס־ווערטל וואָס זאָגט — ס'איז דאָ אַ כלל: "אַ הונט וואָס בילט — בייסט ניט". דאָס דאָזיקע פאָלקס־ווערטל ווערט אָבער אָפּגעפרעגט דורך אַן אַנדערן זאָג: "איך ווייס וועגן דעם דאָזיקן כלל, אָבער דער הונט ווייס דאָס ניט..." יאָ, אַוודאי ווייסט ניט דער כלב, אז ער טאָר ניט בייסן!...

די סאָוויעטישע אַדמיניסטראַציע, ווען זי פאַרגעסט זיך און ווערט באַ־הערשט פון רוצחישער יידן־שנאה, בייסט צומאָל זייער בייז (ווי איז דעם, וועמען זיי כאַפּן אַריין צווישן זייערע ציינער). אָבער שוין איצט גייען די בייסער אָפּ מיט בלוט מער פון די געביסענע. און דאָס איז דערפאַר ווייל אויף דער זייט פון אונדזער גערעכטן געראַנגל זיינען אויך די בעסטע, די איידלסטע זין פון רוסישן פאָלק אַזעלכע ווי דער אַקאַדעמיקער סאַכאַראָוו, די זשורנאַליסטן טשעלידזע, און וויקטאָר בוקאָווסקי, די שרייבער וויקטאָר נעקראַסאָוו און לידיא טשוקאָווסקאַיאַ... און דאָס איז דערפאַר, ווייל די גאַנצע באמת פּראָגרעסיווע וועלט־עפנטלעכקייט איז אויך אויף אונדזער זייט. און דאָס איז דערפאַר, פריער פון אַלץ, ווייל מיט אונדז איז ישראל און מיט אונדז זענען אונדזערע ברידער יידן פון אַמעריקע און מערב־אייראָפּע.

מיר זאָגן אויפריכטיק און פון פולן האַרצן: נישט נאָר דערפאַר ווייל רוסלאַנד איז אַ גרויסמאַכט ווילן מיר זיך ניט קריגן מיט איר. מיר האָבן הונדערטער יאָרן געלעבט אין רוסלאַנד, מיר האָבן איינגעזאַפּט אין זיך איר פרייהייט־ליבנדיקע קולטור. מיר געדענקען די ווונדערלעכע רוסישע לאַנדשאַפט און די צאַרטע, טרוימיקע רוסישע ניגונים. מיר האָבן פיל בלוט צוזאַמען פאַרגאָסן... מיר זאָגן: נאָט אייך אָפּ אונדזער עכטע פריינדשאַפט, דאָס איז זייער פיל פאַר אייך — און גיט אונדז אָפּ אונדזערע יידן — דאָס באַטייט נאָך מער פאַר אונדז!

אָבער דער סאָוויעטישער אונ״אַ־פאַרשטייער אַנדריי מאַליק האָט אַ מאָל, אויף זיין אַנטיסעמיטישן שטייגער זיך אויסגעדריקט, אַז די לאַגע פון סאָוויעטישע יידן איז אַן אינערלעכע זאַך, הערט איר, פון די סאָוויעטן, און די געשיכטלעכע דערפאַרונג לערנט, אַז אויב מיר וועלן שטופּן אונדזערע לאַנגע נעזער צו די אינערלעכע ענינים פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד, וועלן מיר, הייסט עס, שלעכט אָפּשניידן...

ניין, ליבינקע חברים־הערן, וועלן מיר ענטפערן: די יידן וועלכע ווילן אומבאַדינגט אויפהיטן זייערע נאַציאָנאַלע רעכט און קולטור־טראַדיציע, די שטאָלצע שבת־קדושדיקע יידן, וועלכע רייסן זיך צו זייער היימלאַנד — דאָס איז ניט קיין אינערלעכע זאַך פון די סאָוויעטן. ס׳איז אונדזער אַלעמענס זאַך — ס׳איז די זאַך פון וועלט־געוויסן וואָס טאָר ניט און וועט ניט דערלאָזן מער קיין טרעבלינקע און באַבי־יאַר, קיין גענאָסייד און ראַסן־האָס!

און וואָס שייך געשיכטלעכע דערפאַרונג, איז ביי דער גאַנצער אַכטונג צום גרויסן רוסישן פאָלק און זיין קולטור, האָבן פונדעסטוועגן מיר, די ״לאַנגנעזיקע״, אַ סך אַ סך אַ גרעסערע דערפאַרונג.

מיר, דאָס קליינינקע פאָלק ישראל, האָבן איבערגעלעבט פיל מעכטיקע וועלט־אימפּעריעס וועלכע האָבן מיט זייער גאַנצער קראַפט און אכזריות פאַרמאָסטן זיך אומברענגען אונדז. אויפן גרונט פון אונדזער טויזנט־יעריקער דערפאַרונג קאָנען מיר וואָרענען און מאָנען ביי אונדזערע פייניקער און באַצווינגער: לאָזט אונדז לעבן, אויב איר ווילט ניט מיר זאָלן אייך אויך וואָס גיכער איבערלעבן!

ירושלים, 1972



בילד — 1. **צבי פרייגערזאָן** ז״ל (צפוני) — באַקאַנטער העברעיִשער שרייבער. געזעסן אין איין רעזשים־לאַגער מיטן מחבר (זע. ״אַרום דער בריסעלער קאָנפערענץ״).

בילד — 2. אויף אַ מסיבה פאַרן אָפּפאָרן קיין ישראל פון עליה־אַקטיוויסט וואַלערי סוועטשינסקי. (1969).

פון רעכט אויף לינקס: וו. סוועטשינסקי, וואָלאָדיע סלעפּאַק, אַניע און יוסף קערלער



אַרום דער בריסעלער קאָנפערענץ

1. סילוויאַ זאַלמאַנסאָן, געלפאַנד און אַנדערע

וואָס מער אונדזער בלוי־ווייסער "באָינג", דער אל־על־עראָפּלאַן פאַרש־נעלערט זיין פלי, אַלץ מער דאַכט זיך — אויב ער איז נישט שטיין געבליבן אויף איין אָרט, שוועבט ער דאָך קוים־קוים, גלייך ער וואָלט איינגעדרימלט אונטער דעם ריטמיש־מאָנאָטאָנעם געברום פון זיינע מעכטיקע מאָטאָרן. אין די קאַבינע־פענצטערלעך שלאָגט אָן אַן אָדם־נאַקעטע זון, אַ בראשית־דיקע מיט שאַרפע שטראַלן. אַזאַ זון מיט אַזעלכע שטראַלן איז צו זען בלויז פון דעם אייביק־בלויען הימל, וואָס איבער די שניי־ווייסע כמאַרעס. פון אונטער אָט די פרידלעכע וואָלקנס ווי מיר זעען זיי, פליוכעט איצט, אַזוי זאָגט מען, אַ גוטער שלאַקס־רעגן און ווייטער מיט אַ פערטל שעה, איבער אייראָפּע, וועט שוין פאַלן, אַזוי הערן מיר, אַ גאַנץ געדיכטער שניי...

יאָ, דער "על־אל" אונדזערער, ווי ס'דאַכט, שוועבט ווי אין דרימל, אָבער אינעווייניק אויף די זיץ־פּלעצער און צווישן די זיץ־פּלעצער איז נישטאָ קיין צייט צו דרימלען און ס'איז דווקא ביז גאָר לעבעדיק. דאָס פאַרקאָכן זיך שוין, ווי מיר שיינט, די "קולואַרן" פון דער בריסעלער וועלט־קאָנפע־רענץ... אַ גוטע העלפט פון דער ישראל־דעלעגאַציע באַשטייט פון פרישע ישראלער, — מייניסטנס געוועזענע אַקטיוויסטן, באַרימטע מיט זייער מוטי־קייט אין געראַנגל פאַר אַ פרייער עליה פון רוסלאַנד. נישט קיין וווּנדער וואָס זיי וואַרפן זיך אַזוי אין די אויגן מיט זייער "קאָכעניש", מיט זייער אַקטיוויקייט: ווער ווי זיי, ווייסט נאָך אַזוי אויף דער אייגענער הויט, מיט אייגענער גוף און נשמה, אָט די אַלע פּראָבלעמען וואָס רינגלען אַרום אַזעלכע, וואָס האָבן זיך דאָרט איינגעשטעלט בלויז אָנצוגעבן די פּאַפּירן אויף אַן אַרויספאָר־דערלויבעניש?

ווער שמועסט נאָך די "אַטקאַזניקעס" — אַזוי רופט מען יענע, וועמען מען זאָגט יאָרנלאַנג אָפּ אין זייערע געזעצלעכע רעכט אויף עליה, יענע,

וואָס זענען אויסגעשטעלט אויף טאָג־טעגלעכן ווילקיר מצד די אַדמיניס־טראַטיווע אינסטאַנצן פון סאָוועטישן רעזשים, יענע, וואָס אויף זיי איז אַנגעמאָסטן דאָס קלוגע ווערטל, אַז אַ ייד האָט מורא פאַר אַ הונט און... קריכט אין פייער...

און דער עיקר — ווער ווייטיקט נאָך אַזוי ווי אונדזערע געוועזענע עליה־אַקטיוויסטן פאַר די אסירי־ציון — די טייערע יידישע ייִנגלעך, וואָס גיבן זיך נישט אונטער אויך אין די אכזריותדיקע סאָוועטישע צוואַנגס־לאַגערן און אין די טרויעריק־באַרימטע קאַזעמאַטן פון "וולאַדימירקע"?...

מיט אונדזער דעלעגאַטן־גרופּע פליט אַצינד אויך סילוויאַ זאַלמאַנסאָן. זי זיצט פאַרקלערט אויף איר פּלאַץ און מיט בלייכע דינע פינגער גלעט זי פאַנאַנדער די לאַנגע ליסטע מיט נעמען פון די אסירי־ציון. אין שוואַרץ־חנעוודיקן אַוואַל פון איר געזיכט לויכטן די אויגן אירע מיט קוים איינגע־האַלטענעם צער פאַר די איבערגעבליבענע דאָרט חברים, פאַר איר מאַן, דעם זייער באַגאַבטן און איצט שוין באַוווּסטן יונגן שרייבער עדואַרד קוזנעצאָוו, וועמען סאיז נאָך פאַרבליבן לאַנגע יאָר אָפּריכטן קנעכטשאַפט אין די סאָוועטישע טורמעס און צוואַנגס־לאַגערן...

סילוויאַ זאַלמאַנסאָן!

נישט איין יידיש האַרץ האָט אויפגעציטערט מיט באַוווּנדערונג און שטאָלץ, ווען דורך אַלע קאָרדאָנען און פאַרצוימונגען האָבן זיך דורכגע־בראָכן צו אונדז אירע לעצטע ווערטער אויפן טראַגיש־באַרימטן פּראָצעס פון די אַזוי גערופענע "עראָפּלאַן־פאַרכאַפּער". סאיז כדאי, ביי דער געלעגנהייט, אויפמישן יענץ נאָך איין, שענדלעך און בלוטדורשטיק קאַ־פּיטל פון דער סאָוועטישער "יוסטיץ": געדענקט איר, אין דעצעמבער 1970 האָט מען געמשפּט אַ גרופּע יונגעלייט בלויז פאַר דעם איינעם ניט רעאַליזירטן געדאַנק וועגן פאַרכאַפּן אַן עראָפּלאַן, כדי זיך דורכרייסן קיין ישראל. די דאָזיקע חברה האָט כמעט ווי געוווּסט, אַז דער פּלאַן זייערער וועט ניט געלונגען.

און לאָמיר איצטער זאָגן גאַנץ אָפן און אויפריכטיק: נישט נאָר די פאַרצווייפלונג פון יונגע היצקעפּ, וואָס האָבן אויף אַלע זייערע געזעצלעכע ווענדונגען וועגן אַ פרייער עליה באַקומען נאָכאַנאַנד איין קאַטעגאָרישן אומגעזעצלעכן אָפּזאָג, נאָר — דער עיקר — דער נאַציאָנאַלער באַוווּסטזיין האָט זיי געשטויסן צו דעם: מיט זייער העלדישער קרבנותפולער אַנטשיידנ־קייט מאָביליזירן די וועלט־עפנטלעכקייט אין שוץ פון יענע סאָוועטישע

יידן, וועלכע אידענטיפיצירן זיך מיט מדינת ישראל און מיט פאָלק ישראל.

דאָס האָט זיך זיי איינגעגעבן, כאָטש די "פאַרשווערונג", ריכטיקער, דער פרווו, איז פון סאַמע אָנהייב, אכזריותדיק דערשטיקט געוואָרן...

לאָמיר זיך דערמאָנען: פאַר אָט דער "יידישער חוצפה" ווי איינער אַ קגב-פאָלקאָווניק האָט זיך אויסגעדריקט, פאַר אָט דעם איינעם ניט רעאַ-ליזירטן געדאַנק, האָבן די "הומאַנע" ריכטער פון "ערשטן סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד" אַרויסגעטראָגן לכתחילה זייער פסק-דין: טויט-אורטייל אי-בער צוויי פון די אָנגעקלאָגטע און פאַר די איבעריקע — די מאַקסימאַלסטע טורמע-טערמינען.

דאַן האָט סילוויא זאַלמאַנסאָן, די איינציקע פרוי צווישן די פאַרמשפטע, באַנוצנדיק זיך מיטן רעכט אויפן "לעצטן וואָרט", אַזוי געזאָגט:

"...אונדז וועט קיינמאָל נישט פאַרלאָזן דער חלום וועגן פאַראייניקן זיך מיט אונדזער אוראַלט היימלאַנד... אייניקע פון אונדז האָבן נישט גע-גלויבט, אָדער גאָר ווייניק געגלויבט אינעם דערפאָלג פון אונדזער פלאַן. שוין אויפן פינלענדישן וואַקזאַל האָבן מיר באַמערקט ווי מען שפּיאָנירט אונדז נאָך. אָבער רעזיגנירן האָבן מיר שוין נישט געקענט...

זיך אומקערן צו דער פאַרגאַנגענהייט, ווידער וואַרטן, ווידער זיצן אויף די טשעמאָדאַנעס... אונדזער טרוים וועגן לעבן אין ישראל איז געווען אָן אַן ערך שטאַרקער פונעם פחד פאַר דעם פּיין, וואָס מע קאָן אונדז פאַרשאַפן... און אויך אַצינד צווייפל איך ניט אויף קיין מינוט, אַז ווען ס'ניט איז, וועל איך פון דעסט וועגן אָוועקפאָרן און לעבן וועל איך אין ישראל... אָט דער חלום, געהייליקט דורך צוויי טויזנט יאָר האָפענונג, וועט מיך קיין מאָל נישט פאַרלאָזן"...

און אַפילו דער זאַרגפּעליק-פילטרירטער געריכט-זאַל, וואָס איז פאַר-פולט געווען מיט ק.ג.ב.-אַגענטן און מיט גראַמילעס-פונקציאָנערן פון אינערן-מיניסטעריום, אַפילו אָט די לייט זענען פאַרשטילט געוואָרן... בלויז די ריכטער זענען אויפגעשפּרונגען צערייצטע פון זייערע פּלעצער, ווען סילוויאַ האָט שטיל און דייטלעך אַרויסגערעדט:

לשנה הבא בירושלים! און אויף ס'נייַ חזר איך איבער:

אויב כ'וועל דיך פאַרגעסן, ירושלים,
זאָל אָפּדאַרן מיין רעכטע האַנט.

...זיצט זי אַצינד, סילוויאַ, מיט דער ליסטע אין דער האַנט און טענהט

עפעס מיט איר מיטשמועסער. רעדן רעדט זי איינגעהאַלטן און שטיל, ווי אַ טויב וואָס ברומט פאַרבענקט פון יענער זייט פאַרפינצטערט און פאַר־קראַטעוועט פענצטערל ביי ערגעץ אַן איינצל־קאַמער...

מיט אייניקע פון אירע חברים איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן נאָך זייענדיק, נישט היינט געדאַכט, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיט איר אַליין האָבן מיר זיך באַקאַנט ערשט בעת איר קומען קיין ישראל, — קוים זיך דורכגעוואָרפן מיט עטלעכע וואַרעמע ווערטער. וואָס שייך איר איצטיקן מיטשמועסער... אַ! צווישן פיל גוט־באַקאַנטע, אַלט־באַקאַנטע און היי־מישע, ביז אַ טרער אין אויג, פּנימער, מיט וועלכע איך פריי זיך היינט אין דאָזיקן רייס, איז זיין פּנים מיר צום נאָענטסטן באַקאַנט און האַרציק־היימיש. שוין ביי די 25 יאָר ווי מיר זענען צוזאַמען געגאַנגען אויף איינער און דער זעלבער געפערלעכער סטעזשקע, וואָס האָט אונדז פאַרט געבראַכט קיין ישראל. צוערשט איז דאָס געווען אַן איינזאַם, אַ פאַרשנייט שמאָל סטעזשקעלע, ווי אין מיטן אַ מינענפעלד... צוערשט האָב איך באַגעגנט מאיר געלפאַנדן ערגעץ אין פעברואַר 1952, ווען מען האָט מיך פאַריאָגט אין איינעם פון די טראַנספּאָליאַרע רעזשים־לאַגערן פון וואָרקוטאַ.

פון וואַנען איז אַהער, — הינטער באַפּראַסטיקטן שטעכדראָט, אונטערן שטענדיקן געוואָי פון דער צפון־וויוגע, פון די וועלף־הינט און פון הינטישן קאָנוואָי, צווישן די טויזנטער הונגעריקע, אָפּגעריסענע באַעוולטע און דערשלאָגענע מענטשן־קנעכט, ווי איז אַהערצו פאַרוואָגלט געוואָרן אָט דאָס דאַרע זעכצניעריקע בחורל, וואָס רופט אויס אַזוי שטאָלץ זיין טיפּיש יידישן נאָמען און פאָטער־נאָמען:

— מאיר בערקאָוויטש!...

גאַנץ פּשוט — געווען איז אין דער אוקראַאינע אַזאַ יידישער כרך — זשמערינקע, אַ שטעטל נישט פון די צו קליינע. אין די אַרומיקע שטעטלעך פלעגט מען ריידן מיט חידוש, מען פלעג זיך אַנדערצײלן מעשיות וועגן דעם גרויסאַרטיקן זשמערינקער "וואָקזאַל". זשמערינקע איז ווי באַוווּסט אַ וויכטיקער אייזנבאַן־קנופּ און די אייזנבאַן־סטאַציע איז דאָרט ווירקלעך אַ גאַנץ שיינער בנין. אָבער פאַר די אַרומיקע שטעטלעך איז דאָס געווען — פּסס! — די שענסטע און באַרימטסטע סטאַציע, געווען צווישן די זיבן וווּנדער אויף דער וועלט צוזאַמען מיט דעם אומאַניער סאָפיעווקע־פּאַרק און, להבדיל, דאָס וויניצער משוגעים־הויז...

איז אַט פון דער זשמערינקע טאָקע קומט עס אַרויס אונדזער כמעט מינדעריעריקער דאָן "מלוכה־פאַרברעכער" מאיר געלפאַנד.

סוף פערציקער יאָרן האָט זיך אין דער אוקראַינע פאַרשטאַרקט די אַנטי־סעמיטישע העצע. אין די געוועזענע אָקופּירטע דורכן דייטש געביטן, באַזונדערס — אין די אַמאָליקע יידישע שטעטלעך האָבן די פאַרבליבענע דאָרט יידן געלעבט אין אייגע שרעק. אַ סך פון זיי האָבן שוין דורכגעמאַכט די שבעה מדורי גיהנום אין די טויט־לאַגערן און געטאָס, אַנדערע האָבן זיך אומגעקערט פון עוואַקואַציע, ניט ווייניק — פון סאַמע פייער — מלחמה־אינוואַלידן, טייל פון זיי — הימלאַזע און אומבאַהאַלפענע האָבן נאָך אַלץ אומזיסט כלאַפּאָטשעט מע זאָל זיי צוריקגעבן די פאַרכאַפּטע נחלות... מיט קללות און זידלעריי האָט מען געיאָגט פון די אייגענע שוועלן... ס'האָבן אויך ניט געפעלט קיין מאָרד־פאַלן.

— זשידעס פאַרשאָלטענע אויף אונדזערע קעפּ!

— ווייניק האָט אייך היטלער געהרגעט!

— נישט דערקוילעטע!

און נאָך איין "חכמהלע" וואָס איז געקומען פון די סאַמע "הויכע פענצטער", מע האָט געזאָגט, אַז אַליין פון אים, דעם דעמלסטיקן גענעראַל־סעקרעטאַר פון צ.ק. פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין אוקראַינע, פון ניקיטקע כרושטשאָוון:

"דאָלגאָנאָסיקי"! (לאַנגנעזלדיקע — אַזאַ מין תבואה־פּאַראַזיט).

די דאָזיקע פּיינע אויסרופן האָבן זיך פראַנק און פריי געלאָזט הערן אומעטום — אויף די גאַסן, אין די רייען צום קויפן אַ ברייטל, אויפן מאַרק, אין שול, אין די רעגירונגס־אַנשטאַלטן, אַפילו אויף פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען... אומזיסט האָט זיך געטראָגן דאָס וויי־געשריי פון יענע יידן קיין קיעוו און קיין מאָסקווע. די קרעמל־ווענט האָבן פילדייטיק און גרויזאַם געשטומט.

דער יידישער אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט איז שוין דאָן געווען הילפלאָז פּאַראַליזירט פאַר דער דראָענדיקער טויט־געפאַר.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן קיין זשמערינקע, ווו אין דער היגער אוקראַיינישער שול האָבן זיך געלערנט אויך יידישע קינדער.

ס'איז ניט שווער זיך פאָרצושטעלן, וואָס אַט די קינדער האָבן געהאַט אויסצושטיין נישט נאָר פון זייערע אוקראַינישע "חברימלעך", נאָר אויך פון אייניקע לערער, געוועזענע היטלער־קאָלאַבאָראַנטן און איצטער שוין

"סאָוועטישע פּאַטריאָטן", ניט קיין קלענערע מומחות אין דער יידן־פראַגע ווי דער קאַלאַבאַראַנט און איצטיקער סאָוועטישער "וויסנשאַפטלער" טראָפים קיטשקאָ...

יונגע יידישע הערצער פאַרטראָגן נישט קיין עוולות, קינדער זענען גרייט זיך מקריב זיין פאַר אמת און יושר; און אין איינער אַ נאַכט זענען די זשמערינקער פלויטן פאַרקלעפּט געוואָרן מיט האַנט־געשריבענע פלוגבלעט־לעך. די פלוגבלעטלעך האָבן צאָרנדיק דעמאַסקירט דעם נעאָנאַציזם און גערופן די יידן צו אייניקייט...

ס'איז געווען נאַיוו, קינדעריש, אָבער פון איבערפולטע הערצער און — געוואָגט ביז גאָר.

פאַרשטייט זיך, אַז פאַר די סאָוועטישע זיכערהייטס־אָרגאַנען איז ניט צו שווער געווען זיך צו דערוויסן, ווער זענען עס די מחברים פון אָט דער "קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער קראַמאָלע", ר"ל.

מאיר געלפאַנד איז געווען איינער פון יענער זשמערינקער "קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער, נאַציאָנאַליסטישער אָרגאַניזאַציע"...

צוגענומען האָט מען אָט די ייִנגלעך און מיידלעך ערשט שפּעטער מיט אַ יאָר, צי צוויי, שוין נאָכן פאַרענדיקן די מיטל־שול. שוין פון די אינסטיטוטן און אַרבעטס־אונטערנעמונגען. דער הינטעראויגיקער פּסק־דין פאַר די 16—17 יעריקע איז געווען אַ האַרבער: פון 10 ביז 25 יאָר איזאָלאַציע אין די שטראָף־לאַגערן פון שטרענגסטן רעזשים.

די אַרבעטס־קנעכט פון אונדזער לאַגער — אויסגעהונגערטע און פאַר־האַרעוועטע קוילנגרעבער, קעסל־הייצער, לאַסט־טרעגער און בויער, זענען מיינסטנס געווען שוין באַיאָרטע לייט, אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן אויס־געזעסן פיל עלטער פון זייערע יאָרן. דעריבער איז נאַטירלעך וואָס אָט די מענטשן, יאָרן לאַנגע אָפּגעשניטענע פון ווייב־און־קינד, אויסגעבענקטע און אויסגעווייטיקטע, פלעגן זיי מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און פאַטערלעכער וואַרעמקייט אַרומרינגלען די מינדעריעריקע צווישן זייער אומגליקלעכער מחנה.

מאיר האָט אויסגעזען דאַן, ווי ער וואָלט נאָך נישט אַרויסגעקראָכן פון זיינע קינדער־יאָרן. אָבער נישט נאָר דערפאַר האָט מען אים ליב געהאַט. מע האָט אויך געהאַט פאַר אים אָפּשיי: ווי אַ געוועזענער סטודענט פון מעדיציניש פאַקולטעט, האָט מען אים אָוועקגעשטעלט אַרבעטן אין דער פאַליקליניק און ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס זייער אַ פעיקער פעלדשער.

אויף דעם דאָזיקן „פּריווילעגירטן" פּאָסטן פלעג ער מיט וואָס נאָר ער האָט געקאָנט אַרויסהעלפן די נויטבאַדערפטיקע טויט־מידע און קראַנקע „זעקן" (קאַצעטלער). די יידישע „זעקן", וועלכע זענען געווען באַזונדערס טעראָריזירט, האָבן אָפּט אין מאירן געזען דעם איינציקן רעטער פון אַל דאָס בייזס. געהיט און שטיל, ריזיקירנדיק מיט זיינע אַלע פּריווילעגיעס, מיט אַ נייעם עטאַפּ און שיער נישט מיט אַריינכאַפּן אַ נייעם טורמע־טערמין, פלעג ער אַליין אויסגעפונען און זאָרגן פאַר אַזעלכע יידן...

דערמאָן איך זיך, ווען כ'פלעג שוין אַ פאַרמאַטערטער אַרויסקריכן פון דעם קוילנגרוב, נאָך 12 שעה פּינצטערניש, קוים איינגעשלונגען דעם מאָגערן לאַגער־זופּ מיטן שטיקל לעפּקע ברויט, פלעג איך אַרויס צו פאַר־נאַכט הינטער די באַראַקן. „די יודענשטראַסע" — אַזוי האָבן מיר געקרוינט איינע פון די אויסגעטראָטענע סטעזשקעס צווישן ריזיק־אַנגעוואָרפענע שנייבערג. אין אַ בריענדיקן פראָסט פון 40 גראַד, אין אַ שניי־זאַווערוכע, ביי דער שטענדיק־גרויער, נישט טאָג־נישט נאַכט — פּאָליאַרער צפון־שיין — פלעג מען בערך אין דער זעלבער צייט, זען אויף אָט דעם שטעגל באַזונדערע גרופּקעס יידישע „זעקן" און צווישן זיי — מאיר. מע האָט געקאָנט זען, ווי ער און נאָך אַ פּאָר יונגעלייט רינגלען אַרום מיט גרויס דרך־ארץ איינעם אַ באַיאָרטן און אַ שטיל־שמייכלענדיקן יידן. דאָס איז געווען אונדזער אַלעמענס ליבלינג **צבי פּרייגערזאָן** ז"ל. פאַר דער לאַגער־אַדמיניסטראַציע און פאַר די איבעריקע איז ער באַקאַנט געווען אַלס באַוווסטער וויסנשאַפטלער און ספּעציאַליסט אין געביט פון העכערן די קוואַליטעט פון שטיין־קוילן, אַ פּראָפעסאָר און מחבר פון לערנביכער פאַר די באַרג־הויכשולן.

פאַר אונדז אָבער איז ער געווען דער איצט באַקאַנטער העברעישער דיכטער און דערציילער. דאָס גאַנצע לעבן האָט ער זיך געהיט און געווען פאַרזיכטיק מיט אַ וואָרט, כדי נישט אַרויסברענגען די מוראַדיקע ליבשאַפט צו זיין לשון־עברית. אַפילו די אייגענע קינדער האָבן ווייניק־וואָס גע־ווּסט... כאָטש וואָס אייגנטלעך דאַרף מען זיך היטן און וואָס פאַראַ פאַרברעכן קעגן דער גרויסער מדינה פון „פעלקער־פריינדשאַפט", קאָן זיין ליבשאַפט און טריישאַפט צו אַ שפּראַך?... בפרט, אַז פון אַנדערע זינד איז ער דאָך לחלוטין ריין געווען? דאָך האָט מען אים אַרעסטירט און פאַרמשפּט אויף צען יאָר קאַטאָרגע נאָר פאַר דעם, וואָס ער האָט אַמאָל געדרוקט זיינע מאמרים אין די ווייניקע סאָוועטיש־העברעישע זאַמלביכער,

וואָס פלעגן דערשיינען ביים סוף פון די צוואַנציקער יאָרן. און אפשר האָבן זיי דאָך רעכט געהאַט, די סאָוועטישע העבקער, ווייל סוף־סוף איז דאָך ליבשאַפט צו עברית אויך ליבשאַפט צום יידישן פאָלק, אויך ליבשאַפט און טריישאַפט צו ארץ ישראל...

אויך מיר אַלע און באַזונדערס ער, מאיר געלפאַנד, האָט אין דער פראַגע נישט געספקט. אַ סימן האָט איר, זעט ווי פאַרטיפט ער הערט זיך איין אין דער העברעיש־לעקציע, וואָס אונדזער טייערער פּראָפעסאָר קנעלט אין אונדז אַריין:

— אנחנו גרים בארץ שלנו.

— וואָס פאַר אַ "גאָרים", — זאָג איך, רב צבי, — גאָרים! * — מיר ברענען, מיר ברענען אין גיהנום, נישט מיר ווינען, נאָר מיר וויינען!

צבי לאַכט מיט אַ שטיל, דורכדרינגלעך־אומעטיק געלעכטערל... אָבער מאיר צעבייזערט זיך אויף מיר נישט אויף קיין קאַטאָוועס:

— דאָך וועלן מיר פאָרט לעבן און פאָרט ווינען, נישט וויינען, און דערווייל לאָמיר ווייטער לערנען, ווייל באַלד וועט זיך שוין צעקלינגען דער גאַנג און שלעפן צו "פאָווערקע" (צום אַפּעל, הייסט עס)... אַצינד קלער איך גאַנץ ערנסט: אפשר איז דאָס דאָן געווען דער ערשטער צווישן די אומלעגאַלע אולפנים, וואָס האָבן זיך איצטער צעוואָרפן און זענען טעטיק פון נאָוואָסיבירסק ביז ריגע, פון מאָסקווע ביז טאַשקענט?...

מאיר געלפאַנד, שוין ווייט ניט יענע אויסגעדאַרט בחורל פון וואָרקוטאַ, נאָר איצט אַ סאָלידער דאָקטאָר־מעדיצין, איז טעטיק אין באַרימטן ביילין־סאָן־שפיטאָל. אין די שוואַרץ־געקרייזלטע האָר האָט זיך שוין אַריינגעגנבעט אַ היפּש ביסל זילבער, שטאַרק ענלעך צו יענער בייזער פּראָסטיקייט וואָס פלעג זיך איינעסן אין די שטעכיקע פאַרצווימונגען אַרום אונדזער לאַגער...

כ'דערמאָן איצט מאירן, אַז צוריק מיט פינף יאָר אין מאָסקווע, האָבן מיר צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע חברים אונטערגעשריבן און דורכגעשמוגלט אַ באַגריסונגס־טעלעגראַם צום ערשטן בריסעלער קאָנגרעס אין שוץ פון די סאָוועטישע יידן — איין סטעזשקעלע, זאָג איך, פירט פון יענעם זשמערינ־קער פלוגבלעטל ביז צו דער באַגריסונגס־טעלעגראַם.

ביי מאירן צינדן זיך די אויגן מיט יענעם שעלמיש־יוגנטלעכן פייערל פון גאָר אַמאָל, זיי צעשפריצן זיך ממש מיט פונקען פרייד, די אויגן זיינע,

* גאָרים (רוסיש) — מיר ברענען.

די שפּורן ביטערניש אַרום די מויל־ווינקלען פאַרשווינדן און ער צעזינגט זיך פלוצים שטיל, שטיל־שמייכלענדיק, כמעט ווי אונדזער רב צבי פרייגער־זאָן ז״ל *:

כאָטש מיר זענען ווייט אַצינד פון פרייד,
ווייט פון פאַרגעניגן,
לאָמיר, ברידער, שטילינקערהייט
אַ זינג טאָן אונדזער ניגון:
שמחת תורה — אַלץ איז דאָך כדאי
אויף דער וועלט דער גרויסער:
אין דער ווייטער,
ווייטער, ווייטער פריי
קלינגען גילדענע כוסות...

דאָס האָבן מיר געזונגען אין איינעם אַ פאַרנאַכט אויף אונדזער שניי־פאַרשמיסענער ״יודענשטראַסע״ און ס'איז שווער געווען צו וויסן פאַר וואָס האַלטן מיר זיך עטלעכע יידישע לאַגער־לייט אַזוי פעסט פאַר די הענט: אַדער דערפאַר ווייל אַ ווילד־משוגענע שניי־זאַווערוכע האָט געוואַלגערט פון די פיס און מען האָט קיין זאַך נישט געזען אויף קיין שפּאַן, אַדער דערפאַר, ווייל ס'איז טאַקע געווען שמחת תורה און פון דער ווייטער פריי האָבן מיר טאַקע דערהערט ווי ״ס'קלינגען גילדענע כוסות״...

וועגן דעם, אַז ״אַלץ איז דאָך כדאי״ האָבן מיר זיך איבערצייגט מיט גוטע צען יאָר שפּעטער, אויפן ענגן אַרכיפּאַוו־געסל ביי די ״אויסגעטראָטע־נע און גרייזע מירמל־טרעפּ״ פון דער מאָסקווער סינאַגאָגע, ווען טויזנטער יידן, דער עיקר — ייִנגלעך און מיידלעך האָבן געהויבן ״לחיים״, געטאַנצט, געזונגען און אַרויסגעברומט יידישע ניגונים, מיט חסידישן ברען און התלהבות, מיט פלאַמיקן גלויבן און בטחון אַז ״אַלץ מיר וועלן איבערקומען, אַלץ איז דאָך כדאי און קיין ארץ וועלן מיר קומען, קומען סיי־ווי־סיי!״

טויזנטער האָבן געפייערט דעם דאָזיקן, שוין איצט טראַדיציאָנעלן נאַציאָ־נאַלן יום טוב פון סאָוועטישן יידנטום, — שמחת תורה. און צווישן אָט דער שטורמיש־יובלדיקער מאַסע האָבן אויך מיטגעטאַנצט און מיטגעזונגען די געוועזענע יידישע ״זעקן״ מאיר און איך, צבי פרייזערזאָן ז״ל, — דער העב־

* זיין פרוי און קינדער זענען עולה געווען אין לאַנד און באַערדיקט זיין אַש אין איינעם פון די ישראל־קיבוצים.

רעישער שרייבער מיט זיינע קינדער — צו לענגערע יאָר, דער נישט לאַנג איינזאַם פאַרשטאָרבענער יידישער שרייבער פון קיעוו נתן **זאַבאַרע** ז״ל ווי אויך פיל פון די עולים וואָס מיר זעען דאָ, צווישן דער ישראל־דעלע־גאַציע אויפן בריסעלער קאָנגרעס.

2. תכלית

ווי שוין געזאָגט, האָבן קענטיק די קולואַרן־פאַרקאָכענישן זיך אָנגעהויבן נאָך אין דער לופטן, אויפן עראָפּלאַן־רייס קיין בריסעל.

אַ געוויינלעך בילד:

שטייט זיך אַ גרופּע יונגעלייט אַרום אַ באַקאַנטן כנסת־דעפּוטאַט. ממש אַ טראַדיציאָנעל קליינשטעטלדיק ״רעדל״ אין ענגן דורכגאַנג צווישן די זיץ־פלעצער פון אַ מאָדערנעם ״אווירון״... און איינער אַ לעבינגראַד־רחובותער בחור, פּונקט ווי עס זענען זיך נוהג געווען אונדזערע אבות אבותינו, דרייט שוין כמעט דאָס קנעפּל אויפן אָנצוג פון אונדזער חשובן דעפּוטאַט:

— בוודאי, בוודאי איז טאַקע ביז גאָר וויכטיק אַזאַ מאַניפעסטאַציע פון יידישער אחדות, אָבער מע טאָר חלילה נישט אָפּקומען מיט שיינע רייד, מעגן זיי זיין שיין און אַפילוווירקעוודיק... תכלית, טייערער חבר הכנסת! אונדזערע חברים דאָרט נייטיקן זיך אין תכלית!...

מיר פאַרשטייען אַלע דעם מיין פון אונדזער בחור. מיר ווייסן, דאַכט זיך, גאַנץ גוט דעם טעם און לייטמאָטיוו פון יידישער זאָרג פאַרן עצם־קיום, פאַרן מאָרגנדיקן טאָג: וואָס וועט זיין דער תכלית? דורות לאַנג, און איצט אפשר שאַרפער ווי אַלע מאָל, קלינגט עס און וועקט צו טאָט — וואָס וועט זיין דער תכלית?!

און טאַקע אָט די זאָרג פאַרן קיום פון אונדזער פאָלק, פאַר דער יידישער מדינה און טאַקע דער עיקר און טאַקע בפרט — פאַרן גורל פון די יידן אין ראַטנפאַרבאַנד, וועלכע געפינען זיך דאָרט ווי צווישן צוויי שאַרפן פון איין גרויזאַמער שער — צוואַנגס־אַסימילאַציע און אַנטיסעמיטישן גענאָסיד; אָט די גרויסע זאָרג איז געשטאַנען אין צענטער פון אַלע עפנטלעכע אַרויס־טרעטונגען און קולואַרן־פאַרהאַנדלונגען פון דער צווייטער בריסעלער קאָנ־פערענץ, ווו ס׳האָבן זיך צונויפגענומען 1200 פאַרשטייער פון די יידישע קהילות פון אַלע עקן וועלט, העכער 400 זשורנאַליסטן און קאָרעספּאָנדענטן פון דער וועלט־פּרעסע, פיל וויכטיקע פּאַרלאַמענטאַריער און פאַרשטייער

פון דער ניט יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, ווי אויך מנהיגים פון פאַרשי־דענע קריסטלעכע געמיינדעס און אַנדערע.

„תכלית" איז טאַקע געוואָרן איינס פון די פּאָפּולערסטע ווערטער, דער עיקר — אויף די זיצונגען פון די אַרבעטס־קאָמיסיעס פון קאָנגרעס: אויף דער יורידישער קאָמיסיע, אין דער קאָמיסיע צו הילף דער באַפרייונג פון די אסירי־ציון און די „אַטקאַזניקעס", אין דעם יידישן־קריסטלעכן קאָאָרדי־נאַציע־קאָמיטעט און אין אַנדערע אַרבעטס־אינסטאַנצן פון צוזאַמענפאַר. „תכלית" איז, ווי מיר דאַכט, אָנגעפילט געוואָרן מיט נייעם אינהאַלט, מיט נייע אויסגעאַרבעטע מאַסמיטלען און שריט, וועלכע וועלן אָנגעווענדעט ווערן מיט דער גאַנצער אַנטשיידנקייט, מיט דער גאַנצער קראַפט פון יידי־שער אחדות, נישט קעגן סאָוועטישן רעזשים, צו וועלכן מיר זענען אין ערגסטן פאַל פשוט גלייכגילטיק, נאָר כדי צווינגען די סאָוועטן זיי זאָלן זיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרטראַכטן און קומען צום שכל, אַז טאַקע צוליב זייערע אייגענע מלוכה־אינטערעסן לוינט זיך נישט פאַרהאַלטן און רודפן אַלע יענע, וואָס שטרעבן אַהיים, קיין מדינת ישראל. ס'לוינט זיך אויך ניט מיט אַזוי פיל רציחה צעבלאָזן דאָס געפערלעכע פייער פון דער טאָטאַלער יודאָפאָבישער מאַסן־פּראָפּאַגאַנדע אונטערן דינעם שלייער פון „אַנטי־ציוניזם".

דער צוזאַמענפאָר איז פול געווען מיט טיפסטער זאָרג אויך פאַר די יידן, וואָס בלייבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (און זיי בלייבן דאָך די גרעסט־איבערוועגנדיקע מערהייט!), וועגן דעם ברוטאַלן קולטור־גענאָסיד וואָס ווערט אָנגעווענדט קעגן זיי, וועגן דער קום פאַרשטעלטער דיסקרימינאַציע און אָפענע פאַרפאָלגונגען קעגן יידישן דת, וועגן די עלעמענטאַרע מענטשן־רעכט פון די סאָוועטישע יידן, וואָס ווערן דורך דער מאַכט־אַדמיניסטראַציע מיט אַ מין טייוולאַנישער פלאַנמעסיקייט אַלץ מער און מער באַשרענקט.

פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדער וואָראָנעל — איינער פון די ערשטע צווישן די יידן, אָנגעזעענע סאָוועטישע וויסנשאַפטלער, וואָס האָט זיין לעבנס־גורל, דאָס גורל פון זיין משפחה, זיין פּריווילעגירטן פּאָסטן, זיין גלענצנדע וויסנ־שאַפטלעכע קאַריערע אַנטשיידן געוואָרפן אויף דער וואָגשאָל אין געראַנגל פאַר אַ פרייער עליה קיין ישראל, איינער פון די איניציאַטאָרס פון דעם אַזוי פאַרפאָלגטן און דאָך פונקציאָנירנדיקן וויסנשאַפטלעכן סעמינאַר פון באַרימטע יידן, געלערנטע, וועמען מען האָט אָפּגעזאָגט פון אָפיציעלער וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט מחמת זייער עקשנותדיקער שטרעבונג צו

יציאת־רוסלאַנד; אַלעקסאַנדער וואָראָנעל, וואָס האָט אָפּן געחתמעט זיין נאָמען אַלס צוזאַמענשטעלער פון אומלעגאַלן יידישן „סאַמאַיזדאַט", אַט דער סאָלידער געלערנטער, וואָס לויכט זיך ממש מיט אַ מין באַזונדערס־באַטעמטער ייִנגלשקייט, האָט אין זיין אַרויסטרעטונג, ווי מיר דאַכט, צום שאַרפסטן אַוועקגעשטעלט די פּראָבלעם וועגן ווייטערדיקן עצם־קיום פון רוסלענדישן יידנטום.

ער האָט גערעדט וועגן די פּאַקטישע לידערס פון יידישן פאָלק אין סאָוועט־רוסלאַנד — די יידישע אינטעלעקטואַלן, וואָס זענען אַצינד פאַר־יאָגט געוואָרן גייסטיק און סאָציאַל — אין אַ טעמפּן ווינקל, ווייל ס'איז פאַרשניטן געוואָרן זייער נאַכוווּקס. „דאָס פאָלק דאָרט, — האָט ער אָנגע־וויזן, — ווערט ווידער דעגראַדירט צו אַ נאַציע פון שניידערס און שערערס, אָבער אַצינד שוין אָן יענע גייסטיקע ווערטן, וועלכע ס'האָבן פאַרמאָגט די יידישע שניידערס און שערערס אין די אַמאָליקע צייטן..."

ס'לוינט זיך, אָך ווי ס'לוינט זיך, אַריינקלערן אין די דאָזיקע ווערטער, אויב אַפילו זיי קלינגען אַביסל צו קאַטעגאָריש...

ס'איז אויך כדאי צו דערלערנען און מאַכן די געהעריקע קאָנקרעטע אויספירן פון זיין טיפן אַנאַליז וועגן דער אויסנאַמלעכער ספּעציפישקייט פון דער פּאָטענציעלער מאַסן־עליה, וואָס קאָן איצט אַ שטראָם טאָן נישט פון די מערבדיקע און מזרח־דרומדיקע ראַנד־געביטן, נאָר דווקא פון דאָרט, וווּ ס'לעבן הייַנט 80% פון די סאָוועטישע יידן — רוסלאַנד, סיביר, אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד... וועגן דער אינטעלעקטועלער לידערשאַפט פון יענער עליה, וועגן די ווידערשפּרוכן צווישן איר אַסימילירטקייט און טראַ־ציק־אויפגעלעבטן יידיש־נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין, צווישן אידעאַל און דער ניט גרינער ישראל־ווירקלעכקייט, ביים אַבסאָרבירן זיך...

— — — — — — — — —

אָנדייטנדיק אויף מיין ליד „חשבון", וואָס איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס" אַ יאָר פאַר מיין עולה זיין אין לאַנד, דער עיקר — אויף די לעצטע פּאָר שורות פון אָט דער ליד:

...פאַרהאַלט מיך ניט — מיר זענען קוויט...

האָט גאָלדע מאיר, גלייך נאָך איר גוט־שמייכלענדיקן „שלום" אַ זאָג געטאָן צו מיר ערנסט און עקשנותדיק־אַנטשלאָסן: — מיר קומען קיין בריסל, כדי צו מעלדן פון דאָרט, אַז מיר זענען נאָך ניט קוויט!

גאָלדע, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ פיינפּטער אמא פון פאָלק ישראל, איז געווען

קאָן מען זאָגן, דאָס מוטערלעכע האַרץ און די נשמה פון בריסעלער קאָנגרעס, די פירזאָגערין און די ערשטע מאָנערן; און ווען זי האָט אין איינער פון אירע קלוגע ליידנשאַפטלעכע אַרויסטרעטונגען זיך געווענדעט צו די ווייטע קרעמל־מנהיגים: — איך פאַרזיכער אייך, סאָוועטישע רעגירער, אַז די רוסלענדישע יידן וועלן אַליין זיין הערשער איבערן אייגענעם גורל!

ווען גאָלדע האָט דאָס געזאָגט, איז נישט וויכטיק געווען דאָס געוויב־לעכע אין אַזעלכע פאַלן, ווען דער טויזנטקעפּיקער זאַל האָט זיך ספּאָנטאַן אַ הייב געטאָן פון אָרט און זיך צעהילכט, ווי שרייבט מען דאָס, "מיט שטורמישער לאַנגדויערנדיקער אָוואַציע"... וויכטיק איז געווען, וואָס יעדערער פון אונדז האָט איבערגעלעבט און געשפּירט אין אָט דער פייער־לעכער רגע; די ווערטער פון גאָלדען האָבן געקלונגען פאַר אונדז אַלעמען ווי אַ טרייער צוזאָג, ווי אַ הייליקע שבועה פון געאייניקטן וועלט־יידנטום, אַז די שטאָלצע און מוטיקע יידן פון סאָוועטן־רוסלאַנד וועלן קיינמאָל נישט בלייבן פאַראיינזאַמט אין זייער קאַמף פאַר נאַציאָנאַלע און מענטש־לעכע רעכט, ס'איז געווען אַ שבועה זיך ראַנגלען פאַרן גורל פון יעדן ייד באַזונדער און פאַר אַלע צוזאַמען. ס'איז געווען אונדזער זיכערסטע אַנט־שלאָסנקייט, אַז יידיש בלוט זאַל שוין מער קיין מאָל נישט הפקר זיין.

3. "אַנטיסאָוועטיזם" און אַנטי־הומאַניזם

אַ בריוו צו שמואל יוסף עגנון ז"ל

ס'קאָן זיך דוכטן, אַז די סאָוועטן האָבן פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט — נישט פאַר די נאַטאָ־כוחות וועלכע זיי קאָנען, די שעה זאָל ניט זיין, מיט איין גוטן בלאָז פון אַ יום כיפור־מלחמה, אַרויסיאָגן פון אייראָפּע, נישט פאַר קיסינדזשערס דיפּלאָמאַטישער עקווילִיבריסטיק, נישט אַפילו פאַר דער שטייגנדיקער קראַפט פון איר גרויסער ווייטמיזרחדיקער שכנה "דער ברידערלעכער סאָציאַליסטישער כינע"...

קענטיק, פאַר איין זאַך ציטערן יאָ די סאָוועטן: פאַרן אָביעקטיוון אמת, פאַר פרייער אינפאָרמאַציע, וואָס צעשטערט דעם כישוף פון זייער פּראָפּאַ־גאַנדע־היפּנאָז, בפרט ווען אָט דער אָביעקטיווער אמת שטייט ניט ווי קיין אדם־נאַקעט נעבעכל קעגן דעם ביז־איבער־די ציין באַוואָפנטן שקר.

מויניהעם אויף דער טריבונע פון אונ"אָ איז פאַר זיי אפשר שרעקלעכער פון אַלע גענערעלער אין די פּענטאַגאָן־אַפּאַרטאַמענטן!

זיי קאָנען נאָך פאַרדייען דעם דורכפאַל פון דער קאָמוניסטישער פאַרש־ווערונג אין פאָרטוגאַל, אָבער ניט סאָלזשעניצינס אינטערוויו פאַר דער פּאַריזער טעלעוויזיע . . .

דעריבער טאַקע איז אויך נישט קיין חידוש, וואָס די סאָוועטן האָבן גלייך פון אָנהייב מאָביליזירט אַלע זייערע שקרים־לייט מיטן גאַנצן קלאַפּער־געצייג, כדי אַרונטערצורייסן די בריסעלער קאָנפערענץ — פון די לעצטע פאַר יורדים פון ישראל, ביז דעם ערשטן יורד פון ביראָבידזשאַן — ווערגע־ליס, דעם רעדאַקטאָר פון אַן אַנטי־יידישן זשורנאַל מיט יידישע אותיות, פון דעם אַמאָליקן העלד און איצטיקן מיליטער־גראַפאָמאַן און קליינמינץ־פּראָוואָקאַטאָרל — הענריך האָפמאַן, ביז עפּעס איינעם אַ טאַנדעטניק פון דער מאָסקווער סינאַגאָגע, וואָס האָט געסטראַשעט די וועלט, אַז ער וועט אַליין קומען אויף דער קאָנפערענץ כדי צו זאָגן און אַריינצוזאָגן, פון די אַרגענטינער איקופניקעס ביז צו די "פּאַלעסטינעזער" קינדער־מערדער. און ווערליק דעם פיבערהאַפטן סופער־היסטערישן טאַראַראַם, וואָס די סאָוועטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט אויסגעהויבן אַרום אונדזער קאָנפערענץ, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז אַדאַנק איר, פאַלט, חלילה, דער הימל אויף דער ערד פון דער מעכטיקער רוסלענדישער אימפּעריע . . .

איך זאָג: "חלילה", ווייל כ'בין זיכער, אַז קיינער פון אונדז איז ווייט נישט פאַראינטערעסירט אין אַזאַ מין הימלפאַלעניש. די היסטאָרישע דער־פאַרונג לערנט אונדז, אַז ביי יעדער מין בלוטיקע שינוים, ביי יעדער מין "הימלפאַלעניש" ליידן אין דער ערשטער ריי אונדזערע ברידער־יידן, בפרט נאָך אין לענדער מיט אַ גאַנץ מערקבאַרער נייגונג צו גרויס־שאָוויניזם. אָנגעשריבן די לעצטע פראַזע, האָב איך אַליין צו זיך אַ שמייכל געטאָן: ווי איידל און ווי צירלעך־מאַנירלעך; גאַנץ מעגלעך אַז אויך איך בין באַהערשט געוואָרן דורך יענער סטערילער אַטמאָספער, וואָס שייך דעם סאָוועטישן רעזשים, וואָס אייניקע קאָנפערענץ־מנהיגים האָבן אַזוי טיכטיק, אַזוי כשר אויסגעהיט, פון יענער מורא, חלילה, צו באַרירן דעם כבוד פון "ערש'טן סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד", פון דעם פּאַטאָלאָגישן פחד נישט אַריינצופאַלן רחמנא לצלן אין קיין "אַנטיסאָוועטיזם" . . .

אַזעלכע באַוואָרענישן האָבן נישט נאָר ווייניק וואָס געהאָלפן — זיי האָבן נאָך מער אויפגערייצט די סאָוועטישע רעגירער, זייערע וואָרט־זאָגער, זייערע אַנטי־יידישע פויקנקלאַפּערס און צימבלער. די גאַנצע סאָ־וועטישע פרעסע־טעלעוויזיע־ און ראַדיאָ־ דעזאינפאָרמאַציע אויף אַלע מעג־

לעכע לשונות איז אין יענע טעג פאַרנומען געווען מיט זידלעריי און באַש־מוציקונג אויפן אַדרעס פון דער בריסעלער קאָנפערענץ, אַט דעם אויס־גאָמלעך־ווירדיקן פאָרום פון אונדזער נאַציאָנאַלער אחדות!

נאָך מער — קעגן דעם דאָזיקן פאָרום האָבן זיי אויך באַוויזן אָנצורייצן די אַראַבישע פאַרשטייערשאַפטן און די מחבלים, וועלכע האָבן פרעך געדראָט דער דעמאָקראַטישער רעגירונג פון בעלגיע מיט באָיקאָט און טעראָר פאַר דערלויבן אויף איר טעריטאָריע צונויפצוזאַמלען אַט די "אַנטיסאָוועטישע" און, פאַרשטייט זיך אויך "אַנטיאַראַבישע" דעמאָנסטראַציע...

אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט יונגע מוטערס מיט זייערע קינדער — די פרויען פון די אסירי־ציון הלל בוטמאַן און אריה חנוך. דאָס צווייטע מיידעלע פון הללן האָט קיין מאָל נאָך נישט געזען איר פאָטער...

צוויי עלטערע פרויען האָבן ביי אַלעמען געוועקט גרויס סימפּאַטיע און טיפן מיטלייד, די מוטער פון איליאַ גלאַזער, אַ וויכטיקן וויסנשאַפטלער, וועמען מען האַלט נאָך אַלץ פאַרשפּאַרט אין סיביר. זיין מוטער — אַ שטילע, שניי־ווייסע טויב, אַן איינזאַמע און צעפּייניקטע... און נאָך איין פרוי, וואָס איז געשטאַנען אויף דער טריבונע איבערפולט מיט צער־און־צאַרן — די אַלטע קראַנקע מאַמע פון דער משפחה סלעפּאַק. שוין העכער פינף יאָר ווי דאָס מוטערלעכע האַרץ פון אַט דער העלדישער פרוי בלוטיקט און ווערט צעבראָכן פון בענקשאַפט נאָך אירע קינדער און אייניקלעך. העכער פינף יאָר, ווי מע רודפט אין סאָמע צענטער פון מאָסקווע די משפחה סלעפּאַק פאַר זייער עקשנותדיקער שטרעבונג קיין מדינת ישראל: געהיים־אַגענטן גייען נאָך פוס־טריט, מען ברעכט זיך אַריין אין הויז מיט אונטער־זוכונגען, מע שליסט אויס דעם טעלעפאָן, מע יאָגט פון דער אַרבעט, מע שלעפּט אויף פּאָליציי־פאַרשונג און מע פאַרשפּאַרט אויך ביי יעדער געלעגנ־הייט אין די פּאָליציי־צירקלען.

אויב אונדזערע באַמיונגען אַרויסצובאַפרייען פון די טורמעס און קאָנצ־לאַגערן הלל בוטמאַן, אריה חנוך, איליאַ גלאַזער און אַנדערע, וועמען מען פּייניקט דאָרט פאַר וועלן עולה זיין קיין ישראל, אויב אונדזער סאָלידאַ־ריטעט מיט די משפחות סלעפּאַק, פּרעסטין, אַבראַמאָוויטש און נאָך 160 טויזנט יידן, וועלכע מע פאַרהאַלט איצט מיט צוואַנג אין רוסלאַנד, אויב אונדזערע גערעכטע פאָדערונגען פאַר אַ פרייער עליה ווערן באַצייכנט

אַלס "אַנטי־סאָוועטיזם", דאָן קלינגט זיך איבער דער באַגריף "סאָוועטיזם" מיט אַנטי־הומאַניזם און אַנטי־מאָראַלישקייט!

דאָס האָבן זיי גוט פאַרשטאַנען, די דעלעגירטע פון מאָסקווע "יידן־אַפשטאַמיקע" קאַלאַבאָראַנטן, וועלכע מע האָט פונקט צו דער צייט אַרייגעשיקט קיין בריסל, כדי אינסצעניזירן פיינטלעכע פרעס־קאָנפערענצן קעגן דעם יידישן פאָרום. טאַקע זיי האָבן גרילציקער פון אַלץ געשריגן וועגן דעם "אַנטיסאָוועטישן כאַראַקטער" פון אונדזער קאָנפערענץ. אָבער אַפילו אַזאַ פאַרשוין ווי ווערגעליס וועלכער באַזיצט די פעאיקייט ניט קיין פינטל צו טאָן מיט קיין איין אויג ביים אַריינבראָקן דעם געמיינסטן ליגן, אַפילו ער האָט קענטיק זיך דערפילט נישט מיט אַלעמען, ווען מע האָט זייער דעלעגאַציע כמעט אָפיציעל איינגעלאַדן אויף אַ פרייער דיסקוסיע אין אונדזערע קאָנפערענץ־זאַלן.

די דאָזיקע "יידן־אַפשטאַמיקע" האָבן דאָן תיכף, מיט אַ מין לעכערלעך־פחדנותדיקער אייליקייט זיך אָפגעטראָגן פון בריסעל... ס׳האָט געדאַרפט הייסן, אַז "ליידער" האָבן זיי איצט פיל וויכטיקערע געשעפטן אין אַנדערע שטעט, אין... פאַריז למשל.

מיר דוכט, אַז נוצלאָז און ביז גאָר נישט ווירדיק איז געווען אַליין דער געדאַנק וועגן אָנקניפּן קאָנטאַקטן מיט אַזעלכע לייט ווי ווערגעליס אָדער הענריך האָפמאַן. מיין פּערזענלעכע באַציונג צו אַזאַ געדאַנק און אַזעלכע באַמיונגען האָב איך אויסגעדריקט דורך אַריינטראָגן אין דעם קאָנפערענץ־סעקרעטאַריאַט אַ קאָפּיע פון מיינער אַ בריוו, וועלכע כ׳האָב אין יאָר 1966 אַריבערגעשיקט פון מאָסקווע צום גרויסן העברעישן שרייבער שמואל יוסף עגנון ז"ל.

כ׳מיין אַז ס׳האָט אַ זין צום ערשטן מאָל אין ישראל פאַרעפנטלעכן אָט דעם בריוו, וועלכער איז אַריינגענומען געוואָרן צווישן די דאָקומענטן פון דער בריסעלער קאָנפערענץ:

חשובער ר׳ שמואל־יוסף עגנון!

צו אייך ווענדעט זיך אַ יידישער דיכטער פון מאָסקווע. מיך רופט מען יוסף קערלער, ניט קיין וווּנדער, אויב איר האָט אַפילו נישט געהערט פון אַזאַ נאָמען. ס׳איז אויך מעגלעך, אַז אַלע מיינע שרייבעכצן צוזאַמענגענומען זיינען ניט ווערט קיין איין בלעטל פון אייערע ווערק, וועלכע זענען לעצטנס אַזוי געהויכט און געקרוינט געוואָרן. יאָ, צווישן אונדז איז "פאַלג מיך אַ גאַנג" ניט נאָר אין געאָגראַפישן זין, שוין אָפגערעדט פון דעם, וואָס איר,

ביז הונדערט און צוואַנציק, זייט כמעט ווי צוויי מאָל עלטער פון מיר...
אָבער דער מהלך צווישן אונדז איז, מיין איך, פּאַרט ניט אויף קיין סך גרעסער ווי יענער, וואָס האָט זיך אַמאָל געשפּרייט צווישן ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער ז״ל און דעם רבונו של עולם. דעריבער נעם איך זיך אָן מיט מוט און גיי אַרויס צו אייך מיט אַ טענה, מיט אַ בלוטיקער טענה, מיט אַ טענה ניט נאָר פאַר זיך — פאַר אַלע קדושים און געפּייניקטע אין די יאָרן פון סטאַלין־קולט, פון בעריאַ־טעראָר.

שוין די קלאַנגען פון לאָנדאָן, אַז איר האָט דאָרטן באַוויליקט אויפצונעמען ווערגעליסן, האָבן געמאַכט אויפציטערן טויזנטער יידישע הערצער, דאָ ביי אונדז, ווו מע ווייסט גוט ווער איז אַזוינס און וואָס איז אַזוינס ווערגע־ליס. אַצינד הערן מיר שוין, אַז איר האָט אים איינגעלאַדן קיין ישראל, אַלס אייערן אַ פּערזענלעכן גאַסט!...

צי דען זענען צו אייך ניט דערגאַנגען קיינע ידיעות, וועגן דעם מאָראַ־לישן פּרצוף פון אייער קינפטיקן גאַסט? מיר, די ניצול־געבליבענע, וואָלטן פיל געקאָנט דערציילן וועגן די ״מעשים טובים״ פון אָט דעם ״גאַסט״ אייערן. איך, ליידער, בין שוין צום צווייטן מאָל ״באַגליקט״ געוואָרן דורך דעם דאָזיקן געניטן בעריאַ־אַגענט. צום ערשטן מאָל — אין 1950, ווען אויך אַ דאַנק זיינער אַ מסירה, וועגן מיין ״נאַציאָנאַליסטישער״ טעטיקייט, האָב איך 6 יאָר אָפּגעריכט קאַטאָרגע אין די קוילן־שאַכטעס פון וואָרקוטאַ. צום צווייטן מאָל — צוריק מיט אַ יאָר; די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אונדז דערלויבט אַרויספאָרן קיין ישראל, כדי זיך פאַראייניקן מיט די קרובים... מיר האָבן שוין אויספאַרקויפט אַלץ און גליקלעכע געוואָרט אויף די פּעסער און — פּלוצעם — אַן אומגעהערטע זאַך — מע אַנולירט די דערלויבעניש! און ווידער איבער אַ מסירה פון ווערגעליסן מיט נאָך אַ פּאָר זיינע אונטערשטופּער... צי שטעלט איר זיך פאָר, וואָס דאָס באַטייט אין אונדזערע באַדינגונגען און נאָך פאַר אַ מיטגליד פון שרייבער־פאַרבאַנד?... סיי איך, סיי מיין פרוי ווייסן, דאַכט זיך, ״פּאַטשאַם פונט ליכאַ״, מיר האָבן זיך שוין גאַנץ פיין אָנגעשמעקט מיט פּולווער, אונדז זענען באַקאַנט די מלחמה־טראַנשייען פּונקט אַזוי גוט ווי די טורמע־נאַרעס... און דאָך איז פאַר אונדז דאָס יאָר 1966 — דאָס פינצטערסטע יאָר אין אונדזער לעבן און אין וועלכן יאָר וועט פאַר אונדז ליכטיקער ווערן ווייסן מיר אויך ניט!... ניט אַזוי פאַר אונדז די זאָרג — פאַר אונדזער קליין זונעלע, זאָל לעבן. אפשר בין איך אַזוי זינדיק, וואָס מיר

האָבן ניט די זכיה באַטרעטן די הייליקע ערד, נאָר צי איז ניט צו שווער די אחריות, וואָס איר, ר׳ שמואל־יוסף עגנון, נעמט אויף זיך, אין אייער זכות זאָל באַטרעטן ישראל אַ מענטש, וואָס איז בכלל ניט ווערט, אַז די ערד זאָל אים טראָגן ? !

איך פאַרשטיי אַז איינלאַדנדיק דעם דאָזיקן פאַרשוין, האָט איר אפשר געהאַט דערביי זייער אַ גוטע כוונה — — באַווירקן און אויסנוצן אים אין די אינטערעסן פון דער יידישער קולטור ביי אונדז!... אַי, ווען איר זאָלט וויסן וויפל גוטע מענטשן ס׳האָבן זיך שוין אָפּגענאַרט, מיינענדיק אויסנוצן דעם דאָזיקן אויסוואורף צוליב אַ ריינעם צוועק ; געווייינלעך ענדיקט זיך עס מיט דעם, וואָס ער נוצט גלענצנדיק אויס אַזעלכע ווילע לייט בלויז צוליב זיין שמוציקער קאַריערע... ביי אייך דאָרט אין אויסלאַנד, שטעלט מען זיך פאָר ווערגעליסן ווי עפּעס אַן אַלמעכטיקן ״קאָמיסאַר״ איבער אַלע אונדזערע יידישע ענינים. אין דער אמתן האַלט מען אים נייטיק ווי יענע קאַץ, וועלכע קאָן שטענדיק און צו דער צייט קאַליע מאַכן...

גאָר ניט צופעליק איז געווען זיין לעצטער וואָיאַזש קיין לאָנדאָן. ס׳האָט זיך געלוינט אַראָפּשלינגען די געוויינלעכע פּאַרציע פּאַראַכטונג מצד דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, כדי אַריינפאַלן אין די גאַסטפריינטלעכע אָרעמס פון עגנונען! שוין לאַנג ווי ווערגעליס רייסט זיך קיין ישראל. איצט מעג ער יובלען! ער קלערט אַוודאי כשרן זיינע בלוטיקע הענט ביים ריינעם פייער פון ר׳ שמואל־יוסף עגנון...

איר וועט זאָגן : דאָס קאָכט אין מיר מיין אומגליק, מיין פּערזענלעכע שנאה ? נו איז וואָס ? אויך מיט איר וועט איר זיך מוזן רעכענען! אָבער חוץ מיר גייען אַרום נישט ווייניק יידישע שרייבער און שפּירן זיך אַזוי גוט ווי אויסגעפּאַטשטע איבער די פּיסקעס, דורך... אייך! דורך אייך, שמואל־יוסף עגנון!... איך שטרעק צו אייך די הענט, איך באַשווער אייך ביי אַל דאָס הייליקע און דורך די פאַרקלעמטע ציין רייסן זיך די ווערטער פון דעם באַרדיטשעווער ז״ל: ״כ׳וועל זיך פון אָרט ניט רירן״ !

צופיל כבוד האָט איר געבראַכט אונדזער פאָלק און לאַנד, איר זאָלט אונדז די פאַרשטויסענע, מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט, איינלאַדנדיק אָט דעם מאָנסטער קיין ישראל !

דעקאָבער 1966, מאָסקווע

יוסף קערלער

4. דער כוח פון יידיש

באַגעגנט האָב איך זיך מיט אים אין סאַמע געדרענג, אין רעכטן מענטשן־טומל פון די געראַמע פאָיע־קאָרידאָרן אַרום גרויסאַרטיקן קאָנגרעס־זאַל פון אַלבערט־פּאַלאַץ. גלייך ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז כ׳בין אַ קנאַפּער ענגליש־פאַרשטייער, איז ער אַריבער אויף אַ מין אַמעריקאַנער קאַלעדזש־יידיש, פון וועלכן כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט מיך דערקענט... לויט מיינעם אַ פּאָרטרעט, וועלכן ער האָט צוריק מיט אַ יאָר זעקס געטראָגן אויף איינער פון די יידישע פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציעס ביי דער סאָוועטישער אַמבאַסאַדע אין ניו־יאָרק. צווישן פיל אַנדערע איז אויך געווען דאָס בילד פון מיין וויניקייט מיט אַן אויפשריפט „לאָזט אַרויס אַהיים דעם יידישן דיכטער יוסף קערלער״...

ער איז נישט לאַנג, זאָגט ער, געווען אין מאָסקווע און ער איז גליקלעך מיר איבערצוגעבן אַ לעבעדיקן גרוס פון מיינע אַלטע גוטע פריינד — עליה־קעמפּער וואָלאָדיע און מרים סלעפּאַק, פּאַוועל אַבראַמאָוויטש און די משפחה פרעסטין...

פון דעם דאָזיקן אַמעריקאַנער ביז גאָר סימפּאַטישן באַיטשיקל האָט אַרויסגעשטראַלט אַזוי פיל האַרציקע באַחנטע היימישקייט, אַז ס׳איז אַפילו געווען אַנגענעם צו הערן זיין „יונג־אַמעריקאַנער״ יידיש, אַ לשון — גלייך אַ שווערלעך געפאַקטער וואָגן, וואָלט פאַמעלעך גערעדערט איבער האַרטן שטיינער־געפלאַסטערטן ברוק...

צוליב וואָס זאָגט ער, האָט ער זיך „אויף די עלטערע יאָרן״ אויסגעלערנט יידיש? (דאָס באַיטשיקל איז איצט אַלט אַוודאי אַ יאָר 25!). ער גיט מיר צו פאַרשטיין מיט אַ זאַכלעכן שמייכל: „צוליב עקאָנאָמיע און באַקוועמלעכקייט״... אַז ניט וואָלט ער זיך באַדאַרפט אָוועקזעצן קנעלן כאָטש מינדנסטנס דריי שפּראַכן — רוסיש, שפּאַניש, פראַנצויזיש... און ער אינטערעסירט זיך מיט יידיש־לעבן אויף גאָר דער וועלט און יידיש, זאָגט ער, איז ביז היינט די איינציקע בינד־שפּראַך ביי יידן. ער האָט זיך עס איבערצייגט אַרומרייזנדיק פאַרשיידענע לענדער. אויך אין רוסלאַנד — דאָס זעלבע...

מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער האָב איך אים שוין געזען זיצן אויבן־אָן אַלס פאַרזיצער אויף אַ באַראַטונג פון דער אַרבעטס־קאָמיסיע אין שוץ פון די אסירי־ציון. נו, מן הסתם האָט ער זיך כשר פאַרדינט דעם כבוד פון זיין אַ „טשערמען״, אַדאַנק זיינע אַקטיוויטעטן אין קאַמף פאַר מענטשן־רעכט פון

סאָוועטישן יידנטום. זאָגן דאַרף מען, אַז געפּירט האָט ער די זיצונג ממזריש־געניט. ביי אונדז אין יידיש־יידישן ירושלים האָט אַ שם פון אַ גלענצנדיקן מסיבה־פּאַרזיצער אונדזער חשובער ד״ר גרשון וויינער, וועלכער באַווייזט אַ קונץ פון זיין אַ יושב־ראש מיט אַ פעסטער האַנט ביי... אַן אַבסאָלוטער דעמאָקראַטישער צושטימונג. ביי יידן, זאָגט מען, איז דאָס אַ זעלטענע זאַך... איז דאַך דאָס גרשון וויינער, וואָס האָט שוין ב״ה גרויס דערפאַרונג אין אַזעלכע ענינים און איז, ביז הונדערט און צוואַנציק, עלטער מיט אַ סמיטשיק פון יענעם פינף־און־צוואַנציקיאָריקן באַי, וועגן וועלכן איך רעד!...

דער בחור האָט זיך געשפּירט אויף זיין בכבודיקן פּלאַץ ממש ווי אַ פיש אין וואַסער; ווו מיט אַ זאַכלעכער באַמערקונג, ווו מיט אַ שאַרפזיניקן וויץ, האָט ער געריכטעט די באַראַטונג אַזוי, אַז די רעדנער זאָלן מאַקסימאַל אויס־מיידן סתם שיינע רייד, נאָר יעדערער זאָל פאַרלייגן אַלץ נייע און קאָנקרעטע מאָסמיטלען, מיט וואָס אַרויסהעלפן און באַפרייען אונדזערע ברידער פון די סאָוועטישע טורמעס און צוואַנגס־לאַגערן.

גערעדט האָבן דעלעגאַטן פון אַלע עקן וועלט, געהערט האָט מען, ווי געוויינלעך, אויף אַלע יידישע וועלט־קאָנפערענצן, — מיינסטנס — ענגליש, אויך פראַנצויזיש און שפּאַניש, זעלטן רוסיש, נאָך זעלטענער — עברית... די סימולטאַן־איבערזעצער זענען אויך געווען אויף אַ געהעריקן ניוואָ (אויף יידיש האָט מען נישט איבערזעצט...) האָט זיך פּלוצעם אויפגעש־טעלט אַ יונגע שיינע פרוי פון בראַזיל און אַ זאָג געטאָן אין ענגליש בזה הלשון: חשובער פּאַרזיצער און געערטע פריינד, איך באַהערש גאַנץ גוט ענגליש, שפּאַניש — אַוודאי, העברעיש איז מיר אויך ניט פרעמד, אָבער ריידן וועל איך אויף יידיש...

אין פּרעזידיום האָט מען זיך איבערגעקוקט. און דער פּאַרזיצער, דאָס זעלבע באַיטשיקל, שטעלט אייך פאָר, וואָס האָט זיך פריער באַרימט אַז ער האָט זיך ״אויף די עלטערע יאָרן״ אויסגעלערנט יידיש, ווייל יידיש איז די איינציקע ״בינד־שפּראַך ביי יידן״, דער זעלבער האָט זיך צום ערשטן מאָל פאַרלוירן, זיין גאַנצע געניטשאַפט אַלס יושב־ראש איז ווי אויסגערונען און ער האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— יידיש? פאַר וואָס עפּעס יידיש?... — דערנאָך אָבער האָט ער זיך ווי פאַרענטפערט: מיר האָבן דאָך נישט קיין סימולטאַן־איבערזעצער...

נאָר דאַן איז געשען אָט וואָס: פון אויבן־אויפיקן סימולטאַן־פענצטערל,

ווי להבדיל פון אַ ווייבערישער שול, האָט זיך אַרויסגערוקט אַ יונגער צעפּאַטלטער קאָפּ פון איינעם אַן איבערזעצער:

— איך קען איבערזעצן פון יידיש — האָט ער אַנגעזאָגט מיט גרויס שמחה... דער עולם האָט פריילעך אַפּלאָדירט...

קעגן וואָס איז דאָס געקומען צו רייד? ס'איז אַ מין קאַפּוליער אַנצוהערעניש דער קומענדיקער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידישער קולטור: אַ קשיה אויף אַ מעשה, מע קאָן נאָך אַ מאָל אויך דאָרט איגנאָרירן יידיש, פונקט ווי ס'ווערט איגנאָרירט אויף אַלע יידישע וועלט־קאָנפערענצן, ווו די איבערוועגנדיקע מערהייט דעלעגאַטן פאַרשטייט, האָט ליב און רעדט געשמאַק, אין די קולויאַרן, פאַרשטייט זיך, יידיש.

אויך די בריסעלער קאָנפערענץ האָט ליידער נישט אויסגעמיטן די דאָזיקע שעדלעכע און שענדלעכע טענדענץ.

אויפן אַלוועלטלעכן פאָרום אין שוץ פון סאָוועטישן יידנטום האָט געמוזט פריי און אָפן אַ קלונג טאָן דאָס לעבעדיקע יידישע וואָרט, וואָס איז אַזוי ברוטאַל צעטראָטן געוואָרן און ווערט ביז היינט געשטיקט דורך דעם סאָוועטישן רעזשים. ס'האָט געמוזט ווידער אויפשיינען דאָס מאַמע־לשון פון די דערמאָרדעטע דורך די סאָוועטן גרויסע יידישע שרייבער און קינסטלער.

ס'האָט געמוזט און ס'האָט געדאַרפט און ס'איז אַ גרויסער מאָראַלישער דורכפאַל און נאַציאָנאַלן זין, אויב ס'האָט נישט פולבאַרעכטיקט געקלונגען דאָס יידישע וואָרט, כאָטש אין זכות פון די דערמאָרדעטע, אין נאָמען פון זייערע פאַריתומטע משפחות, פרויען און קינדער, פון זייערע גייסטיקע יורשים — די צענדליקער לעבן־געבליבענע יידישע שרייבער, קינסטלער, קולטור־טוער, וואָס האָבן זיך מיט אַזוי פיל מוט דורכגעבראָכן אַהיים, קיין מדינת ישראל און דאָ געשלאָגן וואָרצלען אין דער טיפסטער טיף...

צו טייער האָט אונדז געקאָסט דער שווערער איבערברוך אינעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין פון סאָוועטישן יידנטום אין די שוואַרצע יאָרן פון צעיושעטן סאָוועטישן אַנטיסעמיטיזם (1948—1953). די נייע יידישע נאַציאָנאַלע באַפרייונגס־באַוועגונג פון סאָוועט־רוסלאַנד איז אויפגעקומען קודם כל אַלס פּראָטעסט און ענדגילטיקער חשבון הנפש, נאָך יענע בלוטבלבולים און אין דער ערשטער ריי — נאָך די מאָרד־אַקציעס איבער שלמה מיכאָעלס, דוד בערגעלסאָן, פּרץ מאַרקיש, דוד האָפשטיין, בנימין זוסקין, לייב קוויטקאָ און פיל פיל אַנדערע גרויסע יידישע קולטור־גייסטער.

יאָ, צו פיל בלוט האָט עס אונדז געקאָסט, מיר זאָלן לאָזן פאַריאָגן אונד־זער יידיש מאַמע־לשון אין די קאַזיאָנע געטאָ־ציימלעך פון פאַרשיידענע קאַמיטעטן.

פאַר אונדז איז איבערגענוג אַזאַ מין קאַזיאָנע געטאָ־טורמע ווי ס׳מאָס־קווער "סאָוועטיש היימלאַנד", וווהין מען האָט מיט גוואַלד אַריינגעקוועטשט דאָס איבערבלייבעכץ פון אַ גרויסער געשאַכטענער קולטור!

איך גלייב, אַז יידיש איז באַעוולט געוואָרן אויף דער בריסעלער קאָנפע־רענץ, נישט מחמת בייזוויליקער, אָדער "גרענעצלאָזער שנאה", ווי איינער אַ זשורנאַליסט האָט שוין געשריבן, נאָר גיכער פון אַלץ צוליבן קליינקעפלדיקן "פּראַקטיציזם" פון אייניקע מנהיגים, אָדער גאָר פון ביז גאָר שעדלעכער גרינגשעצונג צו איינער פון אונדזערע גרעסטע נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן.

און דאָך וועגן כוח פון אונדזער יידיש־לשון! אין דעם האָבן זיך פאַרט איבערצייגט סיי די מנהיגים, סיי די דעלעגאַטן, סיי די טויזנטער יידן פון בריסעל, וואָס האָבן זיך צוזאַמען גענומען אינעם ריזיקן זאַל אויפן פייער־לעכן שלוס־אָוונט פון דער קאָנפערענץ. הויך איבער דער בינע האָט גע־פלאַטערט אַ גרויסע בלויע פאָן מיט אַ ווייסן מגן דוד אין דער מיט. אָט דער נאַציאָנאַלער סימבאָל פון די רוסלענדישע יידן איז היינט צום ערשטן מאָל פייערלעך געשענקט געוואָרן די פאַרשטייער פון וועלט־יידנטום, דורך די דעלעגאַטן־עולים פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

ס׳איז געווען אַזוי באַטירלעך און אַזוי ווונדערלעך, וואָס אונטער דעם געפלאַטער פון אָט דער פאָן, איז ווידער, צום צווייטן מאָל פאַר דעם אָוונט, אַרויסגעטראָטן אונדזער גאָלדע און חידושדיק־פּראָסט אויפגערו־דערט אונדזער געמיט און אַ בלעטער געטאָן אונדזער זכרון מיט דער בלוטי־קער כראָניק פון אונדזער פאָלק פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער: חורבן... גבורה... ווידערגעבורט און ווידער אין איבערמענטשלעכן געראַנגל פאַרן עצם־קיום...

ס׳איז געווען אַזוי באַטירלעך און אַזוי ווונדערלעך, וואָס אונטערן גע־פלאַטער פון אָט דער פאָן האָבן איינס נאָכן אַנדערן פאַרשטייער פון די גרעסטע יידישע קהילות דורכגעלייענט דעם מאַניפעסט, וועלכן ס׳האָבן איינשטימיק אָנגענומען און געחתמעט אַלע 1200 דעלעגאַטן. אמת, ביי פיל, ביי זייער פיל יידן האָט זיך ערגעץ פאַרנעסטעט אַ פאַרדריסלעכער, אַ ביטערלעכער ביי־טעם: אויך דאָ האָט אויסגעפעלט דאָס יידישע וואָרט, דאָס איינציקע אינטערנאַציאָנאַלע לשון פון וועלט־יידנטום.

אָבער אָט דער פּאַרדרוס און אָט די ביטערניש איז פאַרשוווּנדן ווי אַ רויך, ווי עפּעס אַ בייזע אָנשיקעניש, ווען אונטערן געפלאַטער פון דער בלויער פאָן מיטן ווייסן מגן דוד, זענען אַרויס ווי אויף ליכטיקע פליגלען די שיינע ייִנגלעך און מיידלעך פון דעם ייִדישן פאָלקס־אַנסאַמבל "מיר זענען דאָ" ("אנחנו כאן")...

ס'איז געווען נאַטירלעך ווי אַלץ וואָס איז פאָרגעקומען ביז איצט, און אפשר אויך וווּנדערלעכער פון אַלץ, וואָס איז פאַרלאָפן אויף דער קאָנפע־רענץ.

דער דאָזיקער זינגענדיקער און טאַנצנדיקער חברה איז אָנגעקומען נישט גרינג ערגעץ דאָרט אין ווילנע, קאָוונע, קעשענעוו... זיי האָבן געקעמפט ווי די יונגע לייבן פאַרן ייִדישן וואָרט, פאַר דער ייִדישער קולטור אין די ברוטאַלע קלעמען פון צוואַנגס־אַסימילאַציע. זיי האָבן איינצייטיק אויך געראַנגלט זיך פאַר אַ פרייער עליה אין די געפערלעכסטע באַדינגונגען פון פאָליציי־טעראָר.

צווישן די העכער 100 אָנטיילנעמער פון אַנסאַמבל געפינען זיך אפשר נאָר אַ פּאָר פּראָפעסיאָנעלע אַרטיסטן. די איבעריקע זענען אַמאַטאָרן און דאָך צווייפל איך שטאַרק, צי מיר פאַרמאָגן כאָטש איין פּראָפעסיאָנעלן אַנ־סאַמבל, וואָס זאָל זיך קענען פאַרגלייכן מיט זייער פלאַמיקער און געש־ליפענער מייסטערשאַפט!

זיי זענען ליבהאָבער און אויך דאָ אין ישראל איז זיי נישט גרינג: יעדער איינער פון זיי איז פאַרנומען מיט זיין אַרבעט, אַריינגעטאָן אין פאַך, אין זיינע זאָרגן, און זיין... קליטה, זיי זענען צעוואָרפן אין פאַרשיידענע שטעט פון לאַנד... וויפל זשע ליבשאַפט און טרייִשאַפט באַדאַרף מען עס פאַר־מאָגן, כדי אויסצוהיטן און פאַרפולקומען אַזאַ מין קונסט־אַנסאַמבל!

זייער ייִדישע פּלאַסטיק, זייער געזאַנג, זייער אויסגעלייטערט, אין פרייד און אין פּיין, ייִדיש וואָרט! נאַטירלעך — אויך עברית און אוודאי אויך ישראל־ווירקלעכקייט, פאַרקערפּערט אין ליידנשאַפטלעכע זוניקע פילפאַר־ביקע ניגונים און טענץ!

אין זאַל זענען געזעסן געניטע טעאַטראַלן פון פּאַריז, ניו־יאָרק, בוענאָס־איירעס. איינער אַזאַ טעאַטראַל פון ישראל האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך געווענדעט צו מיר:

— ס'איז אפשר דער איינציקער, באמת נאַציאָנאַלער אַנסאַמבל, וואָס מיר פאַרמאָגן...

ס׳איז שווער צו שילדערן די רעאַקציע פון ריזיקן צושויער־זאַל: נאָך יעדער טאַנץ, נאָך יעדער ליד איז מען אויפגעשפּרונגען פון די פּלעצער. דער צענטויזנט־קעפּיקער עולם האָט מיטגעזאַגט, מיטגעזונגען, מיטגעוויינט און מיטגעלאַכט... און וויפל יונגע מענטשן צווישן זיי!

די קינסטלערישע אַרויסטרעטונג פון פּאָלקס־אַנסאַמבל ״מיר זענען דאָ״ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אמתן טריומף פון דער רוסלענדישער עליה, פון מדינת ישראל; און אַזוי נאַטירלעך און אַזוי וווּנדערלעך — אויך אין אַ טריומף פון אונדזער יידיש, וואָס קיינער אויף דער וועלט איז נישט בכוח געווען דאָס צו פאַרשעמען, ווייל פון הינטער די קוליסן האָבן ווי אַפּירגע־קוקט מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם, סע זענען אויפגעשטאַנען די קדושים־דיכטער, אומגעבראַכטע דורך היטלערן און סטאַלינען י״ש.

הינטער די קוליסן זענען געשטאַנען די ״ווילנער טרופּע״ און דער מאָסק־ווער מיכאָעלס־טעאַטער.

ווילנע, 1957. צווישן די אַרטיסטן פון יידישן פּאָלקס־טעאַטער — דער דיכטער **יאָסל קאָטליאַר** ע״ה (1) און דער מחבר (2).

1. דער יידיש-רוסישער ״סאַמיזדאַט״ אין ס״פ *

אָנהייבנדיק פון יאָר 1970, צו ערשט מיט די צוויי בראָשורן, אַרויסגעגעבן אין ריגע — ״עתון א׳״ און ״עתון ב׳״, מיט די אַ ביסל שפּעטער דערשינענע אין מאָסקווע 4 העפטן ״איסכאָד״ (יציאה), דערשיינט רעגולער ביז היינט דער יידישער ״סאַמיזדאַט״, אין תוך אַ יידישע אויסגאַבע אין רוסיש, צום אונטערשיד פון דער אָפיציעלער, אַנטי־יידישער אויסגאַבע מיט יידישע אותיות, וואָס רופט זיך ״סאָוועטיש היימלאַנד״.

די אַרויסגעבער, די מחברים און פאַרשפרייטער פון יידישן ״סאַמיזדאַט״ פאַרדינען, בלי שום ספק, אונדזער טיפסטע אָנערקענונג; אַדאַנק זייערע פּעריאָדישע פּובליקאַציעס ווערט אין אַ געוויסער מאָס צונישט די בלאָקאַדע אויפן סאָוועטישן יידנטום, ס׳ברעכט זיך דורך, אַ מאָל דאָ אַ מאָל דאָרט, די אייזערנע וואַנט, וועלכע דער סאָוועטישער רעזשים האָט געפּעסטיקט במשך פון קאַרגע 60 יאָר, אַ וואַנט, אויף אָפּצושיידן און אָפּצופרעמדן די רוסלענדישע יידן פון יידישן וועלט־פאָלק, — פון זיין דורותדיקן גלויבן, פון זיינע טראַדיציעס, פון זיינע נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן, פון זיינע געמיינזאַמע פאָלקס־אינטערעסן אין געראַנגל פאַרן קיום.

לאָמיר פאַרגעדענקען, אַז הגם דער יידישער ״סאַמיזדאַט״ ווידערשפּרעכט בשום אופן נישט דער לעגאַלער סאָוועטישער געזעצגעבונג, געפינט ער זיך אָבער אין אַ פּערמאַנענט־שטייגנדיקן קאָנפליקט מיט דער קוים־באַהאַלטענער סאָוועטישער געזעצלאָזיקייט. לאָמיר נישט פאַרגעסן, אַז ניט ווייניק מחברים, פאַרשפרייטער און אפילו לייענער פון אָט דער אויסגאַבע שמאַכטן

* רעפעראַט געלייענט אויפן אלוועלטלעכן סימפּאָזיום א.נ. ״דער יידישער זעלבסט־באַוווסטזיין און די פּראָבלעמען פון סאָוועטישן יידנטום״, קיבוץ קרית ענבים (12–13 יאַנואַר 1977).

נאָך ביז היינט אין די סאָוועטישע טורמעס און צוואַנגס־קאָנצענטראַציעס פון דעם שרעקלעכן ״גולאַג״. די מחברים פון דעם ״סאַמיזדאַט״, האָבן פון סאַמע אָנהייב, פונקט ווי די באַוועגונג, וועלכע זיי שטעלן מיט זיך פאָר, קיין מאָל זיך ניט אויסבאַהאַלטן אונטער קיין אַנאָנימע מאַסקעס — אַ זאַך, וואָס איז גראָד באַליבט און כאַראַקטעריסטיש ביי זייערע פאַרפאָלגער, דער אַלמעכטיקער געהיים־פאָליציי פון דער סאָוועטן־אימפּעריע.

אַט אין וועלכן מצב די גייסטיקע גיבורים פון יידישן ״סאַמיזדאַט״ האָבן שוין אויפגעטאָן און זעצן ווייטער פאָר אַ ריזיקע פיאָנערן־אַרבעט, אָן אַרבעט צו וועלכער ס׳וועלן זיך נאָך נישט איין מאָל ווענדן די געשיכטע־און קולטור־פאָרשער פון אונדזער פאָלק.

סכעמאַטיש וואָלט איך די דאָזיקע אַרבעט זייערע איינגעטיילט אין צוויי ריכט־ליניעס:

1) דאָס אַנטפּלעקן און באַקאַנט מאַכן די פרייע וועלט און די יידן פון גאָר דער וועלט מיט דער גאַנצער פּראָבלעמאַטיק פון די רוסלענדישע יידן. דאָס ווערט געטאָן דורך פאַרעפנטלעכן בריוו און פעטיציעס — קאָלעקטיווע און פערזענלעכע, דאָקומענטירטע מאַטעריאַלן, געשיכטע־פאָרשונגען, כראָניקעס, זכרונות און טיילווייז — ליטעראַריש־קינסטלערישע ווערק.

2) אַ גיגאַנטישער, וואָלט איך געזאָגט, אַנשטרענג אויפצולעבן דעם גייסטיק־נאַציאָנאַלן מדבר, איבער וועלכן ס׳וואָגלען אַרום שוין יאָרצענדליקער די סאָוועטישע יידן. אַ פּרווו אויפצווועקן פון פינצטערניש זייער נאַציאָנאַלן זכרון און זעלבסט־דערקענטעניש.

אין דער הינזיכט זענען ביז גאָר אינטערעסאַנט און באַלערנדיק די ערשטע פיר זאַמלונגען א.נ. ״יידן אין פסס״ר — מאַטעריאַלן געווידמעט דער געשיכטע, קולטור און פּראָבלעמען פון די יידן אין ס״פ״. (צונויפגעשטעלער פּראָפ׳ אַלעקסאַנדער וואָראָנעל און וולאַדימיר יאַכאָט). באַלערנדיק זענען די פאָרשידנאַרטיקע אַרויסזאָגונגען פון אַ גאַנצער ריי יידן־אינטעלעקטואַלן, ס׳רוב פון יונגן דור, דעם שפּראַכלעך־און קולטור־אַסימילירטן: באַטראַכטונגען אויף דער טעמע: ווער בין איך און מיין שייכות צום יידישן פאָלק.

ס׳רופן אַרויס אינטערעס די ביז גאָר ערנסטע פאָרשונגען און עסייען פון די פּראָפעסאָרן וואָראָנעל און אַזבעל, פון יאַכאָט, סאָקאָליק, רובין און אַנדערע אַרבעטן, אין וועלכע די מחברים פּרווון זיך, דער עיקר מיט

אייגענעם כוח הדימיון און כוח הערודיציע, פאַרטיפן אין מקור פון אונדזער עצם־עקזיסטענץ, זיי פּרוּוון אפילו פילאָזאָפיש באַהאַנדלען די גאַנצע פּראָבלעמאַטיק פון פאָלק ישראל במשך פון דורות... און דאָך מוז מען ליידער זאָגן, אַז ס׳איז שווער זיך צו באַפרייען פון אַ געוויסן ביי־טעם פון דילעטאַנטישקייט, וואָס בלייבט איבער נאָכן דורכלייענען אַ טייל פון אָט די אַרבעטן.

די סיבה, מיין איך, ליגט אין דער טענדענץ פון וועלן קינסטלעך צונויפ־קניפּן דעם אויפשטייג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער באַפרייונגס־באַוועגונג אין ס״פ בעיקר מיטן נצחון פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, בעת אָט דער נצחון האָט, וואָס אַן אמת, טאַקע געדינט אַלס אַ שטויס־קראַפט, אָבער דעם גרונטלעכן חשבון הנפש האָט דאָס רוסלענדישע יידנטום געמאַכט שוין פיל פריער — דורך די שלאַכטן קעגן נאַציזם, דורך די געטאָס און גאַז־קאַמערן פון דער דייטשישער יידן־אויסראָטונגס־פּאָליטיק און שפּעטער דורך דעם סטאַליניסטישן פאַרמעסט פאַרצוזעצן און פאַרענדיקן דאָס, וואָס היטלער האָט נישט באַוויזן אָפּצוטאָן מיטן יידישן פאָלק.

אין אייניקע אַרבעטן פון ״סאַמיזדאַט״ וואַרפט זיך אויך אין די אויגן די טענדענץ פון אַריבערוואַרפן אַ בריק פון איצטיקן געראַנגל פאַרן קיום העם און קיום המדינה — דירעקט און בעיקר צו דער תקופה פון תנ״ך, פון אַוועקמאַכן מיט דער האַנט דורך עפּעס אַ מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס פון ״אָפּגעשטאַנענקייט״ און ״קליינשטעטלדיקייט״ די נעענטערע פאַרגאַנ־גענהייט פון אונדזער גלות־געראַנגל און גלות־קולטור.

אָבער דאָס איז, קלערן מיר, נישט אַזוי געפערלעך, נאָך דעם ווי מיר האָבן שוין ב״ה איבערגעלעבט די קינדער־פּלאָג פון פאַרשידענע מינים ״כנעניזמען״... דער עיקר איז דאָך פאַרט דער עכטער יידישער פונק. דאָס געוירשנטע, כ׳וויס נישט דורך וועלכע ווונדערלעכע גענעץ, יידיש פייער פון וועלן זיך דערגרונטעווען צום מקור, צום תוך, צום אמת וועגן יידישקייט, וואָס איז אַזוי פיל מאָל פאַרקריפּלט פאַרליגנערט געוואָרן דורך דער אָפיציעלער סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע און אירע יודענראַטלער — פון דער יעווסעקציע ביז צו ״סאָוועטיש היימלאַנד״.

ביי אַזאַ גרויסער און פּיאָנערישער אַרבעט, וועלכע ס׳טוט דער יידישער ״סאַמיזדאַט״, קענען אוודאי זיין דורכפאַלן, ס׳קאָנען אויפקומען שוין לאַנג פאַרשוווּנדענע קאָנצעפּציעס, מע קאָן אפילו אויך ס׳ניי דערפינדן אַ... סאַמאָוואַר... דאָך — כל הכבוד פאַר אָט די מוטיקע מענטשן, וואָס האָבן

צייטנווייז, ניט לויט זייער שולד, אַ קנאַפּע פאַרשטעלונג וועגן יידישן לעבנס־שטייגער און יידישע פאָלקס־טראַדיציעס.

איינע פון די, אַזוי צו זאָגן, אויף ס׳ניי דערפונדענע ״סאַמאָוואַרן״ איז די אַרויסגערופענע, ווייזט אויס פון יענער וועלט, אַלטע אַלטערנאַטיווע: ״עברית או רוסית״... נאָך שענער: אפילו ״רוסית או עברית״...

מילא, זאָגן מיר: יידישע קולטור און דער רוסישער שפּראַך? — פאַר וואָס טאַקע ניט? בפרט, אַז די סאָוועטישע הערשנדיקע ״מומחים״ אין געביט פון דער נאַציאָנאַליטעטן־פּאָליטיק ווערן דאָך ממש צעמישט און אויפגעטרייסלט פון אַזאַ מין נייער זשידאָווסקע חוצפּה!

הערט נאָך אַ מעשה: שוין דרייסיק יאָר ווי ס׳איז אויסגעקאַרטשעט געוואָרן די יידישע קולטור אין ס״פ, 25 יאָר זינט סע זענען מערדעריש אומגעבראַכט געוואָרן די וויכטיקסטע יידישע שרייבער, קינסטלער, קולטור־טוער און קיינער פון די מערדער קלערט אפילו ניט צו שלאָגן זיך על־חטא... אמת, צוליב טאַקטיק און ניט אָן קיין דרוק פון אויסן, איז דערלויבט געוואָרן אַ חודשלעכער זשורנאַל ״סאָוועטיש היימלאַנד״, וואָס איז לויטן געוויסן פּסוק ״סאָציאַליסטיש״ לויטן אינהאַלט און נאַציאָנאַל לויט דער פאָרם״...

קומען גאָר איצטער, דרייסיק יאָר נאָכן חורבן יידיש, קומען גאָר איצטער יידישע יונגעלייט און דרייען איבער דעם סטאַליניסטישן פּסוק מיט דער פּוטער אַראָפּ: סע האַרט זיי בישט, זאָגן זיי, די פאָרם זאָל זיין רוסיש, אַבי דער אינהאַלט זאָל טאַקע זיין אַ יידישער!...

יאָ, די פורעמער פון דער סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק ליידן אַוודאי גרויס בויך־ווייטיק פון אַזאַ מין חוצפּה און ס׳איז שווער צו וויסן, מיט וואָס קען זיך ענדיקן זייער גרימצאָרן. לאָמיר האָפן, אַז צום גוטן: מיט — אַ נייער גרויסער עליה.

אַלזאָ, איך, וועמען ס׳איז ליב און טייער יידיש־לשון און יידישע קולטור, דאָס וואָס אייניקע ״העברעיסקי רוסיטן״ האָבן לעצטנס אָנגערופן אויף זייער באַליידיקנדיקן עם הארצישן זשאַרגאָן ״יידישיסטקאַיאַ קולטוראַ״, איך, ווי די מערהייט יידישע שרייבער און קולטור־טוער, בין ווייט צו זיין אַ יידישיסט. איך שרייב ניט קיין יידישיסטיש, איך שרייב יידיש. איך קרענק, חלילה, אויך ניט אויף קיין ״רק״־יידיש. און ווייל ביז היינט־צו־טאָג איז יידיש ווייס איך, די איינציקע אַלוועלטלעכע בינד־שפּראַך פון מזרח־אייראָ־פּעישן יידנטום און ווייל ביז היינט איז יידיש־לשון און די יידישע קולטור

איינע פון די שטאַרקסטע דאַמבעס קעגן אַסימילאַציע, בין איך מיטן גאַנצן האַרצן פאַר יידישקייט, אין וועלכער שפראַך סע זאָל נישט זיין — אויך אין רוסיש.

איז מיר טאַקע אַ ביטערע חרפה פאַר אייניקע אינטעלעקטואַלן אונדזערע פון יידישן "סאַמיזדאַט" אין וועמענס אַרבעטן (ציטירן וואָלט פאַרנומען צו פיל צייט) איך געפין גאַנץ אָפט אַ ביטול־באַציונג צו דער "אָפּשטאַרבנ־דיקער" נעבעך "יידישיסטקער קולטור פון די אָפּגעשטאַנענע שיכטן"; און נאָך ערגער — אָפט קאָן מען אויך געפינען לויטן סאָוועטישן נוסח, אַ קאַטעגאָרישן טויט־אורטייל אויף אַ שפּראַך און אויף אַ קולטור, וועגן וועלכער זיי האָבן נישט קיין מינדסטע אַנונג.

דאָס איז דערפאַר, וואָס איז זייער קאַטעגאָרישער אומוויסנהייט אידענטי־פיצירן זיי יידיש מיט יעווסעקציע, יידיש מיט "סאָוועטיש היימלאַנד", מיט ווערגעליסן און מיט דער רוח ווייסט מיט וואָס נאָך פאַר אַ פּאַסקודסטווע.

אויף וויפל אַזאַ מין פאַלשע אידענטיפיקאַציע קאָן מיט זיך ברענגען גאָר אַ גרויסן שאָדן פאַר אונדזערע געמיינזאַמע קולטור־אינטערעסן איז נייטיק צו ברענגען כאָטש אַ קורצן, זאָל זיין אַ סכעמאַטישן איבערזיכט צו דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור, וועלכע איז אַזוי ברוטאַל פאַרשניטן געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

2. צו דער געשיכטע פון אַ פאַרשניטענע קולטור

יידישע קולטור אין ס"פ איז אייגנטלעך צו אַ ברייטער געביט, וועל איך מיך טאַקע באַגרענעצן בלויז צו איין אינטעגראַלער טייל פון אָט דער קולטור, צו דער סאַמע טראַגישער צווייג אירער — צו דער יידישער ליטעראַטור.

די עלטערע, די ראשונים, די וואָס האָבן באַוויזן צו שאַפן אַ ריי וויכטיקע ווערק נאָך ביז דער רעוואָלוציע — דוד בערגעלסאָן, דער נסתר, דוד האָפשטיין; די יינגערע — אַשר שוואַרצמאַן, פּרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ, אהרון קושניראָוו און אַנדערע האָבן אויפגענומען די אָקטאָבער־איבערקע־רעניש מיט גרויס באַגייסטערונג, פונקט ווי די ברייטסטע פאָלקס־מאַסע, פון וואַנען אונדזערע שרייבער און פּאָעטן זענען געקומען. זיי האָבן געזען אין דער רעוואָלוציע די איינציקע רעטער פון פאַרהאַסטן צאַריזם, פון די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מאַסן־פּאָגראָמען, זיי האָבן געזען אין דער רעוואָ־

לוציע — סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע אויסלייזונג. זיי האָבן געזען די רוס־לענדישע רעוואָלוציע מיט יידישע אויגן.

כדי צו באַשטעטיקן אָט דעם געדאַנק איז גענוג ווידער אַ בלעטער טאָן די גאונישע עכט־יידישע לידער פון יענעם פּעריאָד ביי דוד האָפשטיין: "רויטע בליטן", "געראַכטיקייט", "מיר שטאַמען פון פעלדזן"... מע קאָן ציטירן אַן אַ שיער די ווערק פון בערגעלסאָן, מאַרקיש, קושניראָוו, קוויטקאָ און אַנדערע. אָבער צוליב מאַנגל אין אָרט וועלן מיר ניט ציטירן קיין איינע פון אָט די פּרעכטיקע שאַפונגען.

כ'וועל זיך בלויז באַגנוגענען מיט ציטירן אַן אַרטיקעלע פון נאָך איין וויכטיקן דיכטער, וועלכן כ'האָב נאָך ביז איצט ניט דערמאָנט — דאָס איז עזרא פינינבערג.

צום סוף פון זיינעם אַ פּאָעטישן מאמר — "זינגענדיקע מרידה", געדרוקט אין דער ליטעראַרישער זאַמלונג "אָקטאָבער" פאַר 7טן נאָוועמבער 1922 שרייבט ער אויף דער טעמע — די רעוואָלוציע און דער יידישער דיכטער:

"אים האָט צום אַלעם ערשטן פּאַרכאַפּט, דאָס וואָס איז דער נאָענטסטער קרוב צו זיין עצם, דעם עצם פון יידישן דיכטער: דער גראַנדיעזער פּאַר־מעסט, דער ריזיקער מיין, דאָס הויך־גייסטיקע, דאָס ביבליש נביאישע, דאָס וואָס ביי אים איז אין אייגן בלוט אַ ירושה פון אַמאָל, פון דורות פּאַרצייטיקע.

ס'האַנדלט זיך וועגן רעאַליזירן אַ טרוים וואָס אייגענער מזרחדיקער אור־אַלט האָט זיך מיט אים אַרומגעטראָגן. איז עס הייליק. און מע דאַרף מיטגיין, מע מוז מיטגיין..."

און אָט טאָקע פאַר דעם "ביבליש־נביאישן, וואָס אין אייגן בלוט", פאַר דער יידישער "ירושה פון אַמאָל, פון דורות פּאַרצייטיקע"... האָבן די סאָוועטישע מאַכטגעבער קיין מאָל נישט מוחל געווען און געררודעפט די יידישע ליטעראַטור ביז צו דעם טאָטאַלן מאַרד איבער אירע גרונט־שעפער.

קיין איינער פון די אויבן־אויסגערעכנטע שרייבער און דיכטער האָט ניט אויסגעמיטן די אומרחמנותדיקע ברוטאַלע "אַטאַקעס" מצד די יעווסעקישע קולטור־קאָמיסאַרן — די דונעצעס, אַרשאַנסקיס און בראַנשטיינס, "דעם שטינקפויגל מוילי", ווי לייב קוויטקאָ האָט געקרוינט דעם ראַפּינירטן, דעם סאַמע אינטעלעקטועלסטן צווישן זיי — דעם "עמעס"־רעדאַקטאָר משה ליטוואַקאָוו...

און דאָך האָט די יידישע ליטעראַטור פון ס"פ אין ערשטן יאָרצענדליק פון איר עקזיסטענץ באַוויזן ניט נאָר צו בענטשן, נאָר אויך צו שעלטן. די

שרעקלעכע פּאָגראָמען אין אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד האָבן אַרויסגערופֿן די ערשטע פּיינפולע אַנטוישונג אין דעם פֿריער אידעאַליזירטן "ברודער־גוי".

אויפטרייסלענדיק זענען די קינות איבערן טויט און חורבן פון גאַנצע יידישע קהילות. אומשטערבלעך וועט פאַרבלייבן אין אונדזער ליטעראַטור די עפּאָפּייע פון נאַציאָנאַלן קלאַג און פּראָטעסט. דוד האָפשטיינס "אוקראַי־נע", "דאָס ליד פון מיין גלייכגילט", "אין פאַלן"... "די קופּע" פון פּרץ מאַרקיש, די פּאָגראָם־לידער פון לייב קוויטקאָ, קושניראָווס "הזכרה", איציק קיפּניסעס "חדשים און טעג"...

שפּעטער, ווען אין די ניט־לאַנג פּאָגראָמירטע שטעטלעך האָט זיך אויפ־געהויבן אַ צווייטע טעראָר־כוואַליע, איצטער שוין דירעקט מצד די סאָווע־טישע מאַכט־אָרגאַנען — די ליקווידאַציע פון יידישן מיטלשטאַנד, דער צעיושעטער כוליגאַניזם פון די אַזוי גערופענע "קריגערישע אַפּיקורסים" ביים צעטרייבן און ליקווידירן חדרים, שילן, בתי מדרשים און אַנדערע יידיש־רעליגיעזע אינסטיטוציעס, דאָס פאַרניכטן די ערשטע, שוואַכע נאָך, שפּראָצונגען פון דער העברעיש־סאָוועטישער קולטור; שוין דאַן, אין דער בלי־צייט, אַזוי צו זאָגן, פון יידיש, האָט דער דעמלט יונגער נאָך שמואל האַלקין אַרויסגעבראַכט פאַלגנדיקע נביאישע שורות אין זיין ליד "רוסלאַנד": "אויף ווהין באַשווערן איצט וואַסערן, / אויף ווהין, צו וועלכע לענדער?

/ גליקלעכע רוסלענדער גאַסן / אין אייך מיר וועלן זיך ענדיקן... / ניט באַשערט געוועזן ביז היינט / זען אונדז אויסגיין אונטער ווילדער ירושה / און איצטער מיר גייען אין שפּאַן / און שטאַרבן פון אייערע קושן".

אַוודאי האָבן יידישע דיכטער אונטערן פּרעס פון יעווסעקישער טעראָר־קריטיק און צייטנווייז אפשר אויך מחמת "נאַיווער פאַרגלויבטקייט אין גערעכטן "מידת הדין פון "פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם", געפּרוווט פון זיך אָראָפּוואַרפן די דורותדיקע יידישע ירושה־לאַסט, מען האָט זיך געצאַפּלט פון ווייטיק, שניידנדיק פון זיך פאַסן, און ס׳גרילצט נאָך ביז היינט אין אונדזערע אויערן דאָס פאַרצווייפלטע ווײ־געשריי פון שעפערישן זעלבסטמאָרד אין די צופעליק אַרויסגעכאַפּטע שורות: "פאַרגייט, פאַרגייט, איר אומעטיקע זיידעס"..., "שטעטעלע, פאַרשווינד!"..., "וואָס דאַרף איך שבת...", "אַ שלאַנג זיך ציט נאָך זיידנס ניגון און פול מיט סם דעם זיידנס כוס"...

אָבער ייִדישקייט אַ׳ז געווען און אויף שטענדיק פאַרבליבן ביי זיי אין בלוט און נישט אומזיסט האָט דוד בערגעלסאָן מיט יאָרן שפּעטער, שוין ערב זיין טראַגישן סוף מיט גרויס התלהבות באַגריסט דעם ניי־אויפגעגאַנ־גענעם שטערן פון אונדזער פראָזע ערגעץ אין די גרויע הימלען פון דרום־אוראַל. וואָס האָט באַזונדערס גערירט ביי דער יונגער שרייבערין אַנאַ סטעלמאַך? טאַקע די גלאָריפיקאַציע פון פריער פאַרשוועכטן "זיידנס כוס" און "זיידנס ניגון"! אָבער אַנאַ סטעלמאַך האָט אויפגעשיינט און איז תיכף פאַרשלונגען געוואָרן אין דער קאַלטער פינצטערניש.

פון מיטן די דרייסיקער יאָרן הייבט זיך אויך אָן די ליקווידאַציע קודם פון די ייִדישע שולן, מיטל־שולן, ביבליאָטעקן, צייטונגען, מוזיי־און קלוב־ווען א.א.וו. אין די יאָרן 1936—1938 זענען אַרעסטירט און שפּעטער אומגעבראַכט געוואָרן אַ גאַנצע ריי שרייבער, קינסטלער, ליטעראַטור־פאָר־שער, היסטאָריקער, צווישן זיי אַזעלכע באַרימטע, ווי איזי כאַריק, משה קולבאַק, זעליק אַקסעלראָד, מאַקס עריק, ישראל צינבערג, ראַפּאַלסקי און פיל פיל אַנדערע; ס׳איז פאַרניכטעט געוואָרן די יעווסעקציע צוזאַמען מיט אירע טאַנגעבער, ס׳איז ענדלעך ליקווידירט געוואָרן דער מאָסקווער "עמעס"...

איצט ווייסן מיר שוין, אַז די קאָמוניסטישע פּאַרטיי און איר געהיים־פּאָליציי האָט שוין דאַן פאַרפּלאַנירט איר מאָרד־אַקציע איבער דער גאַנצער ייִדיש־סאָוועטישער קולטור. דער אָנפאַל פון דייטשישן נאַציסטישן אָקופּאַנט און די פאָלקס־מלחמה קעגן אים האָט צייטווייליק אָפּגעשטעלט סטאַלינס בלוטיקע האַק איבער דער ייִדישער קולטור.

בעת דער מלחמה האָט זיך מיט אַ באַזונדער קראַפט אַנטפּלעקט דער קעמפערישער עכט־נאַציאָנאַלער גייסט פון דער ייִדישער ליטעראַטור. די ווערק פון בערגעלסאָן, דער נסתר, מאַרקיש, קוויטקאָ, פיינינבערג, קוש־ניראָוו, האַלקין, פעפער, ליפע רעזניק, כאַשטשעוואַצקי, די ווערק פון דער ייִנגערער פּלעיאַדע שרייבער־פראָנטלייט און פאַרטיזאַנער האָבן געאָטעמט מיט גאָר דעם צער־און־צאָרן, מיט גאָר דעם טראַגישן גורל פון ייִדישן פאָלק, וועלכן די נאַציסטישע רוצחים און זייערע מיטהעלפער האָבן געיאָגט צו די גאַז־קאַמערן און מאַסן־קברים.

צענדליקער ייִדיש־סאָוועטישע שרייבער זענען העלדיש געפאַלן אויף די שלאַכט־פעלדער קעגן פאַשיזם, צום רום פון סאָוועטישן רוסלאַנד.

אין דריי יאָר אַרום נאָך איר גרויסן נצחון, האָט סאָוועט־רוסלאַנד, ווי

איר ווייסט, אָפּגעצאָלט דערפאַר דער יידישער ליטעראַטור, אָפּגעצאָלט מיט מאַסן־אַרעסטן, מיט מאָרד און פּאַרטיליקונג.

אַצינד, ווען מיר פירן אונטער אונדזער טרויעריקן סך הכל, דערזעען מיר ערשט, אַז די יידיש־סאָוועטישע ליטעראַטור האָט אייגנטלעך עקזיס־טירט ניט מער ווי קאַרגע דרייסיק יאָר, אָבער לויט די וואָגיקע ווערק, וועלכע זי האָט געשאַפן, לויט איר שטענדיק־גליענדיקער יידישקייט, ניט געקוקט אויף דעם טאַטאַלן טעראָר, לויט איר פיינלעכן דערנער־וועג צו איר טראַגישן אומקום, וואָלט עס געקלעקט נישט אויף קיין 30, נאָר אפשר אויף 300 יאָר!

מע וואַרפט פאָר אָט דער ליטעראַטור, אַז זי איז צייטנווייז פאַרפלייצט געוואָרן דורך "סאָצרעאַליסטישער" גראַפאָמאַניע, אַז אירע שעפער האָבן אין זייערע ביכער געפּרעדיקט די רוצחישע "גענעראַלע פּאַרטיי־ליניע" וועגן "פאַרשטאַרקטן קלאַסן־קאַמף", אַז זיי האָבן אין זייערע בלוטלאָזע אָנגעצווונגענע שאַפונגען געלויבט דעם "געניאַלן פירער", דעם גרויסן פעלקער־מערדער יוסף סטאַלין ימ"ש...

געוועזן אויך דאָס!...

אָבער ס'ווילט זיך מיר פרעגן די אַלע קלוגע יידישע פּראָקוראָרן איבער יידישע קדושים: צי דען איז די זינד פון אַזעלכע אַנעמישע, שוין לאַנג פאַרגעסענע לויב־געזאַנגען טאַקע אַ גרעסערע ווי די זינד ביי יידישע וויסנשאַפטלער, אינזשעניערן און טעכניקער, וואָס האָבן מיט זייער טאַלאַנט און וויסן געפעסטיקט די סאָוועטישע מיליטערישע מעכטיקייט, וועלכע באַדראָט איצט אונדזער קיום?

צי דען האָט, למשל, איציק פעפער מיט זיינע נאַרישע "פלאַקאַטן אויף בראַנדזע" אָנגעטאָן מער שאָדן דעם יידישן פאָלק ווי, לאָמיר זאָגן, דער אַוויאַציע־קאָנסטרוקטאָר גורעוויטש מיט זיינע "מיג"־עראָפּלאַנען?...

ס'ווילט זיך מיר פאַרענדיקן מיט דער גרויסער האָפענונג, אַז אפשר וועט אָט דער קורצער, סכעמאַטישער איבערבליק צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין ס"פ אָנרעגן אונדזערע ליטעראַטור־וויסנשאַפטלער און קולטור־פאָרשער, זיי זאָלן ערנסטער און גרינטלעכער אויספילן אַ גרויסן נאַציאָנאַלן חוב: רעהאַביליטירן ענדלעך, די ביז איצט נישט רעהאַביליטירטע דורך קיינעם, געשענדעטע און געשאַכטענע גרויסע פאָלקס־קולטור פון סאָוועטישן יידנטום.

יידישע דיכטער
אויף רוסישער ערד

יידיש

מיין שפּראַך, מיין לידערטראַכט,
מיין זאַפטיק יידיש וואָרט!
דיין פרישקייט נעמען אָן אַלס אַ געמיש
דרייגאָרנדיקע שוטים...
באַהאַלטסט פון זיי די אוצרות אויס
אין יענעם טיפן אָרט,
ווו די נשמה פונעם פאָלק
טריפט זינגעוודיק און לויטער.

געטריבן האָט מען דיך,
פאַרחוזקט און פאַרדייטשט
— "אַ חוצפה פון אַ דינסט!" —
האָבן יחסנים זיך געחידושט,
ווען ווי אַ שאָלעכץ האָט אַ פלאַץ געטאָן
דאָס ביסל עברי-טייטש
פאַר דער פאַרפלייצונג פון המונישן
און יאָדערדיקן יידיש.

דיין ווײַן, ווי רײַנער ניינציקער
איז בריענדיק און שטאַרק,
נאָר ניט באַשערט איז מיר מיין דאָרשטיקייט צו לעשן
ביים בדחן, ביים געזעל און ביי די סעדעבעס אין מאַרק,
וואָלט איך אַרומגעגאַנגען בעטלען דיינע רעשטן...

נאָר קיינער איז נישטאָ.

אין מינסק, אין פינסק, אין דאַשעוו און אין שקלאָוו
דאָס ווייסע ציגעלע נאָך שוועבט פאַריתומט איבער קברים,
ווען ס׳ווייסט ווי ס׳רוט מיין מאַמע ערגעץ אין איר לעצטן שלאָף,
ווי אַ מצבה וואָלט עס דאָרט געוויס פאַרשטיינט געוואָרן...

נאָר קיינער איז נישטאָ.

אין וואַרשע, ווילנע, טעפּליק, מאָנאַסטרישטש
דיין ״טאַטע זיסער״ טראָגט זיך אום צוזאַמען מיטן
״שמע-ישראל״ דאָרטן,
דער ווינט האָט זיי נאָך וואַרעמע פון מיילער אָפּגעווישט,
ווי בלומען פריש פאַרבלוטיקטע פון אַ צעשטערטן גאָרטן...

די צאַרטע בלומענבלעטעלעך פון טויט באַהאַלט איך אויס,
נאָר ניט ווי שמות הייליקע פון אָפּגענוצטע ספרים, —
זיי שטאַרקן מיר דאָס האַרץ און האַרטעווען מיין פויסט
און טרייסטן טראָט ביי טראָט אויף שאַרפן שטיין און דאָרן.

אָ, גיב, עברית, מיר אָפּ דיין שטראָפנדיקע שווערד,
ווייל שטאַרקער פונעם טויט איר דורותדיקער שניט איז —
ס׳גייט ווידער אָפּ מיט בלוט,
אויף ס׳ניי פאַרגוואַלדיקט ווערט
דיין יינגסטע
און דיין שענסטע שוועסטער —
יידיש!

וואָרקוטאָ 1953.

דוד האָפּשטיין

"אין ווינטער-פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער"...
ווו האָסטו פאַרענדיקט דיין ביטערע עלטער?

מיין שטילער, מיין צאַרטער, מיין ליכטיקער, דיכטער,
די פינצטערניש ווערט אַלץ געדיכטער, געדיכטער

און בלויז דיין געזאַנג האָט אַ קרייז אויסגעשניטן:
"אַ פערדל אַן אַלטינקס, אַ סקריפּענדער שליטן"...

און ענג איז די וועלט און פאַרקלעמט צווישן וואָלקנס —
"ס'איז פאָלג מיך אַ גאַנג" פון דער היים ביז דער וואָלגע,

ס'אַ פראָסט און אַ וויוגע, געבויגן אין דרייען,
דו שפּאַנסט און דיין שפּור אויפן שניי איז ווי פּייער,

און ס'גליווערט דאָס האַרץ און סע לעבערט דעם אויער
דיין יידישער טרויער, דיין רוסישער טרויער...

אַ לעבן איך זע און ביים טויט זען כ'וועל ווידער —
דו פאַלסט אויפן באַרג פון געקוילעטע לידער

און ס'טרעט איבער דיר — דיין באַרימטע "פּראָצעסיע",
ווי קאָן איך, ווי' מעג איך, ווי טאָר איך פאַרגעסן —

זיי זענען אַוועק. ביסט געבליבן אַן עלנטער
אין ווינטער-פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער...

ביי ווענען זיך אָנפרעגן, וועמען דען מאָנען,
סע פלאַטערן פאָנען, געשענדעטע פאָנען.

זיי ווערן אַלץ בלאַסער און בלאַסער, און בלאַסער
און איבערן מויל שוין דערגייט אונדז דאָס וואַסער,

נאָר ס׳בלוטיקט דער זויבערער שניט פון דיין דיכטונג,
ווי ס׳בלוטיקט דער מיזרח-ראַנד,
איידער ס׳ווערט ליכטיק —

ווער האָט עס געקלערט: מיר׳ן שטרעקן די העלדזער?
„מיר שטאַמען פון פעלדזן,
מיר שטאַמען פון פעלדזן!"

מאָסקווע, 1956

דאָס געזאַנג וועגן מאַרקישן

פּרץ מאַרקיש,
פּרץ מאַרקיש!
ס׳רוישט ניט קיין וואָלינער מאַרקטאָג —
אין דער שיין פון רוסלאַנדס שייטערס
טראָגן זיך די רויטע רייטער,
ס׳פאַלן ברידער,
ס׳בלוטן לידער,
ס׳גייען אויס פון בענקשאַפט מאַמעס,
נאָר ס׳גייט אויף אויף ס׳ניי און ווידער
אונדזער וועלט אין וויי און פלאַמען.

ס׳ווייען ווינטן פון דיין עפּאָס
ביי קורגאַנעס איבער סטעפּעס...
ס׳בלייבט דער זונאויפגאַנג
פאַרחידושט
אינעם אויפגאַנג אויפן דניעפּער
פאַר דיין מענה-לשון ייִדיש!...

שלאַכטן, שלאַכטן, ווידער שלאַכטן.
ס׳קראַכט זיך ראַנגלענדיק די געטאָ,
סטאַלינגראַד — די שונאים שמעטערט,
ווי מיט אויפרייסשטאָף —
אַ פראַכטצוג,
האָסט אין ערגעץ ניט פאַרשפּעטיקט.

פּרץ מאַרקיש.
פּרץ מאַרקיש!
ווי אַ שטורעמדיקער באַרגטייך,
וועלכער וואַרפט זיך פון די הייכן,
וווּ קיין אָדלער טוט ניט גרייכן,
אָט פון דאָרט וווּ ווינט מיט כמאַרע
קושן שנייען מיידלש-ריינע

שליידערט זיך אַראָפּ דער באַרגטייך
און פאַרצוימען קאָן אים קיינער!

ס׳האָט געפּרוּווט זיך
טויט און אימה
אָט דעם דראַנג זיך קעגנשטעלן,
האָט ער זיי באַהערשט ווי שוועלן
צוליב ליכט
פאַר פאָלק און היימלאַנד!

ניט געדאַגהט! ניט געדאַהגט!
ס׳וועט אונדז אויך דער טויט פאַרבייגיין —
ס׳לעבט און זינגט,
ווי קיין מאָל שטאַרק איז —
פּרץ מאַרקיש,
פּרץ מאַרקיש!

נאָוועמבער 1960.

אַ וואָרט וועגן לייב קוויטקאָ

ווי האָבן די וויסטע שונאים
אָפּן אים געקוקט אין פּנים,
קאַלט געצילט און אויסגעשאָסן,
מיט אַ קויל זיין מויל פאַרשלאָסן !...
כ׳ווייס ניט.
כ׳ווייס, אַז אַ פאַררעטער —
פוילן וועט ער פרי׳ר צי שפּעטער...
אָבער קוויטקאָ,
קוויטקאָ לייב —
בלייבן לעבן וועט, איך גלייב !

חכמה נעם ביי גרייזע זקנים,
ריינקייט — ביי די קינדער קליינע,
שמעלץ און מיש עס אויס אין איינעם —
איז דאָס קוויטקאָ.

צאַרטקייט באָרג ביי גוטע מאַמעס,
האַרטקייט — ביי די דעמבנשטאַמען,
שמעלץ און מיש עס אויס צוזאַמען —
איז דאָס קוויטקאָ.

שעפּ די ערד, וואָס טוט אונדז נערן,
שעפּ פון הימל קוישן שטערן, —
וועל איך זאָגן, וועל אין שווערן :
דאָס איז קוויטקאָ,
קוויטקאָ לייב,
וואָס וועט בלייבן לעבן,
כ׳גלייב !

1957

1. ביי האַלקינס אָרון

געשטרעקט האָט זיך די האַק פון אָט דער שעה,
איר דראָענדיקע שאַרף איז איבער אונדז געהאַנגען...
און אָט איז דאָס געשען, —
ס'איז האַלקין שוין ניטאָ,
דאָס לידערפולע האַרץ איז אויסגעגאַנגען.

געשטאָרבן איז ער, מע דערציילט, אין שלאָף,
פאַרשפּאָרט אַן איבעריקן מאָל דאָס אויג פאַרמאַכן...
צי שטעלט איר זיך דען פאָר אַן אַנדער סוף? —
דער טויט האָט ניט געוואָגט, ווען ער פלעגט וואַכן.

קיין שליטה ניט געהאַט האָט איבער אים דער טויט,
כאָטש אויף אַ הערעלע דאָס האַרץ האָט זיך געהאַלטן,
ווי יענער דורכזיכטיקער, פולער טראָפּן טוי,
וואָס דאַרף אָט באַלד פון בלעטעלע אַ פאַל טאָן
און פאַלט ניט, ניין!

דער טויט האָט ניט געוואַגט
די ליכטיקייט פון זיין געזאַנג באַטרעטן...
ווען ער געזונגען האָט — פאַרשוווּנדן פלעג די האַק
און ס'פלעגט דער גזר זיך אָפּלייגן אויף שפּעטער.

און אָט איז דאָס געשען —
ס'איז האַלקין שוין ניטאָ!
ס'איז דאָ דער הימלבלוי, דער וואָלקנגרוי, דער שטערן,
די ערד איז דאָ. זיין ווי און מוט איז דאָ
און זיין געזאַנג, וואָס אונדז וועט עס געהערן!

2. בײם דענקמאָל

איבער אונדזוערע פרײלער-פאַרדאַגהטע קעפּ,
וואָס ווערן אַלץ ליכטיקער, קלאָרער און גרײזער,
דער מלאך-המוות מאַכט פינצטערע קרײזן,
אַזוי ווי דער שאָטן פון שפּאַרבער אין סטעפּ...

געצילט איז אין יעדן, ווײזט אויס, אָט די פײל
און יעדער פון אונדז וועט נאָך פיל ניט דערגעבן,
נאָר דער לײב, אויך אַ טויטער,
איז ליבער דעם לעבן,
אײדער די כלבים וואָס לעבן דערווײל.

מײן דיכטער, איך קום צו דיר —
פײנלאָז און פראָסט,
אַזוי ווי דער טוי-טראָפּן קומט אויפן גראָז,
אַזוי ווי דאָס ברויט און די זאַלץ אויפן טיש,
אַזוי ווי דײן וואָרט, וואָס איז לעבעדיק-פריש,

כ׳קום נאָך אַ מאָל זאָגן: ווי טײער די וואָר איז —
כ׳וועל קײן מאָל ניט זײן בײ דעם טויט קײן משרת!

3. אין מאַלאַכאָווקע

ווי דאַנקבאַר בין איך אָט דער ערד
וואָס האָט פון זיך אַרויפגעשאָסן
די שיטער-וואַקסנדיקע סאָסנעס.

ווען כ׳קום אין זײער קעניגרײך,
אויך איך, מיר דאַכט, ווער אויסגעגלײכט
צו קעפּ פאַרוואָרפן שטאָלץ און גרין
אויף שלאַנקע זײלן פון בורשטין

און צווישן סאָסנעס אומגעריכט:
דעם ערשטן האַרבסט — בעריאָזקעס פלאַמען.
זיי פלאַמען שטיל ווי יאָרצייטליכט
מיט מיר צוזאַמען...

יאָ, צווישן ביימער אויף דער ערד
געהיימער ווערט
און היימלער ווערט.
און טאַקע צוליב זיי, איך קלער,
די גרויקייט בלויט,
דער הימל הויך איז,
מיין פּיין צערינט היינט ווי אַ רויכל,
למאי געקומען כ׳בין אַהער
ווען ס׳לעבט ניט מער מיין ליבער דיכטער
און ס׳מאַכט ניט מער זיין שווערער טראָט
דעם וואַלד געדיכטער...

בנימין חייטאָווסקי

ס׳איז געשען, ס׳איז געווען און פאַרפלויגן
און ס׳וועט קיין מאָל ניט אומקערן זיך,
ווי די שיין צו פאַרלאָשענע אויגן,
ווי די פּיין צום פאַרשטיינטן געזיכט,

ווי דאָס קול דיינס, וואָס קלינגט נאָך אין אויער,
ווי דיין איינציקער ניגון און זאָג...
ווי זשע טרייסט מען די ברידער אין טרויער
ביים פאַרשטומטן געפאַלענעם גלאָק?

ס׳איז געשען, ס׳איז געווען און פאַרפלויגן
און דו וועסט עס ניט קערן צוריק — —
ס׳טראָגט דאָס ליד זיך ווי פייל אויסן בויגן
און דער בויגן צעבראָכן שוין ליגט...

כ׳וועל צעפליקן די פענטעס פון טרויער,
ווייל ס׳איז נייטיקער אפשר פון ברויט,
דאָס ליד, וואָס דו האָסט אַ געטרייער
געזונגען להכעיס דעם טויט.

בנימין הייטאָווסקי, געבוירן אין 1916, אין דער ליטע, שטאַמט פון אַ באַרימטער משפחה חזנים און פֿאַלקס־זינגער. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה העלדיש געקעמפט קעגן די נאַציסטן אין די רייען פון דער ״ליט־ווישער דיוויזיע״, וועלכע איז באַשטאַנען בעיקר פון... יידישע יונגעלייט.

אין איין צייט מיט נחמה ליפשיץ אָנגעהויבן אַרויסצוטרעטן מיט יידישע לידער און גאָר גיך געוואָרן באַליבט ביים יידישן עולם פון ראַטנפאַרבאַנד.

פרי געשטאָרבן. מען האָט אים באַערדיקט אויפן ווילנער בית החיים לעבן קבר פון זיין פריינד, דעם דיכטער **יאָסל קאָטליאַר**, וועמענס נאַציאָנאַל־געשטימטע לידער ער פלעג אַזוי שיין זינגען...

געוועזן אַ שיינער און מוטיקער ייד. כבוד זיין אָנדענק!

אַ באַגעגעניש
מיט יאָסל קאָטליאַרס אייניקל

צי האָב איך געקלערט
און צי האָב איך געמיינט ?
אַז עדות מיין האַרץ איז,
וואָס בענקט און וואָס וויינט...

איך האָב ניט געקלערט :
אַז דערזעען קאָן מען דיך,
אַזוי ווי מע זעט אין אַ שפּיגל
ביי ליכט,

דערזען
אין דיין אייניקלס פּנימל קלאָר :
ס'איז יאָסל, מיין פריינד, —
זאָל עס פעלן אַ האָר !

ס'האָט פּאַלאַנגע גערוישט
אויף די זאַמדן ביים ים,
שעמערירט האָבן כוואַליעס
מיט זוניקן פלאַם,

פון דעם דאָזיקן טאָג
האָט געקאַפּעט מיט גאָלד
און דער ים אויף צוריק
מיט בורשטין האָט געצאָלט...

און דיין שטים איז
דערגאַנגען צו מיר דורכן ווינט,
ווען געדריקט כ'האָב צו זיך
אָט דאָס דאָזיקע קינד...

ס'האָבן אייגעלער אירע
פֿאַרחידושט געפֿרעגט,
צוליב וואָס כ'האָב דעם זיידן
אין זיי אויפֿגעוועקט...

ס'איז יאָסל, מיין פֿריינד!
און איך האָב זי געגלעט
און כ'געדענק שוין ניט וואָס
כ'האָב צו איר דאַן גערעדט,

נאָר זי האָט ניט באַנומען
קיין וואָרט פֿון די רייד...
ווי אַ טעפּער די וועלט
האָט פֿאַר איר זיך געשפּרייט.

ס'האָט געקאַפּעט מיט גאָלד
פֿון דעם דאָזיקן טאָג.
ניט באַפֿלעקט איז איר וועלט
מיט קיין וואָלקנדל פּלאָג...

צווישן סאָסנעס און ים
האָט פּאַלאַנגע גערוישט...
אָ, מיין פֿריינד, ס'איז איר וועלט,
ווי די אייביקייט גרויס —

זאָל כאָטש זיין דאָרט אַן אָרט,
זאָל אַ ווינקל כאָטש זיין
פֿאַר דיין זינגענדיק וואָרט,
פֿאַר דיין זוניקער פּיין.

מאַמע-לשון

מיין מוטערלעכע שפּראַך,
מיין יידיש מאַמע-לשון,
דיין פּלעמעלע, מיר דאַכט,
אַט ווערט עס אויסגעלאָשן . . .
אַט האָט מען פראַנק-און-פריי
דיין שריפט אויף בליי צעגאָסן,
דערנאָכדעם מיטן בליי —
די דיכטער אויסגעשאָסן.

אַט האָט מען שטיל, אָן רעש,
פאַרברענט שוין דיינע ספרים
און ס'האָבן זייער אַש
די ווינטן שוין באַוואָרנט.

נאָר ס'פּיקט זיך אויף דער צונג
דאָס לשון דאָס פאַרווערטע,
ס'טוט ממזריש אַ ווונק
פון ערגעץ ווי אַ ווערטל,

ס'טוט פּלוצעם, ווי אַ בליץ
פון צווישן שווערע כמאַרעס,
אַ שניידנדיקער וויץ
אויף המנען, אויף פּרעהן,

אַ ניגון טוט אַ נעם,
אַ צוף פאַר דער נשמה
און ס'פּלייצן פון דער פרעמד,
פון אַלע זייטן שטראָמען —

סיי לעבעדיק, סיי טויט,
סיי יונגע און סיי אַלטע, —

ניטאָ נאָך יענע נויט,
וואָס קאָן דעם גאַנג פאַרהאַלטן.

די מיילער — טרוקן-בראַנד,
ווי צו אַ קוואַל זיי קומען:
אַ ייד און אַ מאַראַן,
אַ גר און אַ משומד.

מע קומט אַהין ווו ס׳רופט,
מיט אויפרייס אָנגעלאָדן,
דאָס הייסע וואָרט, אין לופט
אין פרישער אויסגעבאָדן.

און ס׳קלינגט און זינגט און לאַכט
דער גאַנצער וועלט אויף חידוש,
מיין יאָדערדיקע שפּראַך,
מיין מאַמע-לשון יידיש.

מאָסקווע, 1961

צום לעצטן מאָל בײם דענקמאָל פֿון שלמה מיכאָעלס.
דער מחבר און זײַן פֿרוי אַניע קערלער פֿאַר דער
עליה קײן ישׂראל (1971).

נאָכוואָרט פון מחבר



דאָס בוך "12טער אויגוסט, 1952" איז אייגנטלעך אַ טייל פון אַ גרעסער ווערק א.ג. "די רייזע אויף צוריק (וואָרקוטאַ־ירושלים)".

אין קומענדיקן בוך, וועלכן איך פאַרענדיק בקרוב, זענען איינגעשלאָסן דערציילונגען און זכרונות פון די טורמע־און לאַגער־צייטן, ווי אויך דאָקומענטירטע פאַרצייכענונגען וועגן געראַנגל פון די רוסלענדישע יידן פאַר זייער נאַציאָנאַלן קיום און פאַר אַ פרייער עליה קיין מדינת ישראל.

דער 12טער אויגוסט, 1952. ריכטיקער — ערב און נאָך דער דאָזיקער בלוטיקער דאַטע, — אַט די טעמע האָב איך קוים באַרירט, ווייל איך שילדער נאָר יענע געשעענישן, וועלכע איך אַליין האָב מיטגעמאַכט, — נאָר דאָס, וואָס האָט זיך פאַרקריצט אין זכרון און פאַרשניטן זיך אין האַרץ.

איך בין שוין איצט עלטער פון דעם יינגסטן צווישן די צעשאָסענע דאַן דיכטער — דעם 52 יעריקן איציק פעפער...

אין יאָר 1948, איידער מע האָט אים צוגענומען אין אַרעסט, האָט ער פאַרשריבן:

ווער האָט דערלויבט מיר רויק זיין
און אָפּנעמען די רו ביי די, וואָס ליגן אין די קברים ?
ס'איז זייער רו. ס'איז זייער שלאָף. ס'איז אונדזער פּיין...
עס קוקט דער צער צו מיר און מיינט, אַז איך בין אָרעם,
נאָר רייך בין איך מיט מיין נישט מוחל זיין.

און דאָס איז אויך מיין "רייכקייט", מיין אויסגעפּלאָגטע גרויזאַמע עשירות, מיין אויסגעבלוטיקטע ליידנשאַפט.

דער מחבר גיט זיך אָפּ אַ חשבון, אַז די דאָזיקע זאַמלונג איז ווייט פון דעם, וואָס פעןּ־מענטשן רופן "איינהייט פון סטיל". דאָ וועט דער לייענער געפינען זכרונות, ליטעראַרישע פּאָרטרעטן, פּובליציסטיק און אפילו רעפּאָרטאַזש. אָפט מאָל פלעכטן זיך איבער די אַלע זשאַנערן אין איינער און דער זעלבער אַרבעט...

אָבער אַזוי זעט אויס מיין לעבן און אַזאַ, זעט מיר אויס די אחריות, וואָס דאָס בלינדע גורל האָט אויף מיר אַרויפגעשליידערט.

אויב ס'איז נייטיק זיך אַנטשולדיקן פאַרן טייערן לייענער און באַזונדערס, פאַר מיינע פריינד־קאָלעגן, וועלכע האָבן אפשר דורכגעלעבט עפּעס וואָס ענלעכס און קלערן אפילו נישט באַרירן, חלילה, די "זשאַנער־איינהייט" — בעט איך ביי זיי גאַנץ אויפריכטיק זיי זאָלן מיר מוחל זיין אָט דעם גרויסן חטא.

איך ווייס איצט, ליידער, איין איינהייט — די איינהייט פון יענער ליידנשאַפט, וואָס כ'האָב שוין דערמאָנט: די ליידנשאַפט פון קיינמאָל נישט פאַרגעסן און קיינמאָל נישט מוחל זיין!

און נאָך אַ זאַך — ס'ווילט זיך מיר אין דער שטיל האָפן, אַז מיין אַרבעט איז נישט אויפן ווינט:

ערגעץ ווו האָט זיך מיר אפשר איינגעגעבן אויפלעבן די טייערע פאַר מיר געשטאַלטן, די לעצטע שעפער פון אַ צעשאָסענער יידישער קולטור; אַ קולטור, וואָס ווערט נאָך ביז היינט ניט דערשאַצט און אפילו פאַרשוועכט סיי אין דער רוסלענדישער פעלקער־טורמע, סיי אויף דער דאָזיקער פרייער און... גאַנץ פינצטערער וועלט.

יוסף קערלער

ירושלים, אויגוסט 1977

אינהאלט

זכור

אַ הספד איבער צעזייטע קברים 7

ביים אָנהייב פונעם סוף 30

1. אין רעסטאָראַן ״ביראָבידזשאַן״
2. און ווידער אין מאָסקווע
3. מיט דוד האָפשטיין
4. ביי דער פאַרחתמעטער טיר
5. דער זייגער האָט געשלאָגן . . . דרייצן
6. ביים ״אַלטן״
7. בנימין זוסקין
8. דער נסתר

מיט פּרץ מאַרקיש 77

הזכרה (אַ וואָרט וועגן אַהרון קושניראָוו) 89

נאָך אַלעמען . . .

ביים דענקמאָל פון מיכאָעלס 107

מיט צען יאָר שפּעטער 109

עדאַ זוסקינאַ טאַנצט 111

וועגן צוויי יידישע אַקטריסעס 114

1. אַ וואָרט וועגן עדא בערקאָווסקא 115
2. וועגן ליאַליע ראָם ז״ל 117

די יידיש־סאָוועטישע דיכטונג אין דעם נאָך־סטאַליניש ן פּעריאָד 123

שפּעטערדיקע באַמערקונגען 150

עליה

די צעשטערטע לעגענדע וועגן "שווייגנדיקן יידנטום" 157
אַרום דער בריסעלער קאָנפערענץ 172
1. דער יידיש־רוסישער "סאַמיזדאַט" 196
2. צו דער געשיכטע פון אַ פאַרשניטענער קולטור 200

יידישע דיכטער אויף רוסישער ערד...

יידיש 205
דוד האָפשטיין 207
דאָס געזאַנג וועגן מאַרקישן 209
אַ וואָרט וועגן לייב קוויטקאָ 211
ביי האָלקינס אָרון (1) 212
ביים דענקמאָל (2) 213
אין מאַלאַכאָווקע (3) 213
בנימין חייטאָווסקי 214
אַ באַגעגעניש מיט יאָסל קאָטליאַרס אייניקל 216
מאַמע־לשון 218

נאָכוואָרט פון מחבר 221